STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04327

FUN RUSLAND

Zusman Segalowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. סעגאלאוויטש.

פון רוסלאנד

פון דער רעוואלוציע.

פערלאג א. גיטלין

ווארשע

DRUK. SIKORA I MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

צעבראכענע זיילען

די גלייכגילטיגע.

איך וועל נישט פערגעסען די ערשטע טעג פון דער רוסישער שמחה, איך געדיינק, גאנץ גוט איך בין ארויסגעלאפען פון שטוב בלויז אלס א צוקוקער און א זעלכער בין איך אויך געבליבען ביז'ן סוף. נאר אפטמאל פלעגט דער שטראם מיך אריינגעמען אינמיטען און מיטטראגען איבער גאסען און געסלאך אויף מיטינגען און מאניפעסטאציעס. עס קאן זיין, גאנץ מעגליך, אז איך האב געעפענט מיין מויל און אויך געשריען ביז הייזעריג: „הורא" „הורא", און געשריען „עס לעבע" און „נידער". גענוי געדיינק איך עס ניט. נאר און גאס צו אלעמען בין איך ארום אלס א צושויער. דאס איז געווען א גרויסע העזה פון א קליין מענשעלע: הערסטו! נעמען אזא געשעהעניש, וואס פאסירט אפשר איינמאל אין דער וועלט, נעמען אזא פאסירונג און עס מאכען פאר א בעאבאכטונג. .

הונדערטער טויזענטער מענשען זיינען אין גאס ארום מיט פרייד-געשרייען, אלטע מיט איינגעפאלענע ברוסטען, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, ווי א שטראם האט זיך עס געטראגען איבער די גאסען. און פון הילכיגען „הורא" האט זיך מעהר נישט געהערט איין לאנגער-לאנגער צוזאמענגעגאסענער: „רא" „רא"...

הונדערטער פּאָנען, רויט און רויטער, בלוט און פּורפּור. קליינע און גרויסע שטאַנדאַרען. גאָלדענע אויפשריפטען. מונטערע אויסגעשריייען. בייזע פויסטען און האַרציגע שמייכלען פון פרוי און קינד.

און איך האָב געזעהן די העזה, געוואָלט דאָס פאַרבייגיין, בלויז מיט די אויגען אַ קיק טאָן און אַוועקגיין, פערצייכענען אין זכרון און אַוועקגיין. ניין, דער שטראָם האָט מיך מיטגעשלעפט און נישט איינמאל האָט זיך מיר טרערען געשטעלט אין די אויגען... איך בין געגאַנגען אין דער מאַסע פון צענדליגער טויזענטער מענשען. פון דעכער און באַלקאָנען דאַבען אויף אונז געקוקט אַנדערע טויזענטער אויגען. איך בין געגאַנגען אויף די אַלטע קברים פון געפאַלענע קעמפער און אויף נייע לויות פון היינטיגען טאָג. דער אַלטער גלויבען האָט זיך ביז דער טיפסטער נאַאיוויטעט אויפגעוועקט און עס האָט פער'שכור'ט. ביינאַכט פלעג איך קומען צו גיין אַהיים אַ מידער, ווי פון אַ פריילעכע, צופרידענע חתונה איך פלעג פאַלען אויף מיין געלעגער און פון אַלע טויזענדער אויגען וואָס איך האָב היינט זיך אָנגעזעהן, פלעגט ווערען איין גרויסע פּאָר אויגען, דאָ מיט צאָרן, דאָ מיט שמייכעל, דאָ שווייגענדיג פערקלערט, אין דער ווייט פערקוקט און באַלד ציגנדט זיך ווידער אין זיי אָן אַמעכטיגער פערלאַנג צו הערשען און שטרייטען, צו בעגראָבען אינאַנצען דעם שוואַרצען נעכטיק...

אין די אויערן פלעגט אַ גאַנצע נאַכט קלינגען דער „הורא", אָדער דער לאַנגדויערענדער „ראַ", ראַ". און דער פריה בעגינען הילכט שוין ווידער די מאַרסעליעזע אונטער'ן פענסטער און רופט, רופט...

עס דוכט זיך, אַז בלויז טויטע דאַרפען דאָ היינט זיין גלייכגילטיג, איך לויף ווידער צום עולם. איך וואַרף די אויגען, איבער די פּאָנען, איבער אַלע פאַרביגע טיכלאַך, היט און פּאַפּאַכעס, וועמען זעה איך דאָ נישט אין עולם? סיביריאַקעס, טאָטערן, כינעזער און יאַפּאַנער, בריטבייניגע מאָסקאַלען און דאַרע יודעלעך, זעלנער, סטודענטען, שילער און אַלע אינאייניגעם ליאַרמען—עך! דער הימעל איז, דוכט זיך, היינט אין סכנה: באַלד וועט איהם אויף דער ערד אַראָפּשלעפּען, אַט רעדט ווער פון אַ באַלקאָן, אַ צווייטער שרייט עפּעס פון אַ בוים, אַ דריטער פון טראַמוויי-סלופּ. אַלע האָבען עפּעס צו זאָגען און אַלעמען דאַרף מען אויסהערען, עס

דוכט זיך: די מויערן, די גרויסע, וועלען אָנהויבען צו ריידען, די ווענט, די שטיינער...

דאָך, ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? צי בלויז אַ צופאַל, אָדער מיין אַלטער ספק האָט מיך אָפּגעהאַלטען אויף אַ רגע? איך בין געבליבען אַליין אויפ'ן טראָטואַר, אַליין, אַליין. דער גאַנצער שטראָם איז אַוועק פאַראויס. פּונקט ווי דער ים, וואָס לאָזט איבער אַ שפּענדעל אויפ'ן זאַמד.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: פון ווייטען האָב איך נאָך געזעהן דעם פלאַטער פון די פאָנען און געהערט האָב איך נאָך די געזאַנגען, נאָר איך בין שוין געווען אַליין. געטומען האָב איך זיך אַריינציהען אין זיך צוריק ווי אַ מויער-קאָפּ און דאָך בין איך אַביסעל פערשעמט געבליבען.

פאַרוואָס בין איך נישט מיטגעגאַנגען? וואָס טו איך דאָ אַליין אויפ'ן טראָטואַר? אין דעם דערהער איך פון אַ פענסטער אַן אומגעריכטע פראַזע:

— „שלאָג דעם פּונפּצען!“ איך קוק זיך אַרום און איך זעה אויף די פענסטער איז אָנגעשריבען: „ביליאַרדען“. געה איך אַריין אינעווייניג און ערשט דאָ דערזעה איך די אמת'ע „גלייכגילטיגע“ אַרום עטליכע גרויסע טישען טאַנצען מענשען מיט די גרויסע שטעקענס, ווי זעלנערס מיט פּיקעס, און מען שלאָגט דעם „פערצען“.

אַרום איז אָנגערויכערט. פון וואַנט קוקט פון אַ גאָבעלען אַראָפּ אַ ברייטער ברעטאָנעץ און גיסט ווייַן פון אַ קרוג אין אַ בעכער. שטיל און געמיטליך. און די לייט מיט די שטעקענס זיינען אַזוי פערטאָן... הערט זיך איין! די וועלט האָט זיך צוטרייסעלט. טראָנען און קרוינען וואַלגערן זיך אין שטויב. האַמערס קלאַפּען און שמידען נייעם גליק. אַזוי זינגט מען אין די גאַסען, אַזוי דערציילט מען אויף יעדען טריט...

— „קלאַפּט דעם דרייצען, לייג אים אַוועק.“ — שרייט איינער און זיי בעמערקען אַפילו נישט, אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער מענש אַרום די ביליאַרדען. אַ מענש, וואָס קען נישט זיין אינגאַנצען גלייכגילטיג. די שאַרען לויפען אַזוי פריילין אויף דעם גרינעם גלאַטען לייוונט, די בליקען זיינען אַזוי צונויפגעפּרעסט און אָנגעשטריינגט און מיך ציהט, דוכט זיך, ווידער אויפ'ן גאַס. און אפשר בלייבען דאָ? אפשר זיינען די לייט מיט די שטעקענס גערעכט?

מאָסקווע רעדט.

I.

דאָס איז געווען אין מאַי 1917, דאָס איז אויך געווען אין יוני, יולי, אויגוסט פון דעם זעלבינען יאָר... ביז דעם בעריהמטען אָקטאָבער, ווען דער באָלשעוויזם האָט מיט בליי און בלוט איבערגעריסען די מיטינגען אויף די מאָסקווער גאַסען און בולוואַרען.

מאָסקווע האָט גערעדט. גאַנץ רוסלאַנד, די 160 מיליאָנען מענשען האָבען דאָס מויל געעפענט און גערעדט. יונג און אַלט, פעאָדאַל און פויער, בירגער און סאָלדאַטען—אַלע האָבען מיט אַמאָל געבראַכט זייערע גרויסע און קליינע אמת'ן און עס אַרויסגעוואָרפען פאַר אַלעמען און פאַר יעדערן. גערעדט האָט מען דאַן הויך אויפ'ן קול, מיט פייער, מיט גלויבען; גערעדט האָט מען און שיינק, אין די צערקווען, אין די טראַמוואַיען און אין די טעאַטערען, נאָר מאָסקווע האָט אויך געהאַט צוויי הויפט-פינקטען, וואו מען האָט גערעדט ממש די גאַנצע פיר און צוואַנציג שעה פון מעת-לעת. דאָס איז געווען ביי פושקינ'ס דיינקמאָל אויף טווערסקאָי בולוואַר און ביי סקאָבאָלעוו'ס דיינקמאָל. דער ערשטער אַלס סימוואָל און בעווייז פון דער רוסישער קולטור און דער צווייטער אַלס בעווייז און סימבאָל פון דער רוסישער מאַכט און זיג.

אויף די בולווארען האבען זיך די בוימער פינאנדערגעוואקסען ברייט־גרין, ארום האט געבליהט און געלויכטען. יונגע שקצים פליהען ארום מיט בלומען, דער אלטעגליכער גערויש הערט נישט אויף און מאניפעסטאציעס בעווייזען זיך כמעט יעדע שעה. נאר דא ביי פושקינ'ס דיינקמאל ווערט דער עולם נישט קלענער, און די גאנצע צייט האלט זיך עמיצער אנגעשפארט אן טשוגונענעם ביוסט פון גרויסען דיכטער, און רעדט און רעדט.

און פושקין אליין האט געשוויגען, די האנט פערלייגט אין בוזעם, די אויגען אויסגעשטרעקט אין דער ווייט א ביסעל... וויפיל האט ער זיך אנגעהערט קלוגע און נארישע רייד, וויפיל אמת'ע הארציגע רעדעס פון געוויינליכע פאלקס־רעדנער און וויפיל פאלשע דעמאגאגישע רעדעס, די רעדעס, וועלכע האבען רוסלאנד געבראכט צו אזא רואינירונג.

פושקין דער גאון פון רוסלאנד האט געשוויגען, פונקט ווי ער וואלט געפיהלט, אז די שרעקליכע צושטערונג מוז קומען.

עס זיינען ליכטיגע און דונקעלע טעג געוועזען און ווייסע פער־חלומ'טע נעכט זיינען דורכגעשוואומען. ארום די צווי דערמאנטע דיינק־מעלער איז גאנץ מאסקווע דורכגעגאנגען טעג און וואכען און חדשים, צום אנהויב מיט התפעלות און פרייד, שפעטער מיט אויפרעגונג און צארן און צום סוף מיט בלוט און ווילדקייט.

נאר דעמאלסט האט זיך אויסגעדרוקט, אז די מחנות מענשען וועלען זיך שוין פון מאנומענט ניט אפקלעבען און אייביג, אייביג וועט מען אזוי ריידען וועגען גוטס און שלעכטס, וועגען ברידערליכקייט פון אלע מענשען.

צום ערשטען האט מען דערציילט די גרויסע נסים, ווי אזוי דער צאריזם. איז געפאלען. מען האט גערעדט רוהיג, אהן נקמה־אויסרופען, דערנאך האט מען גענומען ריידען, ווי אזוי מען בעדארף איצט בויען דאס לעבען. נאר די עיקר־פראגע איז געוועזען, צי מען דארף ווייטער פיהרען די מלחמה. אט ארום דער דאזיגער פראגע האט געברענט א פייער. קערענסקי'ס נאמען פלעגט דערמאנט ווערען מיט אפלאדיסמענטען. קע־רענסקי'ס בילד פלעגט זיך יעדע ווילע אויפהויבען איבער דעם פיל־קע־פיגען עולם, נאר אויך דעמאלסט האט ער שוין געהאט א סך פערביסע־

נע נעגנער. „נעגון בלוט, נעגון מלחמה״ — פלעגט זיך הערען און אזעלכע אויסרופען האָבען זיך אָנגעהויבען אלץ מער.

.III

אונטער פושקינ׳ס ביוסט שטעלט זיך אַוועק אַן אינוואַליד מיט איין פוס. די קוליע זיינע הויבט ער אויף און שרייט איבער אַלעמען: „חברים! מען טאָר ווייטער נישט פיהרען די מלחמה, וואָס ווילט איר פון דער גאַנצער וועלט קאַליקעס מאַכען, אַ בית-עולם מאַכען!״.

זיין שפּיטאָל-פּנים ציטערט, די אויגען ברענען און עס גייט אַוועק אַנ׳ערציילונג וויפיל האָט ער זיך שוין אויסגעליטען. ער דערציילט אַלץ, אַלע קליינינקייטען פון זיין לעבען, אַז ער האָט אַ ווייב מאַטרענע מיט צוויי קינדער, אַז איין קינד איז געשטאָרבען און פאַר׳ן טויט האָט עס דעם טאַטען דערמאָנט. ער דערציילט אויך, אַז אַמאָל ביי ניקאָלאַי׳ען נאָך, האָט ער עפּעס בעצאָלט אַן איבריגען נאַלאָג און ער האָט פרע-טענזיעס. און אָט אַזוי דערציילט ער זיינע קליינע פּרעטענזיעס פאַר דעם גרויסען רוסלאַנד ביי דעם דיינקמאָל פון איר גרעסטען דיכטער. אים פערבייט אַ צווייטער אינוואַליד. אויך מיט איין פוס. יענער ווידער שרייט אַז די מלחמה דאַרף מען יאָ פיהרען און ברענגט זיינע פשוט׳ע אַרגומענטען. דער עולם איז געדולדיג און הערט אויס אַלעמען. עס בע-ווייזט זיך אַ יודיש פּנים. ער דערציילט, אַז איצט נעכטיגט ער פריי אין מאָסקווע און האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט. נאָר די אַלע רעד-נער ציהען נישט צו קיין נייעם עולם. פערקערט, דער גוזעמעל אַרום דיינקמאָל ווערט עפּעס קלענער. עס דאַרף קומען אַ ווילנער נומער, אַ שלאַג-וואָרט און יעדעס מאָל בעווייזט זיך אַזאַ נס: עמיצער מעלדעט זיך צום וואָרט ביי דעם נישט אויסגעקליבענעם פאָרזיצענדער און עס דערהערען זיך פרישע דרייסטע און אויך פיל מאָל טאַלענט-פולע רעדעס.

.IV

איינמאָל צוגייענדיג שפּעט ביי נאַכט צו פושקינ׳ען, האָב איך דאָרט געפונען אַ גרויסען עולם. דער „מיטינג״ איז אין פולען גאַנג. אי-

בער אַלעמען האָבען געקוקט אַ פּאָר בייזע האַלב-ווגלאָזע אויגען פֿון אַ גאַסען פֿרוי. זי האָט געשריען:

—איר ווייסט פֿון רויטע קאַמפּס-פֿאָנען; פֿון פֿאָנען, וואָס פֿלאַטערן אויף די פּאַלאַצען פֿון די בעזיגטע. איר ווייסט פֿון שוואַרצע פֿאָנען, פֿאָנען פֿון טויט און ראַכע, נאָר איר ווייסט נישט דעם שרעק פֿון דער געלער פֿאָן, פֿון אונזער פֿאָן.

דערבײַ האָט זי אַרויסגענומען איר געלען פּאַספּאָרט און זיך געלאָזען ריידען מיט היץ, מיט האַס צו אַלץ און צו אַלעמען.

דאָס איז געווען עפּעס אַ נייעס, דאַן אינמיטען דער גאַס. עס האָט אַרויסגערופֿען אַן עפֿעקט. די רעדנערין פֿון דער געלער פֿאָן האָט מען אויף די הענט געטראָגען.

און אַנטקעגען שטייט דער „סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר“ און בליצט מיט זיינע „ציבעלעס“ — אַזוי הייסען בײַ די מאָסקווער די קופּאָלען — און קלינגט זיך פֿאַרנאַנדער שטיל-שטיל אין די ערשטע בלייכע פֿאַרטאָגשטראַלען און דו שפּרייזסט פֿון פֿערזאַמעלטען עולם, וואָס בלייבט שוין ביז אין דער פֿריה, בײַ „סקאָבעלעוו'ן“, אָדער בײַ „פּושקינ'ען“. שפּרייזסט אויף די ליידיגע גאַסען און טראַכסט דערבײַ: צי קומט ער טאַקי שוין משיח, אָדער די מענשהייט לעבט דורך אַ נייע פּאַטאַמאָרגאַנאַ...

מען קניהט.

אויף די גאַסען, האָט מען געזאָגט, געפינט זיך אַ פערטיל מיליאָן מענשען. דער גרויסאַרטיגער פּלאַץ אַרום „ווינטער-פּאַלאַץ" איז געווען בעשאָטען מיט שוואַרצע פינטעלאַך. די מיליאָנען-גאַס, גאַנץ נעווסקי פּראָספעקט, אויף אַלע דערבייאיגע גאַסען,—אומעטום האָט זיך די מאַכע בעוועגט און לאַנגזאַם געשוואומען ווי אַ ים.

אומעטום האָבען זיך געהוידעט די רויטע פאָנען און שטאַנדאַרטען מיט גאָלדענע ווערטער, מיט שוואַרצע אויפשריפטען. אַנדערע פאָנען זיינען שוין בלייך געווען, ווייל נישט די ערשטע מאַניפעסטאַציע האָבען זיי שוין דורכגעמאַכט. אַנדערע האָבען העל געלויכטען מיט זייער בלוט-פאַרב. זיי האָבען זיך אַראָבגענידערט און ווידער זיך אויפגעהויבען, פונקט ווי רויטע זעגלען אין לאַנגזאַמען ווינט.

אויף יעדען שריט און טריט האָט מען גערעדט: פון אַ טריבונע, פון אַ באַלקאָן, פון יעקאַטערינאַ'ס דיינקמאָל.

די ווערטער: „חברים" זענען געפאַלען ווי אַ האָגעל. עס האָבען גערעדט מענער און פרויען, אינטעליגענטען און אַרבייטער: „חברים". דאָס וואָרט האָט זיך געשפּילט אויף דער זון און געלאָפען צו טויזענטער אויערן.

דער עולם האָט זיך לאַנגזאַם בעוועגט. מען איז דאָס געגאַנגען צו „מאַרסאָווא פאָלע“ אָבגעבען כבוד די געפאַלענע. און די רעדנער זיינען געגאַנגען מיט׳ן עולם, פונקט ווי די ארטילעריע מיט אַ מחנה סאָלדאַטען און כסדר באָמבאַרדירט דעם המון מיט היציגע און מונטערע דרשות.

מען איז געגאַנגען פאָראויס, אַלע מיט איין פערלאַנג און ציל.

און פלוצלינג...

בײ איסאַקאָווסקי סאָבאָר, אָט בײ דעם וואונדערבארען רוסישען בנין, האָט דער עולם גענומען פאַלען און קניהען און צלמ׳ן האָבען זיך אַלע גענומען.

וואָס איז געשעהען? ווי קומט עס צום פרייען פאָלק? די רעדנער האָט מען אויפגעהערט צו הערען. פאַליע מענשען נאָך פאַליע האָבען זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן ברוק, אויפ׳ן טראָטואַר... וואָס איז געשעהען?

פון סאָבאָר זיינען אַרויס עטליכע גלחים מיט גרויסע גאָלדענע צלמים און איינער פון זיי האָט גענומען ריידען צום המון: „אין נאָמען פון גאָט“. זיינען עטליכע רייהען געפאַלען אויף דער ערד און די איבעריגע נאָך זיי.

עס איז נישט געווען קיין קראַפט זיי אָפצוהאַלטען. די רעדנער זיינען געבליבען שטיין מיט פערגליזערטע ווערטער אויף די ליפען און געקוקט אויף די ליגענדיגע מתפללים.

וואו פרייהייט? וואו קאַמף? וואו צוקונפט?

די רויטע פאָנען האָבען זיך צונויפגעוויקעלט און די זון האָט געשאָטען איר גלייכגילטיגען גאָלד ווי פריהער.

מען טיילט.

אַ שווערער אויטאָבוס האָט זיך אַרײַנגעריסען אין דער געדיכטען מאַסע און איידער דער עולם האָט זיך בערוהיגט, איז שוין געשטאַנען אַ יונגערמאַן איבער אַלעמען אויף דעם הויכען וואָגען און גערעדט מיט פייער:

—וואָס שפּאַצירט איהר מיט די פאָנען? די בורזשויעס זיצען אין די פּאַלאַצען און איהר שפּייזט זיך אַליין מיט שיינע רעדעס, מיט צו־זאָגענישען.

—„נידער מיט די אַנאַרכיסטען!“—גיט ווער אַ געשריי פון עולם.

די מענשען ווערען אויפגערעגט. מען איז שוין גרייט זיך צו וואַרפען אויף דעם יונגענמאַן.

נאָר דער יונגערמאַן און עטליכע זיינע בעהעלפער נעמען טיילען דעם עולם פערשידענע חפצים, מיט וועלכע דער אויטאָבוס איז אָנגעלאָדען.

עס ווערט אַ שטופעניש. אַלע ווילען עפּיס בעקומען. דאָס האָבען די אַנאַרכיסטען צוראַכירט ערגיץ אַ פּאַלאַץ און מיט אַזאַ סאָרט אַגיטאַציע ווילען זיי נעמען דעם המון.

עס געלינגט זיי:

אלע הענט שטרעקען זיך צו זיי. איינער כאפט א קאסטיום, דער צווייטער וועש, דער דריטער א בילד, א סטאטוע פון בראנז, דערנאך גייען קלענערע זאכען: סערוויזען, לעפעל, גאפעל, און פארפאר. די גאס זעהט איצט אויס ווי א גרויסער מארק. די זאכען גייען באלד אוועק אין האנדעל און בייט.

די פיהרער, די געגנער פון די אנארכיסטען טראגען זיך אפ. זיי קאנען דא גארנישט מאכען, ווען די ערגסטע אינסטינקטען האבען זיך צושפילט.

עפיס א קריסטין אין שווארצען אנגעטאן, שטייט פון ווייטען און וויינט, ריידענדיג אויפ'ן קול:

—וואס וועט זיין פון דעם? גאט אין הימעל!

„העי, גענעראל!“

ביי אלעקסאנדער דעם דריטענס דיינקמאל גייט א מיטינג: עס איז ווארעם און ליכטיג ארום, דעם עולם האט שוין דערעסען איסצו־הערען אלע רעדנער. זיצט מען דא אויף דער ערד, אויף די שטיינער און מען שיילט סעמעטשקעס. איינער איז ארויפגעקראכען אויפ'ן דיינקמאל און האט זיך אנידערגעזעצט ביי דעם ברייט־באַרדיגען אלעקסאנדער אויפ'ן קאפ. דערביי מאכט ער פערשידענע מינעס און קרימט זיך און רעדט גראבע רייד. דער עולם לאכט, נאר עס ווערט אויך דערעסען. וואס ווייטער? מיט וואס ווילט מען זיך ווידער. שיקט גאט צו א גענעראל.

ער גייט פארביי א רוהיגער, אן אפגעזונדערטער, דער שינעל עפענט זיך און דער רויטער אונטערשלאק רייצט אלעמענס אויגען. ווער איז דאס היינט גלייכגילטיג צום רויטען קאליר...

—„העי, גענעראל!“—דערלאנגט א געשריי איינער פון די גאסען־ליידיג־גייער.

—גיב דיין שינעל. מיר ווילען מאכען א פאן פון דעם רויטען אונטערשלאק! דער גענעראל גייט ווייטער און ווער ווייס, וואס עס טוט זיך אין זיין הארץ אין דער רגע.

דער פונק איז געווארפען געווארען און דער עולם ניט זיך א לאז צום גענעראל. עס ווערט א שטיקעל סומאטאכע. עס בעווענען זיך הענט אין דער לופטען און זידלערייען לויפען... דער שינעל איז שוין אין די הענט פון המון. מען קערט עס איבער אויף דער לינקער זייט, מען הענגט עס אן אויף א שטעקען און מען לאזט זיך אוועק איבער די גאסען מיט דעם נייעם שטאנדארט, זינגענדיג די מארסעליעזע.

ביינאכט.

פאַרהאַן אַ מיסטישער אומעט אין די פּעטערבורגער ווייסע נעכט. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען די גאַסען ביינאַכט זעהר בעלעבט געווען, מענשען זיינען אַרומגעקראָכען ווי די שאָטענס. עס זיינען פאָרגעקומען פיל מיטינגען מיט הייסע רעדעס, מיט מונטערע אויסגעשרייען, נור מאָדנע אָבגעשטאָרבען האָט עס אָבגעקלונגען. די הויכע, בלייכע הייזער זיינען ווי פערגליווערט געשטאַנען. די נעוואַ האָט ווי אַן אָפען האַרץ געגלאַנצט און געשוויגען. אַרום אויפ'ן בריק און אונטער'ן בריק אויפ'ן בולוואַר זיינען געזעסען מאַטראָזען פון קראָנשטאַדט מיט די פריילינע פרויען און געלאַכט קאַלט, ווי סקעלעטען געשצירעט מיט די ציין...

אינמיטען נאַכט, ווען אויף אַלץ ליגט די בלייכקייט פון אַ מת, אַ מת מיט אָפענע אויגען קוקט פערגליווערט אויף אַלץ... ווי אזוי לאַכען עס דאָרטען די מענשען מיט די פערגליווערטע פנים'ער?

עס קלאַפּען אָפּ טריט מיט אַ מאָדנעם טרויעריגען עכאָ. עס גייט אַן אַ פרעמדער מענש און וואַרפט אַריין אַ פראַזע צו אונז, ווי נישט צו אונז:

—גייט צו קשעשינסקי'ס פּאַלאַץ! דאָרטען שלאָגען זיך באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס...

עס ליגט אַזאַ מאַיעסטעטישער שווייגען אויף אַלץ און דעם פרעמדען מענשען ווילט זיך נישט ענטפערען, נישט נאָכפרעגען.

זיי האָבען דעם טאָג צוטומעלט, די מענשען און, זיי ווילען אויך די נאַכט צוטומלען...

פלוצלינג אַ שאָס, אַ צווייטער...

אַן אויטאָמאָביל איז דורכגעלאָפען מיט עטליכע בעוואָפענטע און פערשוואונדען געוואָרען.

נאָר די נאַכט בלייבט די זעלביגע ווי געווען, קיינער וועט די בית-עולם-שטימונג נישט פערטרייבען.

דער „סטאַטסקי סאָוועטניק".

דער עולם גייט פאַראויס. ווייטער, ווייטער. עס מאַכט אַן איינדרוק אַז דאָרטען ערגעץ ווייט צום סוף גאַס, צום סוף שטאָט, דאָרטען ליגט דער אוצר — דעם מענשענ׳ס גליק און מען דאַרף נאָר צוגיין אַלע צוזאַמען, אַלע אינאיינעם צוגיין אַהינצו און נעמען דאָס גליק אין די הענט און זיך גוטמוטיג צוטיילען מיט אים און ברידערליך פאַרגאַנדערגיין זיך אַהיים.

נאָר דאָך...

מען איז נעכטען געגאַנגען, מען גייט היינט, און מאָרגען וועט מען גיין, און די בליקען ווערען בייזער, און די ווערטער קלינגען שוין נישט אַזוי פריינדליך, כאָטש מען זינגט, מען זינגט די מוטיגע מאַרסעליעזע — און מען גייט פאָראויס.

אומעטום וואַרפען זיך אין די אויגען סימנים פון דער איבערקערעניש, אָט ברענט אַ טורמע, דאָ האָבען די פאָליטישע אַ סך יאָרען זיך געוואַלגערט, אין שווינדזוכט אויסגעגאַנגען און איצט האָט די האַנט פון נקמה די תפיסה אונטערגעצונדען. עס שיט זיך אַ שוואַרצער רויך. ער! דאָס איז נישט קיין געוויינליכער רויך פון אַ שרפה... דער רויך רייצט

און נייגערט: צי דען ווערט עס פערברענט די לעצטע געפענגעניש? צי דען האָט זיך שוין דער מענש איינמאָל-פאַר-אַלע-מאָל אויסגעפלאָנטערט פון זיינע ספקות און ווידערשפרוכען און עס וועט זיך אָנהויבען דער אייביג-ערוואַרטעטער גן-עדן אויף דר׳ערד?

מען גייט און מען זינגט און מען שטעלט זיך אָפּ.

די אויפגערעגטע רעדנערס וואַרפען אָפּט שוין אַריין אַ ספק מיט זייערע צו היציגע רייד.

נאָר אָפּטמאָל שטעלט דעם עולם אָפּ אַן אומגעריכטע בעגעגעניש, אַ גילויף, אַ גנבה, אַ מאָרד...

אָט האָט זיך אויף אַ גאַסען-ראָג אָפּגעשטעלט אַן אַלטיטש-קער מיט אַ סך מעדאַלען אויף דער ברוסט און ער קלאַפּט ביז מיט׳ן שטעקען.

— איך בין אַ סטאַטסקי סאָוועטניק, עטליכע מאָל חזר׳ט ער עס איבער, ביז עמיצער פרעגט אים — טאָ, וואָס ווילסטו?

— גזלנים מענשען! עס איז פאַראַן אַ קייזער, עס איז פאַראַן אַ גאָט...

— כאַ, כאַ, כאַ, בעגלייט אים אַ געלעכטער. דער עולם פער-אינטערעסירט זיך מיט׳ן אַלטען און ער האַלט אין איין שרייען:

— עס איז פאַראַן אַ גאָט, פאַראַן אַ קייזער.

— שוין צייט אויף יענער וועלט מיט די מעדאַלען, — שרייט אים איינער פון המון.

— אַ גאָט, אַ קייזער, — מורמעלט דער אַלטער און די ליפען ציטערן ביי אים פון אויפרעגונג.

גנב׳עט זיך צו אים צו אַ סאָלדאַט מיט אַ בייזען, גרינליכען פנים און כאַפּט אים פאַר׳ן האַלז, שרייענדיג דערביי:

— און אַ טייוועל איז פאַראַן, האַ! אַ טייוועל?

— אַ טייוועל ביזטו, דו ביזט אַ טייוועל? — ענטפערט אים דער אַלטער. דערוויל לויפט אָן אַ נייער שטראָם מענשען און טראָגט אונז אַלעמען אַוועק מיט׳ן אַלטען, אינאיינעם מיט׳ן סאָלדאַטעל, וועלכען דער אַלטער האָט אָנגערופען „טייוועל“.

פושקין אָהן א קאָפּ.

1.

געווען זיינען מיר דאַן אין בעלאַגערונגס-צושטאַנד אין די טעג, בעת דער באָלשעוויזם איז געבוירען געוואָרען, אין מאָסקווע. אונזער הויז האָט געהאַט צוועלף שכנים און דאַן, ווען מיר זיינען פערשלאָסען געוואָרען אין דעם טויער, האָבען זיך אַלע צוועלף טירען מיט אמאָל געעפענט און ביז היינט פרעמדע מענשען זיינען מיר כל צלונג נאָנטע פריינט געוואָרען. אין אונזער פעסטונג איז אומעטיג נישט געווען. אַלע שכנים זיינען אַרונטער אין אונטערשטען שטאָק. די קינדער צום סטרוזש אין קעלער. מיר פלעגען גאַנצע טעג פערברייננגען אין קאָרידאָר, אויף די טרעפ און אין קאַבינקע פון דער ווינדע. געשראָקען האָט מען זיך נישט איבריג, כאָטש עס זיינען געווען עטליכע מאָמענטען, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז אַן אומגליק איז אונפערמיידליך. איבערהויפּט האָבען די לעצטע יאָרען אויסגעלערנט דעם מענשען זיך ווייניגער שרעקען. דאָס לעבען אַליין, די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט איז ביליגער געוואָרען.

און נייגעריגער איז דער מענש געוואָרען: עס האָט זיך אַלץ געוואָלט וויסען, ווער וועמען עס וועט בעזיגען. און כאָטש אין דעם הויז, וואו איך האָב יענע בעריהמטע וואָך פון אויפשטאַנד פערבראַכט, האָ-

בען זיך געפונען בלויז רייכע מענשען, בורזשוען, אויף וועמען דער נאַנצער קאַמף איז געגאַנגען, דאָך האָב איך נישט בעמערקט, אַז אין יענער רגע זאָל ווער פון מיינע שכנים זיך שטאַרק נעמען צום האַרצען זיינע קלאַסען-אינטערעסען.

און גאַנצע טעג אין נעכט האָבען האַרמאַטען און פולעמיאָטען געקנאַקט, געבראָכען די שויבען פון די נאָנטע הייזער און פון אונזער אייגענער פעסטונג. דער טראָטואַר איז געווען פערשאָטען מיט ציגעל-שטויב און מיט שטיקער שטוקאַטורקע. מיר פלעגען זיך אָפט אַרויפגנב'ענען אויף דעם העכערען שטאָק און כאַפען אַ קוק אויף דער גרויסער מאָסקווע. די קופּאָלען האָבען געבליצט אין די ליכטיגע הערבסט-טעג, דער הימעל איז אַזוי זעלטען רוהיג געווען און דורכזיכטיג, אַזאַ שטילקייט פערמאָגט בלויז דער צפון אין הערבסט. נאָר קוקנדיג אַזוי, בעמערקסטו פּלוצלונג, אַז דער קוימען פון יענעם טויער איז פּלוצלונג נישט געוואָרען... אָדער אַ שטיק בלעך האָט זיך אָפּגעריסען פון דאַך און אַרויפגעפלויגען הויך איבער'ן טויער — דאָס האָבען די גראַנאַטען געאַרבייט.

II.

מיר פלעגען האָבען אָפטע געסט. ניט ווייט פון אונז איז געווען אַ יונקער-שולע. צום ערשטען זיינען די „ווייסע" געקומען בעטראַכטען אונזער פעסטונג, צי מען שיסט נישט פון אונז. זיי האָבען פערזיגעלט דעם בוידעם און אָנגעזאָגט מען זאָל נישט אַרויסגיין. שפּעטער זיינען עטליכע פון זיי געקומען אָנוואַרעמען זיך. אינמיטען נאַכט פלעגען זיי זיך אַריינגנב'ענען צו אונז און ריידען, דערציילען וואָס אין שטאָט טוט זיך. זיי פלעגען דערציילען, אַז באַלד בעדאַרף אָנקומען אַ פּאָלק קאָזאַקען און אַ פּאָלק פיעכאָטע און אַרטילעריע און מען וועט זיי בעזיגען, מען וועט זיי בעזיגען. נאָר די נאַכט איז אַריבער און נאָך אַ טאָג איז אַוועק און די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט. דער שרעק איז פון אונז אינגאַנצען אַוועק, אַ גלייכגילטיגקייט און אַ מאָדנע מידקייט האָט זיך אָנגערוקט. דאָס שענסטע איז געווען: אין די שעה'ן, ווען די שיסען האָבען אויפגעהערט, פלעגט עפּעס פעלען און די לאַנגווייליגקייט פלעגט דאַן גרעסער ווערען.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ שטילקייט געוואָרען? — פלעגט מען פרעגען,—נים אַהער און נישט אַהין. נאָר לאַנג וואַרט מען נישט, די פּולעמיאָטען צובילען זיך ווי אַ באַנדע כלבים און שיבען נעמען קלינגען.

איינער פון די שכנים לויפט אַרויף אויבען צו זיך און קומט אַראָפּ מיט אַ פלאַש קאָניאַק און מיט גלעזלאַך.

—עך, אויב דאָס איז טאַקי דער סוף, לאָמיר כאָטש אויסטרינקען דערווייל.

מען האָט זיך געטיילט מיט די שפּייזען, די אמת'ע קאָמונע איז נאָר ביי אונז געווען. די ערשטע פאָר טעג האָט מען בעסער געגעסען, דערנאָך אַ ביסעל שוואַכער, נאָר מען האָט אויסגערעכענט, אַז קאַרטאָפעל וועט סטאַיען אויף עטליכע וואָכען—קיינער האָט נישט געזאָרגט. געשלאָפען האָט מען אויך אין קאָרידאָר אויף מאַטראַצען, אויסער צוויי פון די מענער פלעגען בלייבען אַלס פּאַטרול. מיר האָבען געהאַט עטליכע רעוואָלווערען, נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס געהאַט?

III.

אין איינער פון יענע נעכט איז צו אונז געקומען אין קעלער איינער פון די „וויסע“: אַ סטודענט מיט צודרייטע שטיוועל, מיט אַ ביקס, און אונז געבראַכט נייעס, ער האָט דערציילט, אַז עטליכע גראַנאַטען זיינען אַריינגעפאַלען אין קרעמל און פערניכטעט פיל טייערע זאַכען. עטליכע פון די קריסטליכע שכנים האָבען זיך ביי דער בשורה איבערגעצלמ'ט. דער סטודענט האָט געטרונקען טיי און געוואַרעמט די הענט. דערביי דערציילט ער אונז נאָך אַ נייעס: אַ גראַנאַט איז אַריינגעפאַלען אין פּושקינ'ס מאָנומענט און האָט אַראָפּגעריסען דעם קאָפּ ביים פּאָעט.

אַ פריילין פון אונזערע שכנים האָט דערביי אַ קוויטש געטאָן, האָט האַלב גע'חלש'ט. אַלע זיינען צורודערט געוואָרען.

—פּושקין אָהן אַ קאָפּ פּושקין אָהן אַ קאָפּ.

אָט דער פּושקין, נאָכען וועלכען מיר פלעגען יעדען טאָג פאַרביי גיין, נישטאָ שוין דער שטאָלצער געלאָקטער קאָפּ.

איך געדיינק, איך האָב זיך יענע נאַכט געוואַלגערט אויף מיין מאַטראַץ און נישט געקענט אנטשלאָפען ווערען. נישט די שיסעריי האָט מיר געשטערט — צו דעם איז מען שוין געוועהנט געוואָרען.

מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, ווי ער שטייט אַזוי, דער דיכטער, די האַנט ווי נאַפּאָלעאָן פּאַרלייגט אין דער וועסט, ווי ער שטייט אַזוי דער שטאָלצער פּושקין אָהן אַ קאָפּ, אין דער נאַכט, אין דער פינ־סטערניש. און דער קאָפּ? וואו איז דער געקרויזטער קאָפּ? אודאי צו־שמעטערט אויף שטיקלאַך, אָדער ער וואַלגערט זיך אַ גאַנצער, דער קאָפּ, אין מיסט אַרום דעם דיינקמאָל?

אין מיט׳ן נאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט. איך האָב בעדאַרפט גיין אויף מיין דיזשור; שטיין ביי דער טיר מיט אַ קליינעם, כמעט קינ־דערישען רעוואָלווערטשיק אין דער האַנט... אפשר די מיז וועל איך מיט אים איבערשוּעקען, נישט מער. נאָר איינער דעם צווייטען פלעגט אי־בערגעבען דאָס „געווער" מיט אַ נישט זיכערער ערנסטקייט.

אַרום האָט געהילכט פון דער שיסעריי. איך מיט מיין חבר ביי דער טיר האָבען גערעדט פון די געשעהענישען און דערמאָנט דעם צו־פאַל מיט פּושקינ׳ען...

—אוים רוסלאַנד, אוים קולטור! — האָט מיין חבר געמורמעלט און געשווינגען אין דער נאַכט.

IV.

אויף מאָרגען איז געווען דער לעצטער און שווערסטער טאָג פון אונזער בעלאַגערונג. נישט ווייט פון אונז האָבען געברענט צוויי גרויסע הייזער און די גראַנאַטען האָבען זיך געריסען אַלץ נעענטער.

אויף די טרעפּ האָבען אָבער די קינדער פריילין געשפּילט מיט אַ גאַנצען הויפען שפּילצייג, אונטער די פים האָבען זיך געוואַלגערט קינדערשע פערדלאַך, ביקסען און קאַנאָנען, עס קאָן זיין, אַז זיי, די קליינע, האָבען אונז איבערגעגעבען זייער רוהיגקייט.

מיר האָבען פערבראַכט דעם טאָג און דערציילען אַנעקדאָטען און אין ערוואַרטונג. אין מיטען נאַכט איז גאָר שטיל געוואָרען. אָבער קיין איין שאָס נישט.

איינער דעם צווייטען האָט אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מען הערט שוין קיין אײן שאָס נישט.

בעגינען זענען מיר געוואָר געוואָרען, אַז די ווייסע האָבען פער־שפּילט, אַז פון היינט אָן הערשען די רויטע...

איך בין געלאָפֿען אויף דעם בולוואַר צו פּושקינ׳ען. אויף דער גאַס האָבען זיך געוואַלגערט טויטע פֿערד, די לאַנגע טעלעגראַף־און טראַמוויי־דראָטען און גאַנצע בערג צובראָכענער גלאָז.

דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען גרויסע מחנות מענשען און שינעלען מיט פּנים׳ער פֿון זיגער.

נאָר אָט בין איך נעבען פּושקינ׳ען: ער שטייט א גאַנצער ווי מיט א וואָך צוריק. דער סטודענט מיט די צודרייטע שטיוועל האָט, ווייזט אויס, אויך א צודרייטען קאָפּ געהאַט, אָדער ער האָט גלאַט אָפּגענאַרט.

פּושקין איז געשטאַנען א גאַנצער מיט זיין קאָפּ, מיט זיינע גרויסע האָר, נאָר דער איינדרוק פֿון דער נאַכט אונטער דער האַרמאַטען־שיסעריי איז פֿערבליבען. איך האָב נאָר בעראַפֿט די אויגען אָפּדרייען פֿון מאָנומענט און איך האָב ווידער דערזעהן דעם פּאָעט אָהן א קאָפּ: די האַנט אין וועסטעל, די ברוסט אויסגעשטרעקט פֿאָראויס, נאָר אָהן א קאָפּ, אָהן א קאָפּ...

די לעצטע.

בעגינען האָבען מיר זיך פלוצלונג דערוואוסט, אַז מען מעג שוין אַרויסגיין: „שוין געענדיגט" — האָט איינער דעם צווייטען אָנגעזאָגט. איך האָב אָפּגעוואַרט ביז אַלט אַ דיינער אין דערפריה. דער אָקטאָבער-פריה-מאָרגען איז געווען זעהר אַ ליכטיגער. דורכ'ן הויכען פענסטער האָב איך געזעהן גיין אַ סך מענשען, אַ „גאַזעטשיק" איז דורכגעלאָפען. אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים...

דעמאָלט בין איך אויף גיך אַראָפּגעלאָפען פון די טרעפ און אַרויס אויפ'ן גאַס. איך האָב געטראָטען אויף דעם אָנגעוואָרפענעם גרוז, אויף שטיקלאַך בלעך, אַלע טראָטואַרען זיינען מיט דעם פערשאָטען געווען. אויפ'ן מיטען גאַס ביי ניקיטסקער בולוואַר איז געלעגען אַ גרויסער פערד, אַ טויטער הינגט, נעבען אים עטליכע צובראָכענע רעדער, און עפּעס ברעטער. דער שוואַרצער פערד איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון טויט. נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט פערטראַכט, מענשען האָבען געאיילט פון זייערע „פעסטונגען". מען איז געלאָפען זעהן צי די קרובים לעבען.

ביים ווינקעל פון דער אַרבאַט-גאַס איז געווען אָנגעוואָרפען אַ

גרויסער שײַטער מיט בעראָזעווע שטיקלאַך האָלץ. אַ מין באַריקאַדע. אונטער דעם שײַטער זײַנען געשטאַנען צוויי יונגעלײַט אין גרויסע באַראַשקענע פּאַפּאַכעס, צוויי שײנע ייִנגלאַך מיט אַזעלכע גלאַצטע רונדע פּנים'ער. זיי זײַנען געשטאַנען מיט די ביקסען... גרייט צום שיסען, די יונגע אויגען אָנגעשטראַיגוט.

דאָס זײַנען געווען צוויי אינסטרוגענטען פֿון די „ווײַסע”. די לעצטע וואָס האָבען נישט געוואָלט זיך אונטערגעבען.

— גייט אַוועק, די „רויטע” וועלען באַלד קומען, זיי וועלען אײַך דערשיסען, אויב זיי וועלען אײַך כאַפּען מיט געווער אין די הענט.

און בײדע האָבען מיט אַמאָל געענטפערט:

— רוסלאַנד גייט אונטער, מיר וועלען דאָ שטאַרבען, — און זיי האָבען נאָך פעסטער צוגעדריקט די ביקסען צו זיך.

איך בין האַסטיג געלאָפען ווײַטער צוליב מײנע ענינים, נאָר לויפענדיג איז מיר דאָס בילד פון די צוויי יונגעלײַט פֿאַר די אויגען געשטאַנען, עס איז מיר לאַנג נאָכגעגאַנגען „רוסלאַנד גייט אונטער”. די ווערטער האָבען מיר לאַנג געקלונגען אין די אויערען, נאָר די אויגען פלעגען זיך אָנשטויסען אַלץ אויף נײע בילדער: דאָ שטייט אַ טײכעלע בלוט, דאָ זעהסטו אַזעלכע שרעקליך צוהאַקטע פענסטער, איבערגעדרייטע פורען און אויטאָמאָבילען מיט פערוואונדעטע לויפען פֿון איין עק שטאָט ביז'ן צווייטען.

נעבען אַ טיר זײַנען געלעגען אַ גרופּע נאַקעטע מתים, דאָס נען געווען גע'הרג'עטע: עמיצער האָט זיי בגנבה, טויטערהייט בגדים אַראָפּגעציגען.

אין אַ שעה אַרום בין איך ווידער דורכגעלאָפען דעם ווינקעל פֿון אַרבאַט-גאַס. ס'איז געשטאַנען אַ קלײנער עולם און עפּעס אַרונטערגעקוקט אונטער דעם שײַטער.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער און דערזעהן ליגען צוויי טויטע אין שינעלען, אײנער אויפ'ן צווייטען, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך ראַנגלען אין אַ טלעטען-קאַמף. די גרויסע פּאַפּאַכעס האָבען זיך געוואַלגערט נעבען זיי.

דער קלײנער עולם אַרום האָט זיך גע'צלם'ט.

אין די מתים-שטיבלאַך.

איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ בעקאַנטען זוכען זיינס אַ ברודער פֿון איין מתים-שטוב אין דער צווייטער. אַ גאַנצען טאָג האָט עס ביי אונז צוגענומען. מיר האָבען געזעהן הונדערטער און טויזענטער טויטע. אַנדערע זיינען געלעגען רוהיג. מען האָט נישט געזעהן די וואונד, נישט קיין בלוט. אונטער די בעיד האָבען ליפּען רוהיג געשמייכעלט, די אויגען האַלב צוגעמאַכט, אַנדערע האָבען שרעקליך געגלאָצט מיט די אויגען און פֿערקריצט מיט גרויסע ווייסע ציין. פֿאַר עטליכע רובל פֿלעגען די וועכטער איבערסאָרטירען פֿאַר אונז די מתים, כדי מיר זאָלען דערקענען אונזערן. וועמען האָבען מיר נישט געזעהן: אַלטע לייט, מיטעל-יעריגע און קינדער. אָט ליגט אַ געלער קאַצאַפּ און אין אַ האַנט האַלט ער אַ שטיק פֿון זיין געלער באָרד, וואָס ער האָט, ווייזט אויס, פֿון ווייטאָג אויסגעריסען. נעבען אים ליגט אַ קליין יונגעל, אַ צייטונגס-פֿערקויפֿער, אַ בערגעל פֿערבלוטיגטע צייטונגען וואַלגערן זיך דערביי. ווייזט אויס, ער האָט די צייטונגען ביז דער לעצטער רגע נישט אַרויסגעלאָזען.

אין איין אָרט איז געלעגען אַ יונגע באַרמהערציגע שוועסטער מיט אַ רויטען צלם אויפ'ן ברוסט.

מיין בעקאַנטער האָט זיך אָנגערופֿען:

—דאָס ליגט די באַרמהערציגקייט אַ טויטע, נישטאָ מער קיין רחמנות אויף דער וועלט.

אין אַ צווייטען אָרט איז אויף דער פֿאָדלאָגע געלעגען אַ יונג מיידעל אין אַ העלע קלייד, פּונקט ווי אַ כּלה מיט לאַנגע פֿונאַנדערגע־וואָרפֿענע האָר. פֿאַר קיין פֿאַל האָט זיך נישט געוואָלט גלויבען, אַז זי איז טויט, אַזאַ לעבעדיגען שמייכעל ביי אַ טויטען מענשען האָב איך זיך קיינמאָל נישט פֿאָרגעשטעלט: די פֿינגער האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער פֿאָדלאָגע, ווי זי וואָלט זיך וועלען אויפֿהויבען. אויך ביי איר האָט מען נישט געזעהן קיין סימן פֿון אַ וואונד, פֿון בלוט.

מיין בעקאַנטער האָט זיך ווידער אָנגערופֿען: „דאָס ליגט די גע־טויטע פֿרייהייט, נישטאָ מער קיין פֿרייהייט אויף דער וועלט"

און דער געדונגענער מענש וואַרפֿט און סאָרטירט די מתים און איז אומגעדולדיג: גיכער, אַנדערע וועלען באַלד קומען, שטער אים נישט זיין פּרנסה.

איך פֿלעג אַרויס פֿון די מתים־שטיבלאַך אַ קראַנקער, אַ מידער. עס האָט זיך געוואָלט וואו אַנטלויפֿען, נאָר דאַכט זיך, אַלע וועגען זיי־נען פֿערצוימט, וועסט שוין פֿון דאָס, וואָס דו האָסט געזעהן, נישט אוועק־גיין, נישט אוועקגיין.

דערנאָך, קומענדיג אַהיים, בין איך צוגעפֿאַלען אויף דער קאַנאַפּע. פֿאַר די אויגען האָט געשוועבט דער גאַנצער קאַראַהאַד מתים און אויפֿ׳ן ערשטען פּלאַן איז געווען די בלאָנדע פֿרוי מיט די אָפֿענע אויגען און האָט אומישנע געשמייכעלט. זי שוועבט אויך איצטער פֿאַר מיינע אויגען און לאַכט אַזוי שמייכלענדיג.

לויות.

עטליכע וואָכען נאָכאַנאַנד האָט מאָסקווע אירע קרבנות בעגראָבען. מענשען האָבען זיך דאָ אויסגעלערנט די צערעמאָניע פון בעגראָבען, ווען אַזאַ אָ־דנונג וואָלט געווען אומעטום אין לעבען, וואָלט אפשר גישט געקומען צו אַזעלכע אומגליקען. די לויות זיינען געוואָרען פון די געוויינליכע זאַכען. עס האָט שוין קיינער ניט אינטערעסירט בלויז יענע, וועלכע האָבען אין זיי אַנטייל גענומען. און בעגראָבען האָט מען בעדאַרפט אַ סך פריינט און חברים...

גיי נאָר אָבער אַוועק אין אַ זייט אַביסעל, קוק זיך איין אויף דער גראָער גאַס, ווי אימפּאָזאַנט און ערנסט עס זעט אויס דער שפּאַציר פון טויט.

אין פּעטערבורג האָב איך אַמאָל געזען אַ לאַנגע רייע לויה... און די טרומנעס זיינען געווען רויט אָפּגעפּאַרבט. דער טויט אין רויטען קיין טיפערן איינדרוק האָט נאָך אויף מיר קיין לויה נישט געמאַכט...

אַ שוידער, אַ בליץ איז דורכגעגאַנגען אין די געדאַנקען, קוקענדיג אויף דער רויטער פּראָצעסיע.

נאָר אין מאָסקווע האָט מען נאָכ'ן באָלשעוויסטישען אויפשטאַנד

בעגראָבען אין שוואַרצע טרומנעס, וועלכע זיינען בלויז געווען איינגעוויקעלט אין רויטע לײַנטעס.

עס הויבט זיך אָן אין דערפֿריה:

עס גייען הונדערטער מענשען אָנגעטאָן אין שוואַרצען און נאָך זיי אַ טרומנע בעפּוצט מיט בלומען און רויטע לײַנטעס. ווידער הונדערט מענשען און ווידער אַ טרומנע מיט בלומען און לײַנטעס. פֿון די מענשען גייען אַ סך מיט ביקסען, אַפֿילו פֿרויען מיט ביקסען, דערוואַקסענע קינדער מיט ביקסען. שווייגענדיגע מיט לאַנגזאַמע טריט, די מוזיק שפּילט און לאָזט פֿאַרביי אַלץ נייע טרומנעס און אַלץ נייע בעגלייטער. מען גייט צום רויטען פּלאַץ. אונטער די גראָע ווענט פֿון קרעמעל איז אויסגעגראָבען אַ גרויסער ברידער-קבר.

די מאָסקווער גלאָקען קלינגען נישט, בעת מען בעגראָבט די „רויטע קרבנות", נאָר אָט בעווייזט זיך אַן׳אַנדער מין לויה: עס גייען פּאָפּעס אָנגעטאָן אין זילבערנע קליידער, מיט גרויסע הייליגע בילדער, מיט גאָלדענע צלמים. עס גייען דאָ אַנדערע בעגלייטער: פֿרויען מיט שוואַרצע גירליאַנדען, מענער אין שוואַרצע רעק, אָפֿיצירען מיט אָפּגעריסענע עפּאָלעטען: דאָס בעגראָבט מען אַ „ווייסען". ביידע לויות בעגעגנען זיך, מען קוקט זיך אָן מיט בייזע אויגען און די גלאָקען קלינגען איצט פֿאַר ביידע מחנות, פֿאַר די רויטע און פֿאַר די ווייסע און די זעלבע ערד וועט זיי צודעקען און די זעלבע נאַכט וועט איבער זיי שוועבען.

8 העלד.

„וועמען מען וועט כאפען מיט געווער, דער וועט אויפ'ן ארט דערשאסען ווערען", אט אזא בעפעל איז געווען אין עטליכע טעג נאכ'ן אויפשטאנד.

און אט בעזוכט מען אויף טווערסקאיא די פארביינייער.

די רויטע ארמייצעס פערצוימען א שטיק-נאס און מען בעטאפט יעדען, צי ער האט נישט קיין דרעוואֿ̇לווער.

ביי א יונגענטאן מיט אן אינטעליגענטען רוסישען פנים, ווייזט אויס, פון די סטודענטישע אפיצירען, האט מען געפונען א בראונינג. ער ווערט בלייך ווען דער סאלדאט נעמט עם ארויס פון זיין טאש, נאר באלד בעהערשט ער זיך, ער קוקט אפילו מיט א שמייכעל.

די סאלדאטען ריידען זיך צונויף און הייסען אים אפגיין אויף עטליכע טריט צוריק.

דער יונגערמאן ווערט ווידער בלייך, נאר בלויז איין אויגענבליק עפעס א פייער'ל גיט א בליץ אין זיינע אויגען, ער צלמ'ט זיך אויף גיך איבער און פערלייגט האנט אויף האנט מיט'ן ברוסט פארויס:

— שיסט!

דעם קאָפּ האַלט ער שטאָלץ און קוקט אויף די ביקסען, וואָס שטעלען זיך אָן אויף אים.

דאָס איז נישט קיין געוויינליכע פּאָזע. ער איז נישט אויף דער סצענע, ער פּאָזירט נישט פאַר קיין שיינער פרוי. באַלד, איין סעקונדע — און ער בעדאַרף שטאַרבען. אַזעלכע פאַקטען זיינען שוין היינט און נעכטען געוועגען געווען: מען האָט דערשאָסען אָהן רחמנות...

באלד, באַלד...

נאָר די פרויען, וואָס געפינען זיך דערבײַ, נעמען שרייען און וויינען. דאָס ווירקט: די סאָלדאַטען לאָזען אַראָפּ די ביקסען און פירען אים ערגיץ אַוועק.

מענשען קלייבען זיך צונויף אין אַ געזעמעל, מען בעטראַכט דעם נאַרוואָס געשעהענעם פאַקט.

— ער איז א העלד, — זאָגט עפּיס איינער אין אַ פעלץ און קוקט זיך דערשראָקען אַרום.

— כאָטש אַ קאָנטר-רעוואָלוציאָנער, — זאָגט אַ קראַסנאַ-אַרמיעץ, — נאָר אַ מאָלאָדעץ, מיט אַזעלכע שונאים איז גוט צו שטרייטען...

— זאָל ער זיך כאָטש ראַטעווען פון ווייטערע הענט, — זיפצט אַ קרים-טין מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ און צלמ'ט זיך און לאָזט אַראָפּ אַ טרער.

אַ קרבן פון דער פרייהייט.

מען האָט אים געכאַפּט אין טראַמוואַי, בעת ער האָט געוואָלט ביי איינעם די קעשענע אַרויסשניידען. דאָס איז דאָך נישט צום ערשטען מאָל, מען האָט אים שוין אַ סך מאָל געכאַפּט און אין ציִרקעל אַרעסטירט. אַמאָל פלעגט ער אויך אַפּאָר קלעפּ בעקומען פון די פּאָליציייסקע. איצטער פירט מען אים ערגעץ... אַ המון מענשען פירט אים. אין „סאַמאָסוד" וויצעלט זיך אַנ׳אַלטער פּאָנקע און שצירעט מיט די ציינער נאָר די זאַך איז אַ סך ערנסטער: מען פירט דעם יונגען גנב טויטען, די ווילדע צורייצטע חיות וועלען אים שוין נישט אַרויסלאָזען...

איך לויף אַראָפּ פון טראַמוואַי און נעם ריידען מיט איינעם פון די ניי געבאַקענע ריכטער און רעכט-געבער. ער גיט אַ קוק אויף מיר און פערשטייט, אַז איך וויל פערטיידיגען דעם גנב, שרייט ער אויס צו מיר:

— טאָוואַרישטש, סטידנאָ! זאַ וואָראַ!

עטליכע פויסטען הויבען זיך אויף מיר:

— וואָס? איר זייט שותפים?

איך בראָג זיך קוים אָפּ. שפּעטער דערציילען מענשען, אַז מען האָט דעם גנב שרעקליך ערמאָרדעט און צום סוף אין מאָסקווע-ריעקאַ אַריינגעוואָרפען.

איך זעה ביז היינט זיינע צושראָקענע פּאָר אויגלאַך מיט די פערבלוטיגטע ליפּען. שטענדיג פלעגט מען אים דערפאַר בלויז אין קאָזע אַריינזעצען און עטליכע קלעפּ געבען און איצטער פירט מען אים טויטען, און — אַזויפיל תלינים! אַזויפיל תלינים...

שרעקליכע אויגען זיינען ביי אים געווען, פון אַ לעבעדיגען קבר קוקט מען אַזוי. עס נעמט מיך דורך אַ שוידער...

אַ מאַסקאַראַד.

אין גרויסען טעאַטער האָבען זיך בעזעצט די באָלשעוויקעס. עט־ליכע טעג האָט עס געדויערט. אַנטקעגען אין האָטעל „מעטראָפּאָל" און אין די דערבייאיגע בנינים האָבען זיך געהאַלטען די ווייסע. טאָג און נאַכט האָט מען זיך איבערגעשאָסען. פון שיינעם האָטעל-בנין זיינען גע־פלויגען שטיקער פענסטער, ראַמען, פרעסקעס, נאָר די גאַנצע געביידע האָט זיך געהאַלטען פעסט און פון די טירען אונטער די באַלקאָנען האָבען זיך קוילען געריסען אַהין צום טעאַטער-בנין.

אין דעם דאָזיגען האָטעל זיינען אויך געווען פיל נייטראַלע פערזאָנען, שכנים פון האָטעל און מענשען, וואָס האָבען זיך צופעליג דאָרטען געפונען. רוהיגע בורזשועז, ניי אויפגעקומענע באַראָנען, בירזשע־מענשען. אלע האָבען שוין געגאַרט דעם סוף, אין האָטעל איז אַלץ ווייניגער שפייז געוואָרען און פיל האָבען זיך געשראָקען, אַז דער דאָזי־גער בנין וועט סוף כל סוף אויפגעריסען ווערען פון די באָלשעוויקעס.

דער גרויסער פּלאַץ צווישען טעאַטער און דעם האָטעל איז גע־ווען ליידיג און פערלאָזען. די לאַנגע נעצען פון די טעלעגראַף-און טראַמוואַי-דראָטען האָבען זיך געוואַלגערט צוריסען און צונויפגעדרייט אין משוגה'דיגע קנוילען...

און די ביקסען קלאפען מאנאטאן. מען איז שוין אזוי צוגעוויינט צו דעם—עס געדויערט שוין פיל טעג.

נאר אט פערגייט א שעה א שטילע און נאך א שעה פערגייט אהן שי־סעריי. די ווייסע גוארדיע פון האטעל האט זיך ערגעץ אפגעטראגען און פון שטאק צו שטאק, פון חדר צו חדר דערגייט די בשורה: עס האט זיך געענדיגט.

די באלשעוויקעס האבען געזיגט, נאר אין דער רגע גייט עס קיי־נעם נישט אן: אבי עס זאל שוין רוהיג ווערען. די מענשען פון האָ־טעל האבען זיך לאנגזאם צוגע'גנב'עט צום פענסטער און ארויסגעקוקט צום גרויסען טעאטער־פלאץ און אויפ'ן טעאטער האבען זיי געקוקט. ער שטייט גאנץ דער ווייסער טעאטער און די פיר גרויסע פערד אויף זיין דאך רייסען זיך ווי שטענדיג „נאשפיץ", פאראויס! נאר דער פלאץ ארום איז טויט און ליידיג. עס פערגייט אזוי נאך א היבש ביסעל צייט. מען גנב'עט זיך און מען קוקט דורך די פענסטער: איז שוין טאקי רו־היג, איז שוין טאקי דער סוף? אזוי ביז פארנאכט. פארנאכט האבען זיך פון טעאטער בעוויזען פיגורען. די נייגעריגע שכנים פון האטעל זיינען נשתומם געווארען. פו'ן טעאטער איז ארויס בארים גאדונאוו, יאהאן גראזני. פון טעאטער זיינען ארויסגעגאנגען פיל אנדערע הערשער און פירשטען, באיארען, סוסאנין איז געגאנגען און יערמאק און דערנאך מער יונגערע העלדען. יעווגעני אניעגין איז געגאנגען און ליענסקי. א גאנצער קאליידעסקאפ פון טיפען אין אלטע היסטארישע קאסטיומען אין נאפא־לעאנעהסקע היטלען, אין צילינדערם און גרויע פוטערנע קעפקעס און הויכע רויטע שטיוועל, אין קורצע הויזען און אין ברייטע פעלצען... דאס אלץ איז ארויס פון טעאטער און זיך פארנאנדערגעגאנגען אין פערשירע־נע ווינקלען פון דער גרויסער, אלט־אלטער מאסקווע...

ווי שאטענס פון דער פערגאנגענהייט האט עס אויסגעזעהן, ווי עס וואלט זיי עמיצער אויפגעוועקט די שאטענס און געהייסען זיך ארויס־קלויבען פון אלטען איינגעזעסענעם קעלער...

אנדערע האבען געטראגען פעקלאך אויף זיך, וואוהין, וואוהין טראָ־גען זיי זיך עס איבער, די אלטע גייסטער? פינסטערער שאטען נאך שאטען האט זיך גערידהרט.

נאר אין האטעל האט מען שוין געוואוסט דעם סוד פון די

דאָזיגע שאָטענס מיט די פּעקלאַך, אין האָטעל האָט מען געקיילט פון געלעכטער, דער עולם האָט זיך געשפּאַרט צו די פענסטער, געקוקט און געלאַכט: אַלע האָבען פערשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. די בעזיגערס האָבען צושלעפּט די רייכע היסטאָרישע גאַרדעראָב פון גרויסען טעאַטער... אַלץ טונקעלער איז געוואָרען און אַלץ גנב'ישער האָבען אויסגעזען די פיגורען אויפ'ן ברייטען טעאַטער-פּלאַץ—אין פעלעריגעס, און ווייסע וועסטען, אין צילינדערס און אין ברייטע, ברייטע סיבירער פעלצען...

בלאָנדע לאָקען.

די ערשטע אַרבייט פון די באָלשעוויקעס נאָכ'ן זיג איז געווען פער'חתמ'נען די סייפען און רעקוויזירען די ווערטפולע חפצים, וואָס זיינען דאָרט געווען. אין די פערפאַנצערטע קעלערן פון די מאָסקווער גרויסע בּיינק האָבען זיך אַ סך שטילע טראַגעדיעס אָפּגעשפּילט: מענשען האָבען געהאַלטען אין די שטאָלענע קאַסעטקעס זייער גאַנצען פערמעגען, זייערע בעסטע האָפנונגען און טייערסטע זכרונות... די בעל־הבית'טע פון מיין קוואַרטיר איז ממש גרוי געוואָרען פאַר דער צייט, וואָס מען האָט ביי איהר צוגענומען דאָס ביסעל פאַמיליען־צירונג. יעדען טאָג פלעגט זי אַריינקומען צו מיר אין צימער און נעמען דערציילען פון עפּעס אַ בּראָש, פון אַ בריליאַנטענעם קאָליע... פון איר באָבען האָט זי עס, דולט זיך, בעקומען אַמאָל און פון יאָר צו יאָר פלעגט זי גיין אין באַנק, בלויז אַ קוק טאָן אויף דעם און נישט מער—איצטער האָט מען עס צוגענומען,

אין יעדער שטוב האָט איר געהערט אַזעלכע זיפצען.

מען האָט דערציילט פערשידענע מעשיות וועגען די סייפען; איינער אַן אויפגעקומענער מלחמה־גביר האָט נישט געהאַט וואו אַהינצוטאָן זיינע מיליאָנען, האָט ער צוערשט געקויפט הייזער, גיטער, נאָר אים האָט

זיך אויסגעדוכט, אַז בעסער וועט זיין, ווען ער וועט דאָס געלט אַריינלייגען אין בריליאַנטען. עס קאָן זיין, אַז ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע ליידענשאַפט צו די קליינע בליצערדיגע שטיינדלאַך, נאָר גאַנץ מאָסקווע, אַלע סוחרים פון בריליאַנטען, אַלע מעקלערס האָבען אים גוט געקענט. ער האָט פערקויפט די הייזער און די גיטער און די ווערט-פּאַפּירען, וואָס ער האָט געהאַט, אַלץ האָט ער אויסגעביטען אויף בריליאַנטען. ער האָט געלעבט און געאָטעמט מיט די קאַראַטען זיינע, מיט די העלע בריליאַנטען — אַנדערע פון זיי פאַלען אַריין אין אַ גאָלד-טאָן, אַנדערע אין אַ ליליע-טאָן. ער פלעגט קויפען, וועגען, מעסטען און בעטראַכטען זיין פערמעגען, ווי די אַלטע, רייכע קמצנים אַמאָל...

ער האָט געזאַמעלט, געזאַמעלט און געטראָגען... אין סייף אַריין, די באָלשעוויקעס האָבען אים דערנאָך איינגעלאַדען, ער זאָל קומען בעת מען וועט עפענען זיין קאַסעטקע, ער איז געקומען און אויסגעהערט די בשורה: זיינע אַלע שטיינדעלאַך: דאָס פרייד פון זיין האַרץ, דער שטראַל פון זיין אויג—אַלץ איז רעקווירט געוואָרען. מען האָט דערציילט, אַז דער דאָזיגער בריליאַנטען-זאַמלער איז געשטאָרבען פון אַ האַרץ-שלאַג אין באַנק-קעלער, ביי זיין קאַסעטקע...

נישט אַלע קאַסעטקעס האָט מען געקענט עפענען, פיל פון די אייגענטימער זיינען געווען אין אַנדערע שטעט און אפשר אויך אויף אַן אַנדער וועלט שוין... האָט מען אַזעלכע קאַסעטקע אויפגעבראָכען. אין איינער פון אַזעלכע סייפען האָבען די באָלשעוויקעס געפונען אַ גרעסערע צירונגס-קעסטעלע. זיי האָבען עס אויפגעבראָכען—אינווייניג איז געלעגען נאָך אַ קלענערע קעסטעלע. זיי האָבען עס ווידער איינגעבראָכען און געפונען אינעווייניג צוויי... בלאָנדע לאָקען, און די מענשען זיינען געבליבען ענטוישט און פערוואונדערט ביי דער דאָזיגער מציאה.

גאָלד, גאָלד האָבען זיי געזוכט! און דאָ ליגען זיך רוהיג צוויי קרייזעלאַך האָר... וועלכער נאַרישער טרוימער האָט עס אַזוי געהיט? וועלכען לעבעדיגען אָדער געשטאָרבענעם נפש האָבען עס אָנגעהערט די דינע בלאָנדע האָר-פעדעם? צי דאָס איז געווען אַן עפּילאָג פון אַ טראַגעדיע, צי אַ סענטימענטאַלער חלום פון אַ פערליבטען?

אין אַ צייט פון בלוט און שטורם, זיינען זיך רוהיג געלעגען צוויי בלאָנדע לאָקען אין אַ שטאָלענעם קעלער, אין אַ שטאָלענער קעסטעלע...

צוויי וועלטען.

אַ גאַנצען טאָג דויערט היינט די מאַניפעסטאַציע. עס איז עפּעס אַ יום-טוב, אַ יאָר-צייט. אַ ברענענדיגער פרעסטעל סמאַליעט דעם נאָז, די אויערן, און די גאָלדענע קעפּ פון די פיל צערקווס. אויף די גרויסע פּלעצער זיינען אויפגעבויט געוואָרען אימפּראָוויזירטע עסטראַדעס. אומעטום רויטע פאָנען מיט פערשידענע צייכענס פון אַרבייט, פּראַצע און כח, קאַמפּס-לאָזונגען, דראָהונגס-ווערטער אויסגעמאָלט מיט רויטער פאַרב, עס מאַרשירען די רויטע אַרמייצעס און מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע וועלכע, האָט געזיגט... רעדנערס ריידען און רופען, רופען.

נאָר דער פראָסט איז גענוג שטאַרק, די ווערטער ווערען פערגליווערט, די אויגען שוויינען, נישטאָ קיין בעגייסטערונג—עס קאָן זיין, דער פראָסט איז שולדיג. אַנדערע איילען אויף גיך צום געזעמעל, וואו דער רעדנער דערציילט עפּעס, אַנדערע אַנטלויפען אַהיים זיך אָנוואַרעמען, נאָר אַ גאַנצען טאָג דויערט עס, מען מאַרשירט און מען רעדט און די רויטע פאַרב בלענדט די אויגען פון אַלע מויערן און באַלקאָנען... שטילער!

איך גיי פאַרביי ביי אַ קליין קאַפעליצע, אַ קליין מויערל אונטער די ווענט פון קרעמעל, עס איז אָנגעפילט מיט בעלויכטענע איקאָנעס.

די פֿייערלאַך רייסען זיך אויפ'ן גאַס... ניין, דאָ אַרום איז שטיל און אונ-
טער די ווענט פֿון מויערל ליגט אויסגעצויגען אַן אַלטע קריסטין, אַ
קלייניטשקע, אַ דאַרע, איינע פֿון יענע פֿרויען, וועגען וועלכע באַדלער
זאָגט, אַז מען בעגראָבט זיי אין קינדערשע טרומנעס. זי ליגט און וויינט
און קושט די ערד און צלמ'ט זיך...

עס קאָן זיין, זי איז די לעצטע, וואָס בעוויינט דאָס, וואָס איז שוין
אוועקגעגאַנגען און וועט שוין צוריק נישט קומען. דאָרטען ווייטער הילכט
דער אינטערנאַציאָנאַל און די מאַרסעליעזע—מענשען שרייען עפּעס פֿון
אַ נייע וועלט, פֿון דער צוקונפֿט, נאָר ביי דער אַלטער איז דער נעכ-
טען אַזוי טייער און אירע טרערען בענעצען די ערד אַרום ק״עמעל.
איר דאַר קערפּער'ל ציטערט קאָנוואולסיוו, דער שוואַרצער רעדיקול-
משיק פֿאַלט אַרויס פֿון איר האַנט—זי דאַוועט און דאַוועט...

אויף דער אַרבעט!

די גאַסען זיינען פערשאָטען מיט שניי. בערג אַרויף, בערג אַראָפּ. „קאַזבעק" וויצעלט זיך איינער און שטעלט פאָרזיכטיגע טריט, ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשען פון דעם דאָזיגען קאַזבעק. וואָלכענווייז ווערען דאָ די טראָטואַרען נישט אָפּגערוימט און מענשען האָבען זיך דאָ אויסגעלערנט אַנדערש די טריט צו שטעלען, צוגעפּאַסט זיך צו דער נייער פלאַנעטע, אַקלימאַטיזירט געוואָרען...

מיט אַמאָל בעוויזען זיך גרויסע פלאַקאַטען, מען בעפעלט אַרויסגיין אויפראַמען די גאַסען, און אַזאַ מין דעקרעט ווערט אויגענבליק אויסגעפירט.

איך האָב זיך צוגעקוקט אַמאָל צו אַזאַ סצענקע: אויפ'ן גאַס, אויף די אייזבערג איז געשטאַנען איינער מיט אַ לאָם און זעהר שוואַך געאַרבעט. נאָר נישט דאס האָט מיך פעראינטערעסירט. זיין גאַנצער אויסזען, זיין בליק האָט מיך אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען אַ שלאַנקער מאַן מיט העלע אויגען, מיט אַ בלאָנד בערדעל. ער האָט זעהר דערמאָנט אַ שטאָלצען סקאַנדינאַווער. די ברוינע דאָכע האָט אים נאָך צוגעגעבען מער צפונ'דיגקס. די דאָכע איז געווען ביי אים ארומגעבונדען

מיט אַ גאַרטעל: עס זאָל אים זיין לייכטער צו אַרבעטען. ער פלעגט אויפהויבען דעם לאָם און אַראָפּלאָזען: דער שאַרער איז האָט זיך שוואַך ביי אים געבראָכען, באַלד פלעגט ער זיך אויף אַ קורצע צייט פערטראַכטען, קוקען ווייט אין דער גאַס אַריין, אויף דער צערקווע, וואָס שטייט געגענאיבער: אַ טונקעל-בלאָע צערקווע מיט גאָלדענע שטערנדלאַך אויף אירע קופּאָלען... נאָר אָט כאַפּט ער זיך שוין אויף און גיט אַ שמייכעל... צו וועמען? צו זיך אַליין. גיט אַ שמייכעל און נעמט קלאַפּען מיט'ן לאָם דעם אייז. פון וועלכען שיינעם פּאַלאַץ האָט אים דער דעקרעט אַרויסגעטריבען אויף דער גאַס?

איך בעמערק, אַז נישט איך אַליין קוק אים נאָך: ווער עס גייט פאַרביי אויף דער גאַס, שטעלט זיך אָפּ און בעטראַכט אים, דעם שלאַנקען מאַן מיט די בלאָע אויגען, מיט דעם גרויסען פעלץ איינגעוויקעלטט

דער קאָליר פון זיינע ראָזע באַקען איז נאָך נישט אַראָפּ, די הענט זיינען נאָך גענוג ווייך און צאַרט. אפילו דעם מוט פון די אויגען האָט די רעוואָלוציע ביי אים נאָך נישט צוגענומען, כאָטש עס פיהלט זיך א. אים אַ מידקייט. ער וואָלט זיך וועלען אַ ביסעל אָפּרוהען, דער באַרין אָ, אַ סך דורות האָבען אים געפּיינערט און קראַפט געגעבען און איצטער האָט מען אים, ווי אַ בער, אַרויסגעטריבען פון זיין וואַרעמע נאָרע. ער איז פויל, אָבער רוהיג. מיר דאַכט זיך, אַז ער טראַכט ביי זיך: „איך וועל אייך אַלעמען איבערלעבען" — אַזוי פריש און שיין זעט ער אויס, אָט האָט ער זיך ווידער פערקוקט אין דער ווייטער גאַס אַריין, אויף די ווייסע דעכער און פון קעפּ פון צענדליגע צערקוועס.

פון אַ נאָענטען טויער איז דער סטרוזש אַרויס מיט אַ פּייקע אין טיל, מיט אַ פּראָסטען קורצען פעלץ. ער אַרבעט נישט היינט, ער געהערט דאָך סיי-ווי-סיי צו דער אַרבעטער-מאַסע און האָקען אייז, דאָס איז אַ פליכט פאַר די בורזשועו. ער רויכערט זיין פּייקע און קוקט, ווי ער באַרין אַרבעט און ער שמייכעלט דערביי, דער סטרוזש.

פלוצלונג נעמט ער שפּרייזען צו דעם מענשען מיט דער פערשעלטער דאָכע, קומט צו צו אים און זאָגט: „אַך, דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש, איר קאָנט נישט, ווייזט אַהער דעם לאָם". ער לייגט אַריין די פּייקע אין קעשענע, גיט אַ שפּיי זיך אין הויפען און דער לאָם גייט ייעק ביי אים טאַנצען—אַ כאַמאַרינסקע. אַ מחיה צו קוקען ווי די שטי-

קער איז פֿאַלען אָפּ, פֿאַלען אָפּ...

און דער, מיט די בלאָע אויגען שטייט און קוקט ווי אַן אינ־סטרוקטער און שיינקט אים אַ „מאָלאָדעץ“ דעם סטרוזש...

אין דעם גייען פֿאַרביי עטליכע מענשען אין קורטקעס מיט הויכע שטיוועל, פֿערוואַקסינע מיט לאַנגע האָר. זיי בעמערקען, אַז דער „פּראָלעטאַריער“ אַרבעט און דער בורזשוי שטייט און קוקט און, נעמען זיי אים זידלען דעם „סטרוזש“: — העי, דו שקלאַפֿישע נשמה, גיב אים אַ קוש, דעם באַרין דיינעם.

מען האָט אים געכאַפּט ביי אַ זינד... און דער באַרין נעמט שוין ווידער דעם לאָם אין האַנט, דער סטרוזש נעמט פֿערדרויכערן זיין לולקע. ער פֿיהלט זיך שולדיג, נעבאַך, אַזאַ פֿערברעכען: העלפֿען דעם בורזשוי...

איך גיי איבער די ווייטערדיגע גאַסען, איך קלעטער איבער די „קאַזבעקס“ און „מאָנבלאַנס“ איך גליטש זיך אויס און איך טראַכט דערביי, אַז אַ רעוואָלוציע איז אייגענטליך אַ גאַנץ שיינע זאַך, גאָר אַ שיינע זאַך... אין די ביכער.

שליטעלאך.

די רעלסען פון טראמוויי זיינען פערשמאָלצען פון אייז און פערשאָטען פון שניי, די עלעקטרישע גראָבע דראָטען זיינען נאָך אין פיל ערטער צעריסען פון אָקטאָבער-טעג... א דראָשקארוש קאָסט הונדערטער און מאָסקווע איז אזוי גרויס און פונאנדערגעוואָרפען, אזוי גרויס ווי רוסלאנד אליין, און מענשען שווימלען ארום א גאנצען טאָג. מען זוכט אביסעל קארטאָפעל, א פידעל האָלץ, ברויט, גרויפען... מען זוכט א גאנצען טאָג, און אויב מען בעקומט עפעס, מוז מען עס דאָך ברייגנען צו זיך אין דער היים צו זיך אַ'ן נעפסט אריין, האָט זיך גאנץ מאָסקווע פערזאָרגט מיט שליטעלאך, מיט קינדערשע נאָר קליינע שליטעלאך—סאלאזקעס, ווי דאָס הייסט ביי די רוסען.

גייט איר אויפ'ן בולוואר, קומט אייך אנטקעגען א דאמע, א הויכע, א שיינע מיט א קאראקולענעם זשאקעט, מיט א קאראקולענע מוטע און פון דער מופטע ציט זיך א שנירעלע, מיינט איר דאָך, אז די דאמע פירט א הינטעל אויפ'ן שטריקעל—א טעות, די דאמע פירט א שליטעלע און אויפ'ן שליטעלע ליגט שוין עפעס א פעקעל צגעבונדען. אזעלכע דאמען זעט איר הונדערטער. און הערען מיט שליטעלאך. קינדער, פויערים, דינסטען, רויטע ארמייצעם — א גאנצע שטאָט פירט שליטעלאך. עס זעט אויס ווי א שפיל, א לוסטיג-מאכען זיך, נאָר די פנים'ער זיינען ערנסט, יעדערער גייט זיך זיין וועג מיט זיין שליטעלע און די מאָסקווער בולווארען זיינען, דוכט זיך, צו דעם ספעציעל בעשאפען געוואָרען. דער שניי ליגט דאָ פעסט און גלאט—די שליטעלאך לויפען אליין, לויפען נאָך ווי טרייע הינטלאך...

קיינער בעקלאָגט זיך נישט, יעדערער איז אריין אין זיך. עפעס א גרויסע קראפט האָט אלעמען בעזיגט. צרות אומעטום—און מען קען נעגען די צרות, ווי עס לאָזט זיך—דאָס שליטעלע מאכט עס אביסעלע פריילין.

סוכאַרעווקע.

וואו איז אייגענטליך דאָס האַרץ פון דער וועלט? פאַר רוסלאַנד איז עס—מאָסקווע. פאַר מאָסקווע איז עס—סוכאַרעווקע. דאָס איז דער גרעסטער מאַרק-פּלאַץ אין דער קרעמל-שטאָט.

די בערימטע פּאַסאַזשען מיט די טעראַקאָטענע פּאָדלאָגעס מיט די גלאַנציגע געשליפענע שפּיגלען זיינען צוגעמאַכט. מיור און מערעליס זיינען פערשלאָסען. די גרויסע שוי-פענסטער זיינען דאָרט צעבראָכען פון די אָקטאָבער-קוילען. די גרויסאַרטיגע געשעפטען פון קוזנעצקי-מאָסט און פּעטראָווקע זיינען פערשלאָגען מיט ברעטער, ווי קברים, נאָר סוכאַרעווקע לעבט און אָטעמט מיט טויזענט-טויזענטער הערצער. וואָס בעדאַרפט איהר? אַ ציגעלע ברודיגע צוקער פאַר פינף רובל, אַ שאַכטעלע שוועבעלעך פאַר זיבען רובל, אַ פערפוילטע שטיקעל שינקע, קליידער, צירונג, בריליאַנטען, פאַלשע און אמת'ע, מעבעל פון די טייערסטע סטילען, בילדער, סטאַטועס. גאָלד, בראָנז, זייגערלעך, ברילען, פּירלען, האַרמאָשקעס און ציימענוויז אויך אַן אמת'ן לעבעל ברויט. און צייטונ-

וויז אויך אַ פּלעשעל וויין, פון ערגעץ אַ בעראַבעוועטען מיליאָנערסקען קעלער—האָס בעדאַרפט איר? איר קאָנט זיך ענטזאַגען פון טעאַטער, פון באַלעט, פון אוניווערסיטעט, נאָר פון סוכאַרעווקע וועט איר זיך נישט ענטזאַגען. איר וועט דאָ קומען און אַוועקגעבען אייערע דוסקע פּאַפּיר־לעך און איר וועט דאַנקען גאָט, פאַר יעדער זאַך וואָס איר בעקומט דאָ.

מיליאָנען־געשעפטען, פעסטע אַקציען־געזעלשאַפטען זיינען צושטערט אין פערניכטעט געוואָרען. אָבער סוכאַרעווקע... וויפיל מאָל איז זי שוין אַרומגערינגעלט געוואָרען מיט פוס־גייענדע און רייטער סאָלדאַטען? מען האָט צעיאָגט, מען האָט געשאָסען, נאָר סוכאַרעווקע לעבט און וואַקסט.

דאָ ציילט מען די דוסקע טויזענטער ווי אַמאָל די קופּערנע צע־נערלעך, דאָ ווערען בעשטימט פּרייזען פאַר דער גאַנצער שטאָט און אפשר אויך פאַר גאַנץ רוסלאַנד.

די לופט איז דאָ פערדאָרבען פון די אַלטע פליישען און פער־פוילטע פּרובטען. ווינטער ליגט דאָ פיל ברודיגע שניי און דער עולם קלעטערט און קריכט און טראָגט אַהערצו „סחורה" און קומט אַהערצו קויפען דאָ ציט מען פאַר אייך אוים פאַרביגע ציצען, וואָל־שטאָף, זייד, דאָ קויפט איר, צי איר פערקויפט אייער פעלץ, אייערע שיך און דאָ קומען פאַר פערשידענע לאָטערעען און צוזאַמען מיט'ן רויט־פּנים'דיגען וואַקען קאָנט איר דאָ אַמאָל בעגעגנען אַ פירשט טרובעצקאָי, אַ גרע־פין אָרלאָווא... סוכאַרעווקע האָט אַלעמען פעראייניגט.

אין די ווענט.

די פוערים, דערציילט מען, בעגראבען זייער געלט אין רער ע..
און אין די רוסישע גרויסע שטעט האט מען פיל צירונג, געלט און
ווערט־פאפירען בעהאלטען אין די ווענט. נאכדעם, ווי די באנק־קאסעט־
קעס זיינען רעקווירירט געווארען, האט מען גענומען זוכען אן ארט פאר
די טייערע חפצים.

עס האבען זיך בעוויזען אזעלכע ספעציאליסטען־טעכניקערס. „בע־
האלטערס״ רופט מען זיי אין מאסקווע. ער קומט מיט אן האמערל און
קלאפט אויס אין דער וואנט א בעהעלטעניש, דארטען לייגט מען אריין
אפט גרויסע פערמעגען, מען פערקלעבט, מען בעפארבט די וואנט אזוי,
אז קיין צייכען בלייבט נים.

דער „בעהאלטער״ אליין בעדארף האבען א גוטען נאמען, א זי־
כערע רעקאמענדאציע און אזעלכע זיינען ווייניג פאראן. וועגען איינעם
„נאר אן ארענטליכען״ האט מען דערציילט, אז ער האט געמאכט א
גרויסען פערמעגען פון בעהאלטען יענעמס פערמעגען אין די ווענט.

צייטענווייז ווייס פון דעם סוד בלויז איינער פון דער פאמיליע
און אז אזא ווערט ערגעץ פערשוואונדען, אדער ער פארט אוועק, קא־
נען זיינע אייגענע דעם פערמעגען נישט געפינען—די ווענט דערציי־
לען נישט.

העלפאַנט-ביין.

אין מיטען נאַכט האָט מען פּלוצלונג גענומען שיסען. אָבער גאָר נישט ווייט פון מיין הויז. צוערשט האָבען זיך די ביקסען האַסטיג צוהוליעט, דערנאָך האָבען די פולעמיאָטען זיך צובייזערט, שפּעטער האָבען זיך דערהערט עטליכע האַרמאַטען-שאָסען און עס איז שטיל געוואָרען. עמיצער פון אונזער הויז איז אַראָפּגעפאַלען פון די טרעפּ און ביי די וועכטער דערגאַנגען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען... גאָרנישט! שלאָפט רוהיג! דאָס צעטרייבען די באָלשעוויקעס די אַנאַרכיסטען פון די פּאַלאַצען, וועלכע זיי האָבען עקספּראָפּריאירט פאַר זיך.

אויף אַרבאַט, אין דעם קוואַרטאַל פון די מאָסקווער גבירים, וואו יעדער פּאַלאַץ, אָדער „אָסאָבניאַק“, ווי זיי רופען עס אין מאָסקווע, וואו יעדער פּאַלאַץ האָט צו דערציילען פון גאָלדענע, גליקליכע צייטען פון רייכער רוהיגקייט, גלאַנץ און ברייטקייט, דאָרטען האָבען זיך פאַרקליבען די אַנאַרכיסטען.

אין די צימערן פון הונדערט-יעריגע גאָבאָלענען, פון צאַרטען פּאָרצעלייַ, יאַפּאַנישע און כינעזישע אַנטיקען, וואָס גאַנצע דורות האָבען געזאַמעלט און געקיכעלט, אין די אויסגעפּוצטע חדרים'לאַך פון ראָקאָקאָ

און בידעמייער האָבען געשאַפען נייע מענשען: פאַנאַטישע אידעאַליסטען מיט אמת׳ע פערברעכער, וועלכע די רעוואָלוציע האָט נאָר-וואָס בעפרייט פון די קאַטאָרזשנע קייטען.

זיי האָבען געהאַט זייער איינענע וואַך פון בעוואָפענטע חברים. אויף די הייזער, וואָס זיי האָבען בעהערשט, זיינען געהאַנגען שוואַרצע פאָנען. מענשען פלעגען פאַרבייגען פאַר די דאָזיגע הייזער אָנגעשראָקענע נייגעריג און אינטריגירט, און דאָ פלעגען אָנקומען אויטאָמאָבילען און מענשען מיט פעקלייך און מענשען אָהן פעקלאַך גייען אריין און גייען ארוים פון די פאַלאַצען.

צוערשט האָבען עס די באָלשעוויקעס געדולדעט, נאָר דערנאָך, ווען זיי זיינען געוואָרען אַלמעכטיג אין מאָסקווע, האָבען זיי זיך ענטזאַגט פון די געוועזענע שותפים און אין עטליכע נעכט צעטריבען און צעיאָגט די אַנאַרכיסטען פון זייערע רייכע נעסטען.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין דער פריה נאָך דער אומרוהיגער נאַכט, בין איך מיט פיל אַנדערע נייגעריגע געלאָפען בעטראַכטען דעם אָרט, וואו די געשעהענישען זיינען פאָרגעקומען. אין די שמאָלע געסלאַך פון אַרבאַט איז שוין ווידער געווען רוהיג, נאָר ביי די בעשאָסענע פאַלאַצען האָבען זיך געוואַלגערט שטיקלאַך גלאָז און שטוקאַטורקע, ביי אַ מאַרמאָרנעם לייב איז געווען אָפּגעריסען דער קאָפּ.

ביי איינעם פון די אָפּגערייניגטע שלעסער איז געשטאַנען אַ גרעסערער עולם. מען האָט דערציילט פון דער גוואַלדיגער רייכקייט, וואָס האָט זיך אַמאָל געפונען אין דעם דאָזיגען ווייסען פּאַלאַצעל, איצטער האָבען עס שוין די אַנאַרכיסטען פאַרנאַנדערגעשלעפּט. נאָר עפּעס איז נאָך אינעווייניג פערבליבען.

עטליכע ציינטונגס-מענשען האָט זיך איינגעגעבען אריינצוגיין אין דעם אָסאָבניאַק—איך בין מיט זיי מיטגעגאַנגען.

דאָס אויג האָט נישט געוואָסט אויף וואָס פריער צוקוקען: אויף די פערבליבענע שיינקייטען פון מעבעל, בילדער און געשיר, אָדער אויף דעם וואַנדאַליזם, וואָס האָט זיך געזען ארום, אויף יעדער טריט האָבען זיך געוואַלגערט שטיקלאַך פון איידעלען פאַרפאָר, אונטער די פיס האָבען די שערבלאַך געקרעכצט און עס האָט אויסגעדוכט, אַז דו שפּרייזט אויף פאַרביגע, לעבעדיגע שמעטערלינגען. פון די מעבעל זיינען פיל

שטיקער געווען אָפּגעבראָכן, אויסגעריסען, שפּיגלען צופּלאַצטע, בילדער, ביכער אין זעלטענעם לעדער געבונדען. אַלץ האָט זיך דאָ געוואַלגערט אין איין קאַשע, נאָר ערגעץ-וואו האָט זיך נאָר געזען אַ גאַנץ-געבלי-בענער ווינקעל: אַ גרויסער שוואַרצער פּאָטעל מיט פּערלמוטערנער מאָ-זאַאיק, אַ קאַנדעלאַבער מיט נישט-דערברענטע ליכט...

מיר זיינען געשטאַנען אין די חדרים און בעקוקט און בעוואונ-דערט די איבערגעבליבענע זאַכען. איינער פון די צושויער, אַ בעפריינ-דעטער פון דעם בעל-הבית, צו וועמען דער שלאָס האָט אָנגעהערט, האָט זיך פלוצלונג פאַרנאַנדערגעוויינט. ער האָט אונז מיט טרערען דערציילט, אַז דאָס דאָזיגע הויז איז געווען אַ שטאָלץ פאַר גאַנץ מאָסקווע, אַזאַ רייכקייט, אַזעלכע קאָלעקציעס פון פּאַרפאָר איז אויף דער וועלט מער נישטאָ... און דאָ... עס איז אַ שרעק! וויפיל האָט מען צוגע׳גנב׳עט, וויפיל צעבראָכען?

איינער פון די ציטונגס-מענשען איז אַראָפּגעלאָפען פון צווייטען שטאָק און אונז אַלעמען גערופען: „קומט, וועל איך אייך ווייזען אַ אינ-טערעסאַנט לעבעדיג בילד“. מיר זיינען אַלע אַרויף אין דער הויך.

דער אויבערשטער שטאָק איז גאַנצער נטבליבען און ווייער אַז דאָ געווען, דער, וואָס האָט אונז גערופען, האָט אונז צוגעפירט צו אַ צימער און אויפגעעפענט אַ טיר...

דאָס איז געווען אַ שלאָף-צימער—ניין, דאָס איז געווען עפּעס אַ ווייס וואונדער. אַלץ איז דאָ געווען פון העלפאַנט-ביין. אַ קליין-טישעלע פון ווייסען ביין, עטליכע בילדער אין די ראַמען פון געטאָקטען און אויסגעפיילטען ביין. נאָר שענער און וואונדערליכער פאַר אַלץ איז גע-ווען דאָס בעט — אַ נרייטע בעט אינמיטען צימער. אַ בעט אינגאַנצען פון העלפאַנט-ביין און אין דער דאָזיגער בעט איז געלעגען אַ פרוי מיט אַן אָרעמען אויסגעמאַטעיטען פנים—זי איז געווען אַ פרוי פון איינעם פון די אַנאַרכיסטען. אין דעם דאָזיגען שלאָף-צימער האָבען זיי אויסגעקליבען פאַר זיך. זי האָט דאָ אַ קינד געבוירען און איצטער האָט זי געוואַרט מע זאָל זי צונעמען פון דאַנען. נעבען איר איז געלעגען איינגעוויקעלט אין אַ גאַנצען פּאַק ברוסעלער שפּיצען דאָס ניי-געבוירענע נפש׳ל. איך האָב נישט געוואוכט אויף וואָס פריער צו קוקען, אויף דער פרוי מיט די בע-טיגע ליפען, אויף איר יורש׳ל וואָס איז געלעגען און רוהיג געשלאָפען,

צי אויף דעם ווייסען בעט, וועלכעס איז געווען צונויפגעשטעלט פון א סך קליינע און גרויסע שטיקלעך העלפאַנט-ביין. די פיס פון דעם בעט זיינען געווען פון איין שטיק: גלאַטע רונדע פיס, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט אַזאַ זיכערקייט, יעדער פוס אויף א קליינעם העלען טעפּיכעל. נאָר אַרום, די געזימשעלעך זיינען געטאָקט און געשניצט אויף אַלע אופנים, פייגעלאַך און חיות, בלומען און גאַנצע אַלעגאָריעס, עפּיזאָדען פון דער וועלט-היסטאָריע. וואָס האָט ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס בעט?

עס האָט מיך נישט גענייגערט די אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט דער פרוי, וועלכע איז דאָ געלעגען מיט דעם ניי-געבוירענעם אַנאַרכיסטעל. איך בין געגאַנגען פון איין זאַך צו דער צווייטער און געפיהלט, אז איך לעב דאָ איצטער איבער א לעגענדע. אַזוי פיל העלפאַנט-ביין האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. „דאָס איז נישט אַלץ, די פערברעכער האָבען שוין אַלע קלענערע אַנטיקען צוגעטעמען פון דאַנען" אַזוי האָט זיך איינער אָנגערופען פון די צושויער און א צווייטער האָט דערציילט פון וואַנען דער זיידע פון איינגעטימער האָט אַראָפּגעבראַכט די אַנטיקען: ערגעץ אין אינדיען האָט ער אָפּגעקויפט דאָס בעט מיט אַלע איבעריגע זאַכען, ביי איינעם א פעראָרעמטען פּרינץ.

—ביי א פּרינץ... כאַ, כאַ, כאַ!—הינטער מיר האָט זיך איינער פון די צייטונגס-מענשען פאַרנאַנדערגעלאַכט. „און ווי געפעלט אייך דער נייער פּרינצעל, וועלכער איז איצט געבוירען געוואָרען אין דעם דאָזיגען וואונדערבאַרען בעט?...

—„עס זעט אויס ווי א סימוואָל", האָט זיך נאָך איינער אָנגערופען אין די שטימונג אין צימער איז געוואָרען ערנסטער.

אין דעם זיינען אריינגעקומען מענשען מיט ביקסען און אונז געהייסען אַלעמען אַרויסגיין. מיר האָבען געפאָלגט, נאָר די אויגען האָבען נאָכאַמאָל געוואָרפען א בליק אויף דעם ווייסען צימער.

איך בין נאָך געשטאַנען א לייגערע צייט אויף דער גאַס און אָנגעקוקט דעם עולם און אויסגעהערט פערשידענע מעשׂיות פון דער גנבים, פון די אַנאַרכיסטען, ווי זיי האָבען זיך פערטיידיגט, ווי זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען.

שפּעטער האָט מען געבראַכט א דראָשקע און אַרויסגעפירט די

פרוי מיט איר ניי־געבוירענעם קינד, מען האט געזאגט, אז מען פירט זיי אין שפיטאל, נאר פון עולם האט ווער א געשריי געטאן: „אין תפיסה, אויף דער תליה". צווישען עולם האט מען זיך ווידער געוויזערט אויף די אנארכיסטען: „זיך ארייגעקליבען אין די בעסטע פאלאצען, בורזשויען, האט זיי זיך פערגלוסט צו ווערען „גנבים, שיכורים". אט אזעלכע ווערטער האט מען געהערט כסדר.

*

איך בין געגאנגען אליין דורך דעם ארבאטער־גאסען־לאבירינט, איינער אליין בין איך געגאנגען אין די געסלאך און געטראכט פון דעם העלפאנט־ביין־בעט, פון אינדיען, פון די רייכע און ארעמע מענשען און איבערהויפט איז מיר אין קאפ געקראכען דאס יונג נפש'ל, וואס איז געבוירען געווארען אין א העלפאנט־ביין־בעט.

ווי וועט איהם דאס ווייטער זיין לעבען אויסקומען?

פֿון מיין פֿענסטער.

אויף די טרעפּ אין קאָרידאָר איז זיך אַוועק נאָר אַ ניי סאָרט לעבען. אמת, דאָ זיינען נישט פֿאַראַן קיין ווייכע קאַנאַפּעס, נישטאָ קיין דיוואַנעס אויף דער פּאָדלאָגע און קיין בילדער אויף די ווענט, נאָר אויך די דערוואַקסענע מענשען זיינען אַפּטמאָל נייגעריג ווי די קינדער די קלייִנע און עס פֿעראינטערעסירט זיי אַ נייער אָרט... זאָל דאָס זיין אפילו אויף די טרעפּ. דאָ ביי אונז אויף די טרעפּ האָבען זיך שוין פֿערבונדען עטליכע ראָמאַנען. מען וואַרפֿט פּראַזען פריילֿיכע, רייצענדע, מען טיילט זיך אָפּ פֿון צלעמען און מען בעהאַלט זיך, מיט אַ שמאָק העכער, מען שושקעט זיך... פּלוצלינג רייסט זיך אויף ערגיץ נאָנט אַ באָמבע און מען כאַפּט זיך פֿון חלום אויף, צו די אונטערשטע לויפֿט מען אַראָפּ מיט אָפענע אויגען:

—האַ! וואו איז געפֿאַלען? גאָר נאָנט... עס האָט זיך אויסגעדולט אונזער מויער פֿאַלט איין.

די עלטערע שכנים האָבען זיך געפֿונען זייער פֿערגעניגען. מען זיצט אויף די טרעפּלעך און מען שפּילט אין קאָרטען...

—פּיאָטר איוואַנאָוויטש, איר האָט פֿערשפּילט. און פּיאָטר איוואַ-

נאָוויטש ענטפערט:

—מיר האָבען אַלע פערשפּילט, איר הערט ווי עס זעצט.

— זאָל זעצען!

— זאָל קנאַקען!

— זאָל די וועלט איינפאַלען!

פלוצלונג קנאַקט אַ קויל אַריין אין דער אייבערשטער שויב פון קאָרידאָר און אַלע שפרינגען אויף מיט די קאָרטען אין די הענט און נעמען לויפען אין קעלער אַריין, ביז מען בערוהיגט זיך און מען קומט צוריק אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

איך בלאָנדזשע אַרום צווישען די דאָזיגע מענשען פון טרעפ צו טרעפ, ביז איך קלויב זיך אַרויף אין דער הויך אויפן העכסטען שטאָק, וואו איך לעב. דאָ זיינען שוין געבליבען גאָר ווייניג גאַנצע שויבען. די גאַרדינען זיינען דורכגעלעכערט, אויף דער פּאָדלאָגע איז אָנגעשאָטען שטויב...

עס ברענט.

איך גיב אַ קוק אין פענסטער, שוואַרצע און גראָע קנוילען רויך שיט פון אַ נאָענטען הויז. יאָ, דאָס האָט דאָך אַזוי געפעלט: אין שטאָט איז אַזאַ שטורם געווען, אַזוי פיל הרוגים און צעשטערונגען, און ווען די פלענסט פריהער קוקען פון הויבען, האָט זיך גאָרנישט געגלויבט, אַז מיר לעבען דאָ איבער אַזוי פיל: אַ רוהיגקייט איז געלעגען אויף די דעכער און אויף די בוימער און די זון האָט געשפּילט אין דער פילפאַרביגקייט פון מאָסקווער קלויסטער-רונדען.

נאָר איצטער ברענט. דאָס בילד וועט איצט אַ גאַנצעס זיין, איך בין געלאָפען האַסטיג אונטען אַלעמען אָנזאָגען. איך געדיינק נישט, אַלע זיינען איבערראַשט געוואָרען. די, וואָס האָבען אין קאָרטען געשפּילט, האָבען בלויז מיט איין האַלבען אויער אויסגעהערט מיין בשורה:

—עס ברענט, אָט נישט וויט פון אונז. און עס האָט זיך מיר גלייך דערמאָנט די קינדער-יאָרען. ווען איך פלעג אַזוי ליב האָבען אַ שרפה... דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט און איך געדיינק גאַנץ גוט מיין שטימונג אין יענער רגע: עס וואָלט עפּעס פערדראָסען, ווען דאָס פייער וואָלט זיך פלוצלונג פערלעשען.

אויפ׳ן גאַס האָט גענומען טונקעל ווערען. איך בין ווידער געשטאַנען

ביים פענסטער און פארזיכטיג ארויסגעקוקט דורך די שויבען. איצט האט מען שוין געזעהן גרויסע פלאמען, ווי א בליץ אין וואלקען האבען זיי זיך געלויכטען אין די שווארצע כמארעס רויך, און געמאכט וועג פאר זיך.

ארום אויף די גאסען איז קיין לעבעדיגער נפש נישט געווען, קיין אויטאמאביל מיט'ן רויטען קרייץ איז שוין אויך נישט דורכגעלאפען און דאס הויז האט געברענט, און א צווייטע האט שוין געברענט, און עטליכע ארומיגע הייזער האבען שוין שטארק געזידעלערט...

קיינער לעשט נישט, דאס פייער שפאצירט פראנק און פריי און שטרעקט ארויס גרויסע לאפעס פון די פענסטער פון די מויער-שפאלטען: „לאזט מיר נאר, לאזט, איך וועל אלץ פערניכטען".

אין צימער בעדארף מען קיין פייער נישט אנצינדען, עס איז אזוי ליכטיג, מיט פורפור-ליכט איז אלץ פערגאסען, דער שאטען פון דער שרפה ציטערט אויף מיינע ווענט...

אין צימער איז אזוי שטיל. אויף דער קאנאפע ליגט דאס קישעלע און ווארט... אפשר זיך צו-לייגען און פערטראכטען זיך? אויסרוהען זיך פון דעם גאנצען שומעל. פייער איז א שרעקליכע, אבער א פרייליכע זאך. איך האב פון פענסטער נישט געקענט אוועקגיין. מיין קינדהייט, מיין יוגענט איז מיר פארביינעגאנגען דעמאלט אין זכרון.

איך האב זיך דערמאנט מיין שטאט מיט א גרויסען וואלד ארום, מיט קליינע אונטערשטאטישע געסלאך, וואו מיר פלעגען זיך אמאל מיט יארען צוריק צונויפקלייבען און טראכטען און ריידען פון ליבע צו אלעמען, פון פרייד און האפנונג פאר דער מענשהייט.

און אט איז דער העכסטער פונקט... עס פלאקערט, עס ברענט און אויף די גאסען ליגען טויזענטער טויטע... און דער ערלייזער גייט און שפרייזט לאנגזאם איבער אונזערע שטעט און טונקט די פיס אין בלוט...

עס מאכט א מאדנעם איינדרוק אט אזא מין שרפה, ווען קיינער לעשט נישט און דאס פייער וויזט זיינע קונצען. עמיצער ביי אונז אין קעלער האט געזאגט, אז אט אזוי ברענען וועלדער אין די ווילדע לענדער. דורך די לעכער פון די פענסטער, דורך די באלקאנען, וואס זיינען פריהער אזוי רוהיג געהאנגען איבער די גאסען, האבען זיך איצט געריסען משונה'דיגע לאפעס, פייער-דיגע צונגען און געטאפט, געזוכט און געלעקט יעדער ביסען, וואס דאס

פייער פערדייט נאָר.

איך האָב זיך פערטיפט אין פייער און געטרוימט און בילדער בעשאַפען, פערגליכונגען.

פלוצלונג! א שטיק מויער איז איינגעפאַלען און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע געדאַנקען.

עס האָט זיך פערביינקט נאָך די שכנים, איך האָב זיך געזעגענט מיט'ן פייער.

אויף די טרעפ האָב איך בלויז געפונען א שומר, וועלכער איז געשטאַנען ביים טיר און געבלאָזען פאַרע אויף די שויבען. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַלע זיינען אריין צו גאַזט צום אונטערשטען שכן און איך בין דאָרט אויך געבעטען.

איך בין אריין אהין.

און פאַר מיינע אויגען האָט א בליץ געטאָן מיט בלומען, מיט אַלערליי פרוכטען און וויינען, דער עולם איז געזעסען און פערבראַכט ווי אויף א חתונה...

ווי אין דער צייט פון א מגפה.

— וואָס, עס ברענט נאָך?—האָט מען זיך צו מיר געווענדעט.

— עס ברענט, עס וועט אַלץ פערברענט ווערען, דאָס פייער קומט נענטער צו אונז. איך האָב אַזוי געענטפערט. און איינער פון די געסט האָט עס פערוואַנדעלט גלייך אין א שפּאַס:

— מאַ, לאָמיר אויסטרינקען און אויפעסען די גוטע זאַכען! איבערהויפּט האָט מען ביי אונז א סך געטרונקען. אַלע שכנים האָבען ערגעץ געהאַט בעהאַלטען פלעשלעך מיט'ן טייערן טראָפּען און מען איז אַזוי אַרומגעגאַנגען מיט די פלעשלעך, ווי מיט א לולב פון שכן צו שכן...

איך בין אַליין געוואָרען פלוצלונג איפגעלייגט און גענומען טרינ־קען מיט זיי. שפּעטער האָט זיך עמיצען פערוואָלט מוזיק, איז א פריי־לין געגאַנגען צום קלאַוויר און גענומען שפּילען. עס האָבען זיך דער־הערט עטליכע פריליכע טענער, נאָר אין דער רגע איז אַריינגעלאָפען אונזער דעזשורנע, האָט איז געשטאַנען ביים טיר מיט'ן שווייצער פון הויז און אָנגעהויבען שרייען, אַז אויף'ן גאַס דרייען זיך אַרום מענשען מיט ביקסען און מען וועט אונז אַלעמען באַלד פּטר'ן...

דאָס אַרײַנמישען זיך פון זײַטיגע מענשען האָט אויף אונז גע־ווירקט, געשפּילט האָט מען שוין מער נישט, נאָר כּמעט האָט דאָך פּאָרט געזוכט מיט וואָס די צײַט צו פֿערברײַנגען, האָט זיך געפֿונען בײַ אונז אײַנער, וואָס קאָן טאַנצען, אַ טאַלענטפֿולע ליבהאָבערין האָט איר אַקאָמפּאַנירט אַ „טאַמבורין" אונטער די ציין... שטיל, שטיל אַקאָמ־פּאַנירט. און יענע האָט זיך געלאָזען איבער'ן זאַל, צוערשט לײַכט און זאָרגלאָז ווי אַ שמעטערלינג, דערנאָך דרייסטער און מונטערער ביז זי איז אַרײַן אין עקסטאַז און איז אַוועק אין אַ ווילדען קאַראַהאָר. דער עולם האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און גענומען פּאַטשען „בראַוואָ".

איז ווידער געקומען דער שווײַצער און געשריען און זיך גע־צלם'ט: מענשען אין אַזאַ מאָמענט הוליען, ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זיך און פֿאַר אונז.

דערנאָך האָט מען געשפּילט אין פֿאַנדען, אין מײַנונגען און ווי באַר דאָס געלעכטער פֿלעגט ווערען אַבּיסעל העכער, עפֿענט זיך באַלד אויף די טיר און דעם שווײַצער'ס קאָפּ בעװײַזט זיך.

און אויף די טישען האָבען די עפּעלאַך רויט געלויכטען, אין די פּלעש לאַך איז קיין ווײַן נישט געווען, עטליכע פֿון אונזערע האָבען זיך שטאַרק געשאָקעלט.

אײַנער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול און גענומען זאָ־גען מוסר:

— עס קומט דער סוף פֿון דער וועלט. מיר האָבען אַלע גע־זינדיגט, שרעקליך געזינדיגט ביז איצט. און ער האָט מיט'ן גאַנצען ערנסט פֿון אַ שכּור'ן גענומען אונז שטראָפֿען, פֿון שטראָף־רייד איז מען אַריבערגעגאַנגען צום קושען־זיך; פֿרעמדע מיט פֿרעמדע, אײַגענע מיט אײַגענע און, אַז מען איז אויף אַ סעקונדע ערנסט און ניכטער געוואָרען, דאַט מען זיך דאַן ערשט געכאַפּט ווי ווײַט מען איז שוין פֿערקראָכען, האָט מען גענומען לאַכען פֿון זיך אַליין, פֿון דער גאַנצער וועלט, אינמיטען נאַכט אַרײַן, אין דער שרפֿה און אין דער רעוואָלוציע. איז אַרײַנגעפֿאַלען דער שווײַצער, האָט ער דערזעהן, אַז אַלע לאַכען אַזוי היסטעריש, האָט ער אויך גענומען לאַכען. עמיצער האָט אים דער־לאַנגט אַן עפּעל, דער צווייטער איז געלאָפֿען אים אָנגיסען טײ און פֿון

אַלע זאַכען האָט מען זיך צוגעכאַפּט צום שווייצער און אים גענומען וויגען און הויבען אין דער לופטען.

— אורא, מיק׳טאַ! אוראַ! עס איז געוואָרען אַזאַ ליאַרעם, אַזאַ טומעל, די טישען, די ביינקלאַך האָבען זיך צערוקט. איינער צום צווייטען איז געלאָפּען און גערעדט, נאָר קיינער האָט גאָרנישט פערשטאַנען און אי־בער אַלץ האָט זיך געווינגט מיקיטעס גרויסער קאָפּ.

אין דער רגע בין איך ניכטער געוואָרען און פערשטאַנען האָב איך, אַז דאָס הוליען אונזערע אָנגעשטריינגטע נערווען. נאָך אַ פּאָר טעג און עס חעט ווערען ביי אונז אין הויז אַ פולקומער דול־הויז.

עס איז געוועזען שוין שפּעט ביי נאַכט. דער עולם האָט זיך אויס־געצוינגען אין קאָרידאָר אויף מאַטראַצען און געשלאָפען. איך האָב זיך גע׳גנב׳עט אויף די ליידיגע טרעפּ צום העכסטען שטאָק.

ווי אַ גרויסער פרייליכער ווייער האָט זיך דאָס פייער צעשפּרייט אין געשלונגען שטיקער שוואַרצע נאַכט.

אין די אומרוהיגע טעג.

די טויערן פלעגט מען זעהר פריה פערשליסען און דער עולם האָט געחאַרט און אָפגעהיט דאָס ביסעל האָב און גוטס, וואָס יעדער פערמאָגט. דער הויף, וואו איך האָב געלעבט, איז געווען זעהר אַ גרויסער מיט טויזענטער שכנים. דאָס איז געווען אַ וועלטעל פאַר זיך. מיר האָבען געהאַט אַן אייגענעם קינאָמאַטאָגראַף דריי מאָל אין דער וואָך, אַן אייגענעם קלוב און אַ קאָנצערט-זאַל. מענשען האָבען זיך זעהר בעפריינדעט. מען פלעגט גיין צו גאַסט איינער צום צווייטען. נאָר די גאַנצע שמחה און פריינדשאַפט איז געווען אויפ'ן הויף, וואו די מענער פלעגען דעזשורירען. דאָ האָט געברענט אַ שייטער, ביי וועלכען מען וואַרעמט זיך און מען דערציילט זיך מעשיות. אויסער דעם האָט מען צונויפגעשאַרט אַ גרויסען באַרג שניי און מען האָט זיך פון אים כסדר אַראָפגעשליטעלט. אַלע, יונג און אַלט, פרוי און מאַן — מען האָט זיך געלאָזען וואויל גיין מיט די מיניאַטור-שליטעלאַך.

די הויכע ווענט האָבען שטאַרק פערשטעלט. דאָס לאַכען פון אונזער הויף פלעגט ווייט נישט דערגיין, נאָר שפעט ביינאַכט, ווען די איבריגע פלעגען שוין שלאָפען גיין, פלעגט צו אונז פון שטאָט דערגיין אַ שאָס נאָך אַ שאָס, און דער שייטער וואַרפט רויטע פונקען און שאָטענס.—און געדיים, עפּעס אוראַלט געהיים האָט אונז אויסגעזעהן די וועלט, דאָס לעבען און יעדער קלאַנג פון דער נאַכט.

בלומען.

איך בין אַרום אויף די גאַסען זוכען עפּעס עטעגוואַרג און ווייס גע‏פּלאָנטערט צווישען פרעמדע מענשען. דערזעהט מען עמיצען גיין מיט אַ קאָשיק, מיט אַ פּעקעל, אָדער מיט אַ צו ברייטען בוזעם, לויפט מען צו צו אַזאַ איינעם:

—וואָס איז פאַראַן, ברודער?

ענטפערט יענער נישט באַלד און קוקט זיך אַרום.

ער דיקטירט אַ פּרייז, האָט חרטה און זאָגט באַלד מער — אַזוי פיל הענט ציהען זיך צו אים, אַזוי פיל הונגעריגע ליפּען מורמלען:

—זאָג אַ פּרייז, נעם וויפיל דו ווילסט.

און אין דער הויך איז שוין דער הימעל בלוי, דער שפּעטיגער פרילינג קומט שוין אָן אַזוי געלאַסען, אַזוי ליכטיג און דופטיג. טויבען, גאַנצע מחנות טויבען פליהען און שוועבען איבער אונז. פּלוצלונג לויפען אַלע אויף דער צווייטער זייט גאַס. איך לויף אויך אַהין, אַ פּויער מיט אַ גרויסען זאַק שטייט און אַלע רינגלען אים אַרום.

וואָס פאַר אַן אוצר טראָגט ער דאָ אין זיין זאַק?

און ער רוקט אַריין די האַנט און שלעפּט אַרויס איין צווייג טשערעמוכע, אַ צווייטען צווייג און דער עולם פערגעסט אָן הונגער. דער עולם קויפט די בלומען ביים פּויער. יעדער איינער לויפט אַוועק מיט אַ צווייגעל טשעראָמוכע. פּונקט ווי ער האָלט שוין זאַט געוואָרען. איך קויף אויך און עס ווערט מיר פריליך אויף דער נשמה, עך, עס וועט אַלץ זיין גוט, אַז בלומען בליהען, וועט נאָך אַלץ זיין גוט.

די קרומע רעוואָלוציע.

אויף דעם אָרט, וואו ס'איז געשטאַנען סקאָבעלעוו'ס מאָנומענט מיט די שיינע באַרעליעפען פון פלעוונע און קארס, אויף דעמדאָזיגען פּלאַץ, וועלכער הייסט איצט „פּלאָשטשאַד רעוואָלוציי" האָט מען אוועקגעשטעלט אַ הילצען מאַוזאָליי. פאַר דור דורות אַן אָנדיינקונג.

און עס דאַכט זיך, אַז קיין סקאָבעלעוו איז קיינמאָל נישט געווען און קיין פלעוונע איז נישט געווען. אַנטקעגען געוועזענעם האָטעל „דרעזדען", וואו דער סאָוויעט געפינט זיך, שטייט אַ הילצער מאַוזאָליי פון ציגעל און אייזען, נאָר עס האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך: דער מאַוזאָלעי האָט זיך אויסגעקרימט, ביים סאַמע שפּיץ האָט ער זיך אַ קרים געטאָן און עס דוכט זיך אויס, אַז באַלד, באַלד וועט ער איינפאַלען.

און מאָסקווע וויצעלט זיך, ווען מען קיקט אויף דעם קרומען מאַוזאָליי:

— „ער איז קרום ווי די רעוואָלוציע", אַזוי רעדט מען מיט אַ שמייכעל אין דער ווייס-שטיינערדיגער מאָסקווע, כאָטש דאָרט איז געוואָרען אַ זעלטענע זאַך, אַז עמיצער זאָל שמייכלען.

אַ פרימאָרגען איז קיעוו.

פאַרנאַכט־צייט האָט זיך שוין פערשפּרייט די ידיעה: פּעטליורא קומט! איבער'ן שטאָט זיינען געפלויגען גרויסע אויטאָבוסען מיט דעם העטמאַנ'ס סאָלדאַטען. עמיצער האָט אָפּגעגעבען אַ בעפעל אַרויסצוטראָגען, וואָס מען קאָן פון די אינטענדאַנטור־מאַגאַזינען. נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. די אויטאָבוסען זיינען געלאָפען פול אָנגעפּאַקט מיט קליידער, מיט וועש, מיט שטיוועל, נאָר וואו צו אַנטלויפען איז נישט געווען. קיעוו איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען און יעדער איינער פון די רוסישע סאָלדאַטען און אָפיצירען האָט געמוזט זאָרגען פאַר זיך אליין, ראַטעווען דעם אייגענעם נפש. האָט מען געלאָזען שטיין דאָ און דאָרטען די אויטאָבוסען מיט די קליידער און אַליין איז מען נעלם געוואָרען. ווי הייעריקען האָט זיך דער המון געוואָרפען אויף די קליידער און שטיוועל. עס זיינען געווען פאַלען, ווען אינטעליגענטע מענשען, איבערהויפּט פרויען האָבען גענומען, וואָס עס האָט זיך געלאָזען, אַ פּאָר שטיוועל אָדער וואַרעמע וועש און אַנטלאָפען מיט דעם.

אויף די גאַסען האָבען זיך געוואַלגערט ביקסען און ערגעץ־וואו

איך איבערגעלאזענע פולעמיאטען. פון אונטער דער שטאט איז נאך דערגאנגען א שיסעריי, נאר אלע האבען געוואוסט און געפיהלט, אז מיט'ן העטמאן איז שוין געענדיגט.

די רוסישע פאנען, וועלכע האבען זיך די לעצטע צייט בעוויזען אויף די קיעווער גאסען, זיינען פערשוואונדען געווארען; מענשען מיט עפאלעטען און קוקארדעס האט מען שוין איצט נישט געזעהן, אלע האבען זיך איבערגעטאן, בעהאלטען זיך... די שפארען-קלינגערס האבען שוין מער נישט שפאצירט אויף דעם לוסטיגען קרעשטשאטיק.

עס איז שוין געווען פינסטער, בעת אויף דער גאס האבען זיך בעוויזען גרויסע מיליטער-מחנות, זיי האבען זיך אפגעשטעלט אויף וואסילקאווסקא גאס, אויפ'ן ראג פון קרעשטשאטיק, מיליטער מיט ביקסען, פולעמיאטען און הארמאטען. אלע האבען געמיינט, אז דאס איז שוין פעטלורא געקומען, נאר עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס זיינען דעם העטמאנ'ס סאלדאטען, וועלכע זיינען אין פלען גענומען געווארען. דער עולם האט זיך ארומגעשטעלט און געשמועסט ביז שפעט אין דער נאכט. די שיסעריי אונטער'ן שטאט האט אויפגעהערט.

כאטש מיר זיינען שוין אלע צוגעוויינט געווארען צו די אפטע איבערקערענישען, נאר דאך האט זיך געשלאפען מיט אומגעדולד, מיט ערווארטונג.

פאראן א נייגעריגקייט אינ'ם מענשען, אלץ ווילט זיך זעהן און איבערלעבען און דא, בעת די היסטאריע שמידט זיך, בעת די געשעהענישען לויפען גיכער, ווי דעם מענשענס פאנטאזיע. ווי לאנג איז ער אלמעכטיג ארומגעפארען, דער העטמאן, איבער די קיעווער גאסען אין בעגלייטונג פון דייטשע גענעראלען! און איצט? כאטש די דייטשען זיינען נאך אין קיעוו, נאר זיי מישען זיך שוין נישט, זיי שטייען פון דער ווייטען, שלאגט זיך סלאווען!

און ווי לאנג האבען דאס ברייט און הערשענדיג דא געפלאטערט די רוסישע פאנען! שוין נישטא קיין אוקראינע, נישטא! פאראן איין גרויס רוסלאנד. איצטער האט מען די פאנען בעהאלטען, בעגראבען ערגעץ אויף די בוידעמס.

פארטאג בין איך שוין געווען אויפ'ן גאס. עס איז געווען א ווייסער פריהמארגען, א דיקער שניי-פראסט האט די דראטען בעהאנגען

און די בוימער. פון די צווייגען זיינען אראפגעהאנגען זילבערנע בערדעלאך ווי לאכעדיגע סאטירען וואלטען זיך צונויפגעקליבען און ווארטען און שווייגען.

איך בין נישט געווען דער ערשטער אויפ'ן גאס. עס זיינען שוין ארויסגעגאנגען א סך נייגעריגע און איינער ביים צווייטען האט געפרעגט:

— שוין דא, שוין געקומען פעטלורא.

נאר פעטלורא איז נאך נישט געווען. אויף די ראגען פון עטליכע גאסען זיינען געשטאנען דעם העטמאנ'ס הארמאטען, פולעמיאטען און דער גאנצער „אבאז". אלץ איז געווען פערשנייט. גאנצע שיטערס ביקסען האבען זיך דא געוואלגערט. בלויז עטליכע שומרים זיינען געשטאנען און זיך נעפארקעט ארום די אויסגעשפאנטע פערד.

נאר דער שיינער כישוף-פרידמארגען האט אויף דעם אלץ געווארפען „א פאנטאסטישען אנבליק". וואס טוט זיך דא אויף גאטס וועלט. טויט, לעבען, האס און העלדישקייט, אלץ האט זיך צוזאמענגעמישט און איינגעפלאנטערט. די שטאט האט איצט אויסגעזעהן אין דעם שניי-פראסט, ווי א פאלאץ-וועלט אין א לעגענדארישען וואלד. די שילדען פון די געשעפטען זיינען געווען אין כראסט און גלאזור, פון די קוימענס האבען זיך גלייכע זיילען רויך געצויגען פונקט ווי מזבחות וואלטען זיך גערויכערט.

פלוצלונג...

עס האט זיך דערהערט א פרייליכער הילך פון אן ארקעסטער און האט געשפילט: „כאי זשיווע אוקראינא!" און פון אלע גאסען, פון פערשידענע געסלאך האבען זיך בעוויזען פעטלורעס מחנות. פוסגייענדע און רייטער. איינגעוויקעלט אין שלעמען און שאלען, מיט אזעלכע מאדנע משונה'דיגע שעפסענע פעלכלאך און פעלצען. מען איז געגאנגען און געזונגען. פון די הייזער האבען זיך מענשען בעוויזען אויף דער ווייסער גאס, אין שטייפען פראסטעל. זאל עס זיין וועלכער יום-טוב עס וויל זיך, אבי א יום-טוב, זאלען זיך מענשען פרייען.

וואונדערבאר האבען אויסגעזעהן די רייטער, אלע פערד זיינען געווען ווייס צוגעזייפט פון פראסט, מיט ווייסע צעפלאך, עס זיינען געפארען מענשען מיט לאנגע וואנסעס, מיט גרויסע פייקעס. ביי איינעם איז געווען א גוואלדיג גרויסע פייקע, וויא א פויק. דעם ציבעק האט ער גע-

האַלטען אין מויל און די גאַנצע פּייקע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פערדס קאַרק.

דאָס דאָרף איז אין שטאָט געקומען. עס איז דעמאָלט באמת געווען אין אוקראַינישען דאָרף אַ פּאַטריאָטישע שטימונג. פּעטליוראַ איז געווען דער אַבגאָט. די פּויערים האָבען אים געפאָלגט. זיי האָבען אָנגעלאָדען פורען מיט היי און ברויט, בהמות האָבען זיי געטריבען צו דער אַרמיי פון אַלע זייטען.

קוקענדיג אויף דידאָזיגע אנשי-חיל, האָט זיך דערמאָנט אַ שטיק פערגאַנגענהייט. די הײַדאַמאַקעס האָבען זיך פונאַנדערגעזונגען מיט זייערע אַלטע לידער. עס איז געווען פרײליך דאַן אויף די גאַסען אין קיעוו.

דערנאָך, ווען אַלע האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום דער שטאָטישער דומע, זיינען אַרוים די אלטע אוקראַינישע טוער און זיך געקושט מיט די סאָלדאַטען. מוזיק האָט געשפּילט, דעפּוטאַציעס זיינען געגאַנגען נאָך דעפּוטאַציעס. קינדער מיט די לערער. פון איצט אָן וועט שוין זיין גוט...

עס האָט זיך געקוקט אין דער ווייטען. דער פראָסט-נעבעל האָט זיך צעשוואומען, אַ שטיק בלענקעט הימעל האָט זיך געשטראַלט איבער צענדליגער טויזענטער קעפּ.

איך געדיינק: איך בין געגאַנגען צוריק פון דער דומע אַביסעל פערשכור'ט מיט זייער פרייד. זיי קעמפען, זיי ווילען האָבען אַן אוקראַינע, אַ דאָרף, אַ לאַנד האָט זיך אויפגעהויבען — איך פערגין זיי.

און אַז אַרום איז נאָך דערצו אַזאַ שיינער טאָג, איך גיי אַזוי און טראַכט, פּלוצלינג שטעל איך זיך אָפּ. עטליכע סאָלדאַטען מיט משונה'דיגע אוקראַינישע הישלען, מיט ביקסען אין די הענט, פערהאַלטען עפּעס אַ יונגענמאַן, און ציהען אים אַראָפּ דעם פּאַלטאָ און אונטען טראָגט ער אַ רוסישען אָפיצירישען מונדיר.

איין מאָמענט...

זיי שפּרינגען, די סאָלדאַטען, עטליכע טריט צוריק און ביידע מיט אַמאָל שיסען אוים אין אָפיציר. עס ווערט אַ טומעל, אַ געשריי, אַ געלויף, מענשען פאַלען אין שניי. איך קוק פון דער ווייטען און איך זעה, ווי יענער ליגט אויסגעצויגען אָהן בעוועגונג. די סאָלדאַטען קוקען זיך נישט אַרום. פילו גייען אַוועק מיט די ביקסען אַראָפּגעלאָזען.

קיעוו איז שוין געווינט צו אַזעלכע סצענעס. דער עולם קלויבט זיך באַלד צונויף און מען קוקט אויף די פֿערגלאָצטע אויגען פֿון דער׳ ...ג׳עטען. אַ שיינער יונגער פּנים, נאָר-וואָס האָט פֿאַר אים דער הי... ...על געלויכטען... נאָר-וואָס.

אַרום אים זעהען זיך רויטע פֿלעקען, נאָר נאָנט צום ביימעל, וואו דער שניי איז נאָך ווייסער און אומשולדיגער, זיינען אויך עטליכע טראָפּענס צוגעשפּרונגען און זיי לויכטען אַזוי...

בלוט אויף שניי, רויט אויף ווייס. אַ מאָדנער שרעקליכער רייץ ליגט אין דעם.

דער טאָג, דער ווייסער טאָג האָט פֿאַר מיר בעקומען אַן אַנדער פּנים, די עטליכע רויטע פֿלעקען אויפֿן שניי זיינען מיר אויף דער נשמה געפֿאַלען.

איך בין געגאַנגען דערנאָך אַהיים און געטראַכט ביז: איך גלויב נישט, מענשען, אין אייערע שמחות, איך גלויב נישט אין אייער פֿרייהייט...

פֿון ווייטען האָט אַן אָרקעסטער אַלץ געשפּילט: „כּאַי זשיווע אוקראַינאַ״! גאָר קיין פֿרייד האָט עס מיר שוין נישט געבראַכט, אויב דער מענש איז אַ מערדער, דאַן בעת ער דערגרייכט שוין זיין אידע-אַל, בעת ער פֿרייט זיך, טאָ ווי זאָל ער זיך שוין בעגיין דאַן, בעת ער איז אין שלאַכט, אין אויפֿרעגונג?

אין עטליכע טעג אַרום איז אָנגעקומען די שרעקליכע ניים, אַז אין זשיטאָמיר איז אַ פּאָגראָם. דערנאָך האָט זיך עס אַוועקגעלאָזען שפּאַצירען, די ווילדקייט, איבער אוקראַינע און טויט און פֿערוויסטונג האָט געבראַכט זייער „כּאַי זשיווע״.

בלענקעט-געל.

מיער פאן האט געפלאטערט אויף אלע הייזער. יעדער אינטעלי-גענט און יערע דינסט האט זיך צוגעשעפעט א סטיינגע פון די דאָ-זיגע צוויי פארבען: בלענקעט-געל. עס האט דערמאָנט בלאָען דרום-הימעל און פרילינגס-פעלד, ווען עס איז בעשאָטען מיט מיליאָנען געלע בלימעלאך...

אויטאָמאָבילען, פערד און וואגען, באלקאָן און טויער — אומעטום האָבען זיך די צוויי פארבען געשפילט...

א פרולטבא", א גאָלדען לאנד איז די אוקראינע. די זאנגען אויף די פעלדער זיינען אזוי געדיכט און הויך, איין זאנג דעם צווייטען שטיקט — לאז וואקסען, לאז זיך ציהען ביז'ן הימעל! די קליינע וואסמין-בוימלאך, וואס מען זעהט ביי אונז, הויבען זיך דארטען אויף הויך, הויך, כמעט ווי טאפאלען.

די שווארצע ערד, די פרולטבארע ערד! וויפיל בלוט האט זי איצ-מיער אנגעזאפט? צו וואס? צי דען האָבען דאָרטען געפעלט רויטע מאָן-בלומען? צי דען האָבען זיך קנאפ געווינט אין די דערפער פורפור-פיוואָניעס? רויטע פרייליכע בלומען? צו וואס האט עס בעדארפט די שווארצע זאפטיגע ערד? אזוי פיל בלוט, אזוי פיל בלוט...

די בלענקעט-געלע פאן וועט אויף אייביג טראגען די רויטע פלע-קען פון אונזער יודישען בלוט.

אין ליוואַדיע.

I.

פֿון גאָט׳ס געבענטשטען קרים האָבען זיך די ראָמאַנאָוו׳ס אויסגעקליבען די בעסטע ווינקעלאַך. די גרעסערע חלקים פאַר זיך גענומען און די קלענערע צעטיילט צווישען די הויף-לייט. אויף צענדליגער וויאָרסטען ציהען זיך די אימעניעס פֿון די גרויס-פֿירשטען און פֿון די דאָלגאָרוקאָוו׳ס, קליינמיכעלס און וואָראָנצאָוואַ-דאַשקאָוואַי, די שענסטע וויינגערטנער געהער צו זיי, די בעסטע סעדער און וועלדער.

ליוואַדיע, אַן אימעניע, וואָס ליגט צוויי וויאָרסט ווייט פֿון יאַלטע. זי ציהט זיך ווייט ביז אַ העלפֿט וועג צום באַרג איפּעטרי, ביז דעם וואַסערפֿאַל אוטשאַן-סו. ליוואַדיע האָט געהערט צום קייזער ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו. דאָרטען האָט ער פֿערבראַכט עטליכע חדשים. דאָרטען פֿלעגט אייך אַראָפּקומען דער בערימטער ראַספּוטין און אין יאַלטע דערציילט מען וועגען אים פֿיל אמת׳ן און פֿיל לעגענדעס.

בעת גוטשקאָוו און שולגין זיינען געקומען צו ניקאָלאַי׳ען אין וואַגאָן אויף אַ קליין סטאַנציע ביי פּסקאָוו און אים פֿאָרגעלייגט אונטערצושרייבען זיין לעצטען מאַניפֿעסט, דורך וועלכען ער זאָגט זיך אָפּ פֿון זיין קרוין, האָט זיך ניקאָלאַי אויף אַ רגע פֿערטראַכט און דערנאָך רוהיג געענטפֿערט:

— גוט, איך בין איינשטימיג, נאָר לאָזט מיך אַוועקפֿאָרען אין ליוואַדיע. איך וועל פֿאָרען צו מיינע בלומען, איך וועל דאָרט פֿלאַנצען רויזען.

אין די הומאָריסטישע רוסישע זשורנאַלען האָט מען דאַן אַ סך קאַריקאַטורען געמאָלט אויף דער טעמאַ און אַ סך וויצען געשריבען איבער דעם, ווי ניקאָלאַי וועט פלאַנצען רויזען אין ליוואַדיע... נאָר ווער ווייס דעם מענשען, ווער קאָן פערשטיין וואָס טוט זיך ביי אים אין האַרצען?

ניקאָלאַי ראָמאַנאָוו איז נישט געווען קיין גרויסער מענש, נישט קיין איבעריגער הכם, נאָר אין דער רגע בעת ער האָט דערמאָנט ליוואַדיע מיט אירע בלומען... ווער ווייסט וואָס ער האָט דאַן דורכגעלעבט? ער האָט אפשר דאַן דערפיהלט, ווי נישטיג עס איז די קרוין מיט'ן טראָן, מיט אַלע הויף-אינטריגעס, און עס האָט זיך אים פערוואָלט די אמת'ע פרייהייט און דעריבער האָט זיך אים דערמאָנט זיין וואונדערבאַרע גוט מיט'ן שטיק ים וואָס זעהט זיך אַרוים דורך די בוימער, וואָס ער האָט פערפלאַנצט אין גאָרטען, מיט'ן הויכען באַרג איפעטרי, אויף וועלכען עס קריכען כסדר פערדרימעלטע וואָלקענס.

אונטען וועלגערן זיך די פאַליעס און פיילען אוים רונדע שטיינדלאך. אין די גליקליכע יאָרען פלעגט ניקאָלאַי מיט זיינע טעכטער אַראָפגיין דורך די שמאָלע ווענעלאַך צום ברעג און קלייבען די שטיינערנע פילקעס און עס וואַרפען אין ים אַריין. אָדלערס פלעגען זיך טראָגען איבער זיין שלאָס.

נאָר צו דער דאָזיגער גליקליכער ליוואַדיע איז ער איצט נישט געפאָרען, אָנשטאָט דעם היימליכען קרים האָט מען אים געגעבען דעם קאַלטען טאָבאָלסק און דערנאָך דעם טויט...

.II

איך בין געווען אין ליוואַדיע באַלד נאָך דער רעוואָלוציע. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ זעלטענע רוהיגקייט. ריין פערקערטע און אויסגעפוצטע אַלייען, לאַנג און ווייט ציהען זיך די גרינע וויינגערטנער. אונטען ביז די שטיינער פון ים און גאָר הויך ביז די גראָע פעלזען פון די בערג. און דאָרט אין גאָרטען, וואו עס ענדיגען זיך די וויינגערטנער, הויבען זיך אָן די בלומען-אַלייען. מיר האָט זיך קיינמאָל נישט געחלומ'ט, אַז אויף איין אָרט זאָל זיין אַזוי פיל בלומען. דו גייסט און נייסט איבער די אַלייען און אין די אויגען בליצען רויזען, מיליאָנען רויזען. זיי פלעכטען זיך אויף ספּעציעל געמאַכטע שטאַנגען און לאַנגע

דראָטען אויף ספּעציעלע אַלטאַניעס, וועלכע זעהען אויס אינגאַנצען פֿון בלומען. דערנאָך ציהען זיך אַלייען פֿון טולפּאַנעס, איריסען, נעגעלאַך, מאַגנאַליעס, קרימער מימאָזע. ניקאָלאַי׳ס שלאָס און די דערביאַינגע הייזער זינקען אויך אַזוי אין בלומען.

אַרום שטייען די גערטנער און אַרבעטען, שניידען און פּוצען די בייטען. דוכט זיך, אַז היינט-כאָרגען דאַרף דאָ קומען דער גאַסט, דער בעל-הבית, נאָר אַז דו גיסט אַ קוק אויף דער טעראַסע פֿון שלאָס, בעמערקסטו עטליכע זעלנער; זיי רויכערן מאַכאָרקע און געניצען. איינער פֿון זיי האָט אויסגעטאָן די גרויסע שטיוועל און וויקעלט עפּעס און וויקעלט די שמאַטעס אויף די פֿיס... בררר...

עס ווערט עפּעס אומעטיג אויפֿן האַרצען. ניין, איך בּיינק נישט נאָך ניקאָלאַי׳ען, נאָר די גאַנצע געשיכטע, דעם מענשענ׳ס פּלענער — ווי אַלץ איז אומעטיג און אָרעם...

מיט מיר גייט איינער פֿון די וועכטער. ער דערציילט מיר פֿערשידענע זאַכען פֿון ליוואַדיע.

—האָסט אים אַמאָל געזעהן, ניקאָלאַי׳ען? — פֿרעג איך בּיי אים?

—וועמען? ניקאָלאַשקען? — פֿרעגט ער מיך איבער—אפשר הונדערט מאָל געזעהן, גערעדט מיט אים, געיאָגט זיך מיט זיינע הינט...

מיר געפעלט נישט דעם שקלאַפֿ׳ס „ניקאָלאַשקע“. איך בּין זיכער, אַז ווען ניקאָלאַי וואָלט זיך איצט פּלוצלינג דערוויזען, דאַן וואָלט דער זעלבער וועכטער פֿאַר אים אויף די קניה פֿאַלען, נאָר דערווייל איז ער פֿאַר אים „ניקאָלאַשקע“.

אַ צווייטער פֿון די גערטנער האָט זיך פֿאַר מיר בּערימט, אַז ער איז געזעסען אין ניקאָלאַי׳ס שלאָף-צימער בּיי ניקאָלאַי׳ען אויפֿן בּעט. נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז פֿאָרגעקומען און עס זיינען נייע מענשען אריינגעקומען אין פּאַלאַץ, האָט ער זיך דאַן אַריינגעגנב׳עט אין ניקאָלאַי׳ס שלאָף-צימער און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בּעט, ער האָט עס דערציילט, ווי דער גרעסטער גליק וואָלט אים געטראָפֿען מיט דעם.

III.

דערנאָך האָט מען פֿון סיביר פֿון די קאַטאָרזשנע טורמעס אַראָפּגעבּראַכט אַהער אין ליוואַדיע די פּאָליטישע קראַנקע, כמעט אַלע מיט

לונגען פעלערס. מעט האָט זיי בעזעצט אין די „סוויטסקע" הייזער, וואו פריהער פלעגען לעבען די מיניסטאָרען און אַנדערע הויף-לייט. דאָס איז געווען אַ געוויסע ראַכע פון דער געשיכטע. די בעדינטע פון הויף, וואָס פלעגען פריהער קאָכען און באַקען פאַר אַוועלכע מיוחסים, האָבען איצט געמוזט אַרומגיין אַרום אָפּגעריסענע אויסגעפּייניגטע קאַטאָרזשניקעס.

אין ליוואַדיע איז שטיל געווען. די בלומען האָבען געבליהט, אונטען-אונטען נאָך די בעגרינטע טעראַסען, אונטער די פּעלזען, וועלכע זיינען פערוואַקסען אַרום און אַרום, האָט דער ים שטיל געקלאַפּט זיך אין ברעג, די טרויבען האָבען אַלץ מער זאַפט אַנגעקליבען. די ווייסע, גרויסע מאַגנאַליעס האָבען געשפּור'ט מיט זייער ריח...

פון יאַלטע זיינען אַלץ מער געכט געקומען בעקוקען דער שיינער ליוואַדיע. צוערשט האָט מען פיל בלומען פערניכטעט. ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט געריסען און געטראָטען בלומען. מען האָט אַ סך געהוליעט אין ליוואַדיע. שפּעטער האָט מען עס פערווערט. דער אַריינגאַנג איז שווערער געוואָרען.

ווען די פלעגסט פאַרביגיין די סוויטסקע הייזער, פלעגט זיך דערהערען פון דעם אָדער פון יענעם פענסטער אַ הוסט.

אַ סך פון די קראַנקע זיינען צעשטאָרבען. עטליכע זיינען געזונט געוואָרען און אַוועק צוריק אין לעבען.

איך האָב געזעהן ווי מען האָט געקליבען אין אויגוסט די טרויבען און געטיילט יעדען קראַנקען צו עטליכע פונט; דערנאָך, ווען די גערטנער זיינען לידיגער געוואָרען פון פרוכט, האָבען נאָך אַלץ די רויזען געבליהט. די קראַנקע פּאָליטישע פלעגען בלאָנדזשען ווי שאָטענס צווישען דעם בלומען-פּראַכט און יעדער פון זיי האָט עפּעס געביינקט און מיט כעס געערעדט איף דער נייער אָרדנונג. זיי, וועלכע האָבען זייער גאַנצען לעבען אַוועקגעגעבען דער רעוואָלוציע, זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מען איז זיי אַרומגעגאַנגען, אַנדערע טוערס זיינען אויסגעוואַקסען, אַנדערע העלדען און נייע, גאָר נייע לידער האָט מען געזונגען.

דער ים האָט אָבער ווי שטענדיג געשווינקט דעם ברעג און זיך נישט צוגעהערט צו די קראַנקע זיפצען...

דער רויטער זעגעל.

פֿון סעוואַסטאָפּאָל זיינען אָנגעקומען שרעקליכע ידיעות: די מאַט-ראָזען האָבען ביינאַכט אויסגעשאָכטען און אין ים אַריינגעוואָרפֿען עט-ליכע הונדערט מענשען. און אין יאַלטע האָט די נאָוועמבער-זון נאָך אַזוי געוואַרעמט, רויזען האָבען נאָך געבליהט און גרויסע וויים-לאָקיגע כרי-זאַנטעמעס האָבען אַזוי יום-טוב׳ריג געמאַכט די גערטנער און אַרום די גערטנער.

מענשען זיינען געלעגען אין די קאַבינקעס און געקוקט אין דע-ווייטקייט פֿון ים. אַנדערע האָבען געדרימעלט. דער מער טומעלדיגער עולם איז זיך שוין צופֿאָרען, נאָר די, וואָס זיינען געבליבען, האָבען נאָך געגוג פֿרייד און וואַרעמקייט געהאַט.

דער גרויסער סימפֿאָנישער אָרקעסטער האָט זיך צוטיילט אויף קוואַרטעטען און קווינטעטען און געשפּילט אין די רעסטאָראַנען, אינטים געשפּילט אין די לאַנגע דרום-אָווענטען; און דער טונקעלער מוסקאַער-וויין האָט געשוימט אין די בליצעדיגע קריסטאַל-גלעזער. ווען די מוזיק איז זאַל פֿלעגט שטיל ווערען, האָט זיך דייטליך געהערט, ווי דער ים פּאַטשט דעם ברעג און לויפֿט אָפּ צוריק, מיטשלעפּענדיג די קליינע שטיינדלאַך מיט רויש. פֿון די בערג, פֿון די ווילדעם לויכטען העלע

פייערלאַך צום ים, ווי דימענטען אויף אַ סאַמעט קלייד, ווי אויגען פון אַ קעציל אין אַ פינסטערן הדר.

געהיים און נייגעריג זעהט דאַן אוים די קליינע יאַלטע מיט איר האַלב-רונדען באַרג-אַמפיטעאַטער מיט די עטליכע הונדערט רייכע געסט אין די האָטעלען אין שפעטיגען נאָוועמבער, ווען לידער האַקען זיך אָפּ אינטימען, ווען בלומען דערבליהען נישט.

אין סעוואַסטאָפּאָל האָט מען געשאָכטען און דערטרונקען און יאַלטע איז אין זיך אַריין. פאַרנאַכט איז שוין קיינער נישט געווען ביים ים און די קאַבינקעס זיינען פערלאָזען געווען. אויפ'ן „בריקעל פון ליבע" איז קייער נישט געזעסען. די מוזיקאַנטען אין די רעסטאָראַנען האָבען געשפילט פאַר די ליידיגע ווענט. די קעלנערס זיינען געשטאַנען אויף די ווערענדעס מיט ווייסע סערוועטקעס אין די הענט און געדערט פון סעוואַסטאָפּאָל...

און דער ים האָט געקלאַפּט אַלץ געהיימער, אַלץ שטרייגער. אין קאָרטען-קלוב איז קיינער נישט געקומען — אויסער דעם אַלטען פערוואַלטער פון דער ליוואַדיער אימעניע, נאָר יענער איז טויב געווען און ער האָט די קלאַנגען די שרעקליכע נישט געהערט, ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין קאַזינאָ-זאַל, אָנגעקוקט די טייערע גרינע טישלאַך און איז אַוועק.

אין די רייכע האָטעלען איז מען אומרוהיג געשלאָפען. דער שווייצאַר אין איינעם פון די האָטעלען האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט, ווען ער האָט פּלוצלונג דערזעהן נעבען זיך אַ פרוי אין אַ נאַכט-קאַפּאָט איינגעוויקעלט. זי האָט אים אויפגעוועקט, ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין בײנקעל און געווישט די אויגען:

— וואָס הערט זיך, — האָט זי ביי אים געפרעגט. זי האָט נישט געקאָנט שלאָפען און זי איז אַראָפּ זיך ביים שווייצאַר דערוויסען צי עס איז נישטאָ קיין נייס.

— ביי אונז איז רוהיג, — האָט ער געענטפערט, — ביי אונז וועט זיין רוהיג.

— אָ, דאָס איז נאָך אַ פראַגע, — האָט די פרוי אומרוהיג געזאָגט.

— ביי אונז זיינען נישטאָ קיין מאַטראָסען, — האָט דער שווייצאַר זיינס געדערט, — ביי אונז זיינען אַלץ שטילע מענשען, און יאַלטע איז

שטענדיג שטיל.

די רייכע איבערגעשראָקענע פרוי איז נאָך לאַנג געשטאַנען אונטען אין קאָרידאָר און געקוקט דורכ'ן פענסטער אויפ'ן ים און זיך צוגעהערט צו זיין קלאַפּען.

און דער רינער פון האָטעל האָט זיינם נישט אויפגעהערט: „ביי אונז אין יאַלטע איז שטענדיג שטיל".

אין דער פריה איז דער שרעק אַביסעל אַוועק. די נאַכט, וואָס איז דורכגעגאַנגען בשלום, האָט אַלעמען בערוהיגט, און פון סעוואַסטאָ-פאָל איז קיין בעשטעטיגונג נישט געווען — איז מען ווידער געגאַנגען צום ים און מען האָט זיך געוואָרעמט אין די קאַבינקעס פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג — מענשען זיינען אַזוי ווי די פייגלאך: דערהערט זיך אַ שאָס, אַנטלויפען זיי; ווערט שטילער, קומען זיי צוריק און זוכען ווידער ברעקלאך.

נאָכמיטאָג האָט די זון שטאַרק געוואָרעמט, עטליכע פערביסענע שווימערס האָבען זיך געלאָזען באָדען און שווימען ווייט-ווייט אין ים אַריין. אַ טאָטער איז אַדורכגעקראָכען צווישען די קאַבינקעס און פאַר-געליינט זיינע „טשאַדרי", אַזעלכע אויבנייאַכץ, און די פרויען האָבען זיך מיט אים געדונגען. ער האָט גערעדט אויף אַ צובראָכענעם רוסיש, אַריינמישענדיג פראַנצויזישע ווערטער. דער עולם אין די קאַבינקעס האָט געלאַכט און געדרימעלט. אַנדערע האָבען גלייכגילטיג געקוקט אין ים אַריין און געטראַכט האָבען זיי עפּעס אַנדערש, דערמאָנט זיך וואָס און פערקלערט זיך, שטיל און וואַרעם...

עמיצענס אויגען האָבען בעמערקט אַ זעגעל שווימען, דערנאָך, ווען דאָס שיפעל איז נענטער צוגעקומען, האָבען עס נאָך עטליכע בע-מערקט, געוואונדערט האָט דאָס, וואָס דער זעגעל איז געווען אַ טונקע-לער און עס האָט פעראינטערעסירט. דער עולם האָט זיך גענומען שטאַרק אַריינקוקען און באַלד האָט מען דערזעהן, אַז דער זעגעל איז אַ רויטער.

אַ רויטער זעגעל! דאָס שיפעל האָט געטאַנצט אויף די פאַליעס האַסטיג, האַסטיג. עס זיינען אינעווייניג געזעסען אַ גרופּע מאַטראָזען און דער זעגעל מיט זיין רויטקייט האָט געפלאַטערט און געוואָרפען אַ מאַר-נעם אָפּגלאַנץ אויפ'ן גאַנצען ים. צום ערשטען מאָל האָבען עס די מענ-

שען געזעהן.

אַ פֿרוי האָט זיך דערשראָקען אָנגערופֿען:

— דאָס זיינען די לייט פֿון סעוואַסטאָפּאָל!

אַ שרעק און אַ נייגעריגקייט האָט אַרומגעכאַפּט די מענשען. דאָס שיפֿעל איז אַלץ נעענטער צום ברעג צוגעגאַנגען, ווי אַ פֿלאַם וואָלט זיך דערנענטערן... אויף די גרינע פֿאַליעס האָט געפֿלאַטערט ווי אַ רויטער פֿעכער, אַ רויטער פֿליגעל פֿון אַ שרעקליכען אָדלער.

די מאַטראָזען זיינען צוגעפֿאָרען צו דעם אָרט, וואו די קאַבינקעס זיינען געווען, אַרויס אויפֿ'ן ברעג און פֿעראַנקערט דאָס שיפֿעל. זיי זיינען פֿאַרביי געגאַנגען, לייכט זיך געוויגט אין ווייסע מאַטראָזען־קליידער, שטאַרקע, בייזע יונגען. איינער מיט אַ גאַנצען פּודעל האָר אויפֿ'ן קאָפּ; דער צווייטער מיט אַ טיפֿען שראַם נעבען ליפּ.

— בורזשועס, איר וואַרימט זיך? — האָט איינער פֿון זיי אַ וואָרף געטאָן. די איבריגע האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און אַלע צוזאַמען זיינען זיי אַוועק אין שטאָט אַריין. עס האָט זיך באַלד פֿערשפּרייט די ידיעה: „מאַטראָזען זיינען געקומען". דער גרעק, דער פֿרוכט־הענדלער, האָט באַלד בעקומען אינפֿאָרמאַציעס. זיי זיינען אַוועק אין ליוואַדיע זוכען ווייַן. שפּעטער האָט ער שוין דערציילט, אַז אין ליוואַדיע זיינען געקומען נאָך מאַטראָזען פֿון סעוואַסטאָפּאָל מיט אַן אויטאָמאָביל און מען שיכּור'ט דאָרט און מען זינגט.

טירען האָבען זיך צוגעמאַכט, מענשען האָבען זיך אין גאַס נישט בעוויזען.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ נאַכט אין שרעק, נאָר אָנגעהויבען האָט זיך עס אין פֿרימאָרגען. די מאַטראָזען האָבען געבראַכט אויף דער נאַבערעזשנע, אויף דער הויפּט־גאַס, זייערען אַ טויטען חבר, אַוועקגעלייגט דעם קערפּער און גענומען שרייען, אַז די בורזשועס האָבען אים דער'הרג'ט.

מען האָט גענומען כאַפּען אָפֿיצירען, פֿון די סאַנאַטאָריעס האָט מען זיי געשלעפּט קראַנקע, שווינדזיכטיגע, די געזונטע זיינען אַנטלאָפֿען. מען האָט זיי געשלעפּט צום ים, געלאַכט פֿון זיי, געטרעטען מיט די פֿיס, שטיינער צוגעבונדען צו די פֿיס און צום אָפּגרונד אַראָפּגעלאָזען. אַ גאַנצען טאָג האָט דער מלאך־המות קרבנות גענומען און דער ים

האָט געשווינקט דעם ברעג — וועלכען ער וועט קיינמאָל נישט אָפּ-וואַשען פֿון מענשליכער שאַנד און אכזריות.

א באַרמהערציגע שוועסטער איז געקומען צולויפען צום ברעג, אָנגעהויבען קושען די הענט ביי די תּלינים. האָט זי בעצאָלט דערפאַר מיט׳ן לעבען. אַן אומגליקליכער טאַטער איז זיך גענאַנגען, געהאַלטען א קאָש פֿרוכט און אין מויל געקייט א פערסיק. האָט ער דערזעהן, אַז מען הרג׳ט מענשען... האָט ער אנגעהויבען וויינען, דערפאַר איז ער געבליבען ליגען אויפ׳ן ברוק א טויטער מיט׳ן נישט-דערעסענעם פער-סיק אין מויל...

א שווינדזיכטיגער איז געשטאָרבען ביי זיין שוועסטער אין צימער און יענע איז מיט אים געבליבען א מעת-לעת אין איין חדר, מיט׳ן טויטען, וועלכער האָט געקוקט אויף איר מיט אויסגעגלאָצטע אויגען און געשראָקען ווי דער טויט, וועלכער האָט געלויערט אויף יעדער ווינ-קעלע פֿון דער שיינער יאַלטע.

זי האָט זיך דערנאָך די האָר געריסען פֿון קאָפּ און געשריען צו אַלעמען: „גיט מיר אָפּ מיין ברודערו" צום פֿענסטער איז זי גע-שפּרונגען און אַט די נייע משוגע׳נע האָט בעקרוינט דעם גאַנצען אונ-זין פֿון די שרעקליכע טעג ביים ים.

דערנאָך זיינען געקומען נייע מאַטראָזען פֿון סעוואַסטאָפּאָל מיט א בעוואָפֿענטע גרויסע שיף. זיי האָבען זיך אויעקגעשטעלט ווייט אין ים און באָמבאַרדירט די שטאָט. עטליכע ווילעם האָבען זיי צעשמעטערט. דאָ זיינען געהאַנגען אונטערגעהאַקטע ווייסע זיילען און דאָרטען איז אַן אומשולדיגער קיפּאַריס געווען אויסגעצויגען אויף דער ערד, א פּאַלמע...

און עס האָט אויסגעזעהן, אַז דאָ זיינען גאָר קיינמאָל קיין מענ-שען נישט געווען, דאָ האָט מען קיינמאָל נישט געזונגען. טיר און פֿענסטער זיינען פֿערהאַקט געווען.

דערנאָך איז מען געגאַנגען אין די הייזער און ווידער געשלעפּט קרבנות... אַך, עס ווילט זיך נישט ווידערהאָלען, עס ווילט זיך נישט דערמאָנען. וויפיל חיות פֿערמאָגט נאָך דאָס גרויסע לאַנד אין אירע ענדלאָזע גרעניצען.

טעג און וואָכען זיינען דערנאָך אין יאַלטע אַריבער אין שרעק פאַר׳ן טויט. — קיינער איז נישט זיכער געווען אויסער אפשר די עט-

ליכֿע דינסטען, וועלכֿע האָבען זיך גע׳חבר׳ט מיט די מאַטראָזען. יעדען פֿאַרנאַכֿט פֿלעגען זיי אַרויספֿאָרען אויפֿ׳ן ים שפּאַצירען אויף דעם שיפֿעל מיט דעם רויטען זעגעל. אין שטאָט איז שטיל געווען ווי אויף אַ בית־עולם און פֿון ווייטען האָט זיך שפּילענדיג און וויגענדיג געפֿלאַטערט דער רויטער זעגעל. דעם ים איז אייגענטליך אַלץ איינס, ווער עס רייט אויף זיין רוקען, דער ערד איז אויך דאָ אַלץ איינס, וועלכֿע בּרואים עס קריכֿען נישט אויף איר׳ז בּליהענדע לאָנקעס און בּלומען־בּייטען.

הערט זיך איין, פֿאַליעס, אַ רוסישע גאַרמאָשקע שפּילט. הערט נאָר, אַ קאַמאַרינסקע, אַ דובּינישקע הוליעט איבּער אייך. פֿאַליעס ריינע און פֿאַליעס פֿערבּלוטיגטע, הערט אויס די לידער פֿון סטעפּ און גריכֿטע וועלדער, עס בּרומט אין זיי דער בּער און עס קרעכֿצט אין זיי אַ יונג לעבּען, אַ צוטראָטענער...

און דאָרט בּיים טאָל אונטער׳ן וואַסער זעהט מען אין אַ זונען־טאָג ווי מענשען וויגען זיך, מענשען מיט שטיינער צוגעבּונדען צו די פֿיס. אויסגעשטעלט אין רייהען מיט אויפֿגעשטעלטע האָר אויפֿ׳ן קאָפּ. זיי וויגען זיך, די טויטע, און דער רויטער זעגעל פֿון ווייטען וויגט זיך אויך אַזוי עלאַסטיש און פֿריילין...

לייד׳גע ווײַן־פֿלעשלאַך שווימען אויפֿ׳ן וואַסער און שאָלעכֿץ פֿון סעמעטשקעס — דעם ים איז דאָך אַלץ איינס, אַלץ איינס.

אויף אַי-פּעטרי.

שוין אין אַ סך חדשים נאָך די געשעהענישען אין יאַלטע זיינען אַ גרופּע קור-געסט געפאָרען אויף „אַי-פּעטרי” בעקוקען זיין הויכקייט און ווילדקייט.

געפירט האָט זיי איבראַהים. דעם גאַנצען וועג האָט ער דער-ציילט וועגען די מאַטראַזען, וועגען שרעקליכע בלוט-פערגיסונגען. נאָך אַ האַלבען טאָג איז דער עולם אוועק זוכען אָדלערס.

ער, איבראַהים, איינער ווייסט, וואו די ריזיגע פויגלען האָבען זייערע נעסטען.

מען איז געקראָכען דורך שטיינער און פעלזען, ביז מען איז געקומען צו א נידעריגען בערגעל, וועלכער איז ווילד געווען צולעכערט. מען איז געגאַנגען ווייטער... פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבען אַן אָדלער מיט אַ געשריי און אַ צווייטער, אַ דריטער...

נאָר זיי זיינען נישט אַוועקגעפלויגען פון דעם אָרט.

—דאָ מוז עפּעס זיין, האָט זיך איבראַהים אָנגערופען, און ער האָט געפירט די געסט זיינע דורך שווערע וועגען... ביז מען האָט זיך

אָנגעשטויסען אויף צוויי טויטע קערפּער'ס, דאָס זיינען געווען צוויי מאַטראָ־
יע, די קערפּערס זיינען שוין געווען גענוג צופֿאַלען, נאָר די קליידער האָבען
זיך נאָך געהאַלטען. נעבען די טויטע איז געלעגען אַ גרויסער פּעקעל מיט
צירונג, בריליאַנטענע און גאָלדענע חפצים...

און מאָרגנע האָט עס אויסגעזעהן אויפֿן הויכען באַרג: די שוועבענדע
אָדלערס, די טויטע מאַטראָזען און די צירונג וואָס נעבען זיי האָט זיך
געוואַלגערט. פֿאַרן אייביגען כּאַאָס פֿון דער נאַטור איז דאָס אַלץ
צוזאַמען אַ קליינינקייט.

די גלאקען.

די גלאָקען.

I.

איך כאַפּ זיך אויף אין מיין קאַלטען חדר, דער פראָסט האָט אויסגעמאָלט אויף מיינע פענסטער וואונדערבאַרע אוזאָרען, מאָדנע ליניעס האָט ער אָנגעצייכענט אויף די שויבען, פונקט ווי ער וואָלט וועלען פערשרייבען אויף זיי עפּיס אַ זעלטענע לעגענדע וועגען די ווייסע צפון-לענדער, נאָר קיינער פון אונז וועט נישט ענטדעקען דעם סוד און נישט איבערלייענען.

דורך דעם פראָסט-אייטעל, דורך די שויבען גיסט זיך היינט אַריין מער ליכט ווי אַלע מאָל, קענטיג אויפ'ן גאַס איז היינט זוניג און קאַלט.

פון גאַס דערגרייכט אַ לייכטער רויש. היינט איז יום-טוב אין מאָסקווע רוהט.

פלוצלונג פאַלט אַראָפּ פון ערגיץ אַ שווערער קלונג, באַלד אַ צווייטער... ביסלעכוויז-ביסלעכוויז קלינגט זיך עס פונאַנדער פון גאַנץ און פון ווייט — שווערע זיידעס-און עלטער-זיידעס-גלאָקען, מעכטיגע פאַטריאַרכען און אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען רייצען די אַלטע, נעמען אויך קלינגען די יונגערע און גאָר די יונגע גלאָקען—שוואַכע אוי-

דעלע טענער — די איינציקלאַך צוקלינגען זיך און מישען זיך צונויף און גיסען זיך צונויף מיט די גרויסע גלאָקען אין איין שטאַרקע מעכ־טיגע סימפאָניע...

II.

איך בלייב שטיין אין מיטען צימער, איך פערגעס, אז איך לעב אויף דעם העלסטען שטאָק פון אַ גרויס הויז; עס דוכט זיך מיר, אז איך געפין זיך ערגיץ אין אַ קעלער און איבער מיר קאָלט און רוישט דאָס לעבען.

די גלאָקען־קלאַנגען דערגרייכען קוים צו מיר, זיי בעהערשען מיך און בעזיגען. איך בין איינזאַם אין דער פרעמד און יעדער קלונג בע־זונדער וועקט אין מיר שטיקלאַך ערינערונגען. איך בעוויז ניט אַריינ־צונעמען אין די געדאַנקען דעם ערשטען קלונג, לויפט באַלד אָן אַ צווייטער אויף אים און שרעקט און כישוף'ט, רייצט און דערוויטערט.

שטילער, שטילער!...

די גלאָקען האָבען זיך צובייזערט און פער'מסר'ט אונזער זינדיגע וועלט פאַר די הימלען.

אַט טראָגט זיך ווידער אַ שטילע תפילה. עס פאַלען איינציגע קלאַנגען פון גלאָקען, עלאָס, האַלבע קלונגען רירען קוים אָן די לופט און ווידער אַ שטורם.

ווי אָנגעשראָקענע טויבען אַנטלויפען די געדאַנקען פון די נייע קלאַנגען, די שויבען ציטערן קוים־קוים.

איך גיי צו צום פענסטער און וואַרעם אויס אַ רונד רינגעלע אויף אַ שויב און פאַר מיינע אויגען גיט אַ בליץ דער ערשטער קלויס־טער־שפיץ און דאָ און דאָרט הייגען גאָלדענע צלמים. מיט אַ מאָל דערזעה איך אַלע קופּאָלען פון די צערקווען, רונדע, גלאַנציגע בלענ־דען ווי די אויגען און עס דוכט זיך, אז די זון האָט אַלע אירע שטראַלען זיי אַוועקגעגעבען.

דאָ אין דער פרעמד איז מיר אַלץ ניי, אומבאַקאַנט, מיין וועלט האָט זיך בעגעגענט מיט אַ פרעמדער וועלט.

.III

עס דערמאָנט זיך מיר די קלויסטער־גלאָקען פון די פוילישע און ליטווישע שטעטלאַך.

אויף דעם העכסטען אָרט באַדט זיך דער קלויסטער אין גרינס און הערשט איבער אַלץ. אָפטמאָל אין שטילע פאַרנאַכטען, אָדער בע־גינענס, אָפטמאָל אין אַ יאַרמאַרק־טאָג קלינגען זיך איבער די גלאָקען, אָבער דאָרטען אין יענע שטעטלאַך איז דאָס בלויז אַ טייל פון דער פרעמ־דער וועלט, אַן אָפקלאַנג, דאָ, אין מאָסקווע, איז עס אַ גאַנצע וועלט. וואָס פערענדיגטער די פרעמדע וועלט איז, אַלץ שטאַרקער זיינען די קאָנ־טראַסטען און דאָס רופט אַרויס אַזוי אָפט די געפיהלען פון איינזאַמ־קייט און פערלאָזענקייט. מיין בליק בלאָנדזשעט איבער די מאָסקווער גאַסען, אויף יעדער טריט קוקען אויף מיר די גאָלדענע קלויסטערס. קלויסטערס מיט גרינע און בלויע קעפּ אין דער גאַנצער פראַכט פון דער פילפאַרביגער ביזאַנטישער אַרכיטעקטור.

די גלאָקען אַרום רוישען און טומלען און טראָגען אַוועק אַלע מיינע געדאַנקען.

ווי האַרמאָניש די גלאָקען זאָלען נישט קלונגען — זיי זיינען דאָך די אומפערמיידליכע בעגלייטער אונזערע אין שווערען וועג פון גלות.

שוין לאַנג, מיט הונדערטער יאָרען צוריק, האָבען זיי בעגלייט אויף די שייטערס טויזענטער קרבנות פון דער אינקוויזיציע. דער גרעס־טער יום־טוב איז געווען אין טאָלעדאָ און אין גרענאַדע דאַן, ווען די שייטערס האָבען געפלאַקערט און די גלאָקען האָבען זיך צוקלינגען.

פון די הייליגע ליפּען האָבען זיך געריסען די ווערטער „שמע ישראל“. די גלאָקען האָבען געוואָלט פערקלינגען די תפילות און פרי־הער פאַר זיי קומען צום הימעל...

.IV

דערנאָך אין געטאָ האָט דאָס פאָלק געלעבט אָפּגעזונדערט אין די ענגע קוואַרטאַלען, אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט מיט אַ דיקער הויכער וואַנט. אָפּגעריסען פון די טייכען, וועלדער און פרייען הימעל

צוגעטוליעט פון שרעק איינער צום צווייטען, ווי א פעריאגטע סטאדע אין אייביגען ערווארטען נייע צרות.

און דארט איבער דער וואנט איז געגאנגען אן אייביגער יום־טוב און שמחה, אין רוישיגען קארנאוואל האט איין פרייד געזאגט די צווייטע.

די איינוואוינער פון געטא פלעגען זיך דערוויסען פון די פרעמדע יום־טובים דורך די גלאקען. די קלאנגען פלעגען קומען בייטאג און פילמאל ביינאכט. זיי האבען געוועקט די מידע וואנדערער פון שלאף, געשראקען האבען זיי.

ווער ווייס? עס וועט זיך פערגלוסטען דעם פירשט און ער וועט קומען ביינאכט מיט זיין סוויטע צו די יודען...

וואס קלינגען די גלאקען? וועמען רופען זיי? און ווידער דער שטילער: „שמע ישראל" און ווידער פרעסען זיך צונויף די טרוקענע איינגעדארטע ליפען און ווארטען נייע וואונדער..

V.

ליטא, די פאנסקע פוילען, די פרייסטעפינע אוקראינא — דא איז שוין דער יור אפטמאל ארויס פון די געטא־ווענט, וועלכע האבען אים שטענדיג פערשטעלט דאס לעבען. דאך האט יעדער דור געהאט זיין „מעשה־נעמיראוו".

אויף די ברעגען פון דניעפר, פון ניעמאן און פון ווייכסעל איז גע־וואקסען די יודישע נשמה, נישט קוקענדיג אויף דער ארעמקייט און יאגעניש איז דאס לעבען געווען אפטמאל דא לייכטער און צייטענווייז געווען אידיליש.

דער בית־המדרש האט פערנומען זיין ארט, איבער די געבויגענע יודען איז געהאנגען דער פרייער הימעל, יודישע קינדער זיינען אין פעלד געלאפען מיט די קריסטליכע און געשפילט מיט זיי. נאר פאר־נאכט, ווען די גלאקען קלינגען זיך פאנאנדער, דאן פלעגט עפיס די פרעמדקייט דורכגיין צווישען זיי. פרעמד איז געווען דער גלאקען־קלאנג, נאר ער האט שוין נישט געשראקען.

צוויי וועלטען האבען נאנט געלעבט אין די פוילישע און ליטווי־שע שטעטלאך און איין וועלט אויף דער צווייטער האט דאך אביסעל געווירקט.

די יודישע פּאַטריאַרכאַלישע וועלט האָט זיך געלאָזט פיהלען אין שבת'דיגען טאָג: די קראָמען האָבען זיך צוגעמאַכט, קיין האַנדעל איז נישטאָ, אומעטום איז אַ יום-טוב'דיגע שטימונג, איבער וואלד און פעלד און ביים טייך. די גלאָקען, וואָס פלעגען זיך שבת צוקלינגען, זיינען עפּיס רוהיגער, איינגעהאַלטענער...

VI.

נאָר פון וואַנען איז עס געקומען די האַס צוריק? דער בייזער בלבול? עס גייען פּראָצעסיעס, עס הילכען גלאָקען און שרעקען און וועקען אויף ערינערונגען פון אַלטע יסורים, פערהילכען די זיפצען פון די אָנגעשראָקענע.

די מלחמה איז דורכגעגאַנגען און פעריאָגט פון די שטעטלאך אַ סך יודען.

איך וועל נישט פערגעסען די ווערטער פון איינעם אַ פּטרטריבענעם:

„מיר זיינען געגאַנגען יונג און אַלט: שוואַכע און אַלטע, פרויען מיט האַלב-טויטע קינדער. מיר זיינען געגאַנגען און צוריק זיך נישט אומגעקוקט. דערביי האָבען זיך די גלאָקען צוקלונגען, פונקט ווי זיי וואָלטען אונז נאָכיאָגען. עס איז געווען קאַלט און נאַס—קיינער האָט זיך נישט בעקלאָגט, אַזוי האָט דאָך אודאי בעדאַרפט זיין".

„נאָר די גלאָקען, זיי האָבען אַזוי געענבערט דעם מת, די נשמה, זיי האָבען אַזוי געטריבען... אָך, איצטער ווען איך הער נאָר קלינגען אַ גלאָק, וועקט זיך אין מיר אויף יענער בילד פון אונזער גירוש..."

VII.

איך בלאָנדזשע איבער די גאַסען פון מאָסקווע. אָט בין איך ביי קיטאַי-גאָראָד. שטיל, עס איז שבת, ערב זונטאָג. די פאַבריקען האָבען אויפגעהערט צו אַרבעטען. עס שטייט אַ שטאַרקער פראָסט און דורך דעם טייך זעהט זיך די גאַנצע שטאָט, אין אַ לייכטען בלויליכען וואָאל פון נעבעל איז איינגעהילט אַלץ. די טויבען האָבען געמאַכט דעם לעצטען שפּאַציר אַרום די קופּאָלען און די גלאָקען נעמען זיך פאַרנאַנדער-קלינגען. זיי דערציילען פון מעשי-בראשית. עס קומען אָן אַלץ נייע קלאַנגען, ווילדערע, שטאַרקע...

רירסט זיך נישט פון די לײדיגע גאַסען, האָרכסט די מוזיק פון די גלאָקען... פּלוצלונג וואַקסט פאַר מיר אויס אַ שוואַרצבערדיגער יוד מיט גרויסע אומעטיגע אויגען. ער קוקט מיר אַרײַן גלײַך אין פּנים און פרעגט: „אַ יוד?״ איך ווינק אים צו און ער פערשווינדט מיט גיכע טריט, פונקט ווי ער וואָלט נישט גלויבען, אַז נאָך איין יוד זאָל דאָ זײַן אין דער פרעמד און אַזוי רוהיג שפּרייזען, בעת אַזוי פיל פרעמדע גלאָקען קלינגען.

VIII.

איך שטײ ווידער בײַם פענסטער. דער פראָסט האָט פערצויגען די שויבען. איך זעה שוין קײן גאָלדענע קעפּ פון די צערקוועס, קײן צלמים נישט. אַלץ פערשוואונדען. נאָר דער קלאַנג דערגרייכט נאָך צו מיר און עס דוכט זיך מיר ווידער, אַז איך בין אין קעלער פון לעבען.

ווידער אָנוואַרעמען די שויב? ווידער קוקען אויף דער פרעמדער שטאָט? אויף איר שײנקײט און גרויסקײט?

איך בין אינמיטען חדר. צווישען לײדיגע ווענט. עס איז עפּעס דאָך געוואָרען וואַרעמער: צווישען מײנע ביכער געפינט זיך אַן אַלט ביבעל — זאָל ער מיר דערמאָנען און דערצײלען פון אַלע גלאָקען, וואָס בעגלײטען אונז אומעטום און שטענדיג.

אַ תּפילה-געפיהל בעהערשט מיך — די גלאָקען ווערען עס נישט פערהילכען.

„...יפן הריף פון תלמוד תורה"

1.

די רוסישע אַרמיי איז דעמאָלט אָפּגעטראָטען פון ווילנע. דאָ האָט מען בעדאַרפט זעהן דעם ים סאָלדאַטען! גאַנצע מעת-לעת'ן האָבען זיך געצויגען איבער מינסקער גאַסען די צוקלאַפּטע פּאָלקען: פּיעכאָטע און קאַוואַלעריע, קאָזאַקען, קירגיזען, קאַלמיקען — וואָס פאַר אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טיפען רוסלאַנד האָט פערמאָגט.

די אַרטילעריע האָט געקלאַפּט איבערן ברוק, פערד האָבען געהירזשעט און גרויסע סטאַדעס מיט אָקסען און שעפּסען האָבען זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין די אָבאָזען מיט אַ מעקעריי און ברומעריי.

עס האָט זיך באמת געדאַכט: די וועלט האָט זיך איבערגעקערט און דאָס לויפען די לעצט-געבליבענע נפשות זיך ערגיץ ראַטעווען פון אומגליק.

אין שטאָט איז אַ הונגער געוואָרען: ווי אַ הײשעריק וואָלט אַלץ בעפאַלען און אויפגעפרעסען. די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געבליבען אָפּרוהען, האָבען זיך גענומען בייזערן און זוכען עסען. עטליכע יודישע קרעמלאַך זיינען שוין צוקלאַפּט געוואָרען... אָט שטייט אויפ'ן שמאַלע טראָטואַרל אַ קוזאַק מיט אַ שאַרפען שפּיז ביז'ן הימעל און פרעסט אַ

טעוועלע שאָקאָלאַד מיט'ן באַגרעראָל־פּאַפּיר איגאַיינעם; דער צווייטער שלעפּט אַ זעקעל קאַשע און זייהט עס אין בלאָטע; דער דריטער פּאַקט אין קעשענע פּאַפּיראָסען. נאָר אַזעלכע סצענעס האָבען לאַנג נישט גע־דויערט. די קאָזאַקען זיינען גיך אַרויסגעפאָרען פון שטאָט און אַנדע־רע מחנות אולאַנער, דראַגונער זיינען אָנגעקומען אויף זייער אָרט. אויך די האָבען אָפּגערוהט און ווייטער געפאָרען. ערשט דאַן, קוקענדיג אויף די ענדלאָזע מחנות סאָלדאַטען, האָב איך פערשטאַנען, וואָס דאָס הייסט אַ מיליאָנען־אַרמיי. די אָבאָזען פון יעדער דיוויזיע פלעגען פערנעמען גאַנ־צע ווערסטען אין דער לייג. און די אויגען האָט פּראָסט געשווינדעלט פון אַזוי פיל פּנים'ער, פון אַזוי פיל געווער! ביינאַכט האָט מען נישט געקאָנט שלאָפען — אַזוי האָט געקלאַפּט און געטומעלט...

אין די מחנות גראָע שינעלען פלעגען זיך אַריינרייסען אויטאָמאָ־בילען מיט זייער נאַנצען פייף און הילך. גאַנצע גרופּעס אָפיצירען מיט גלאַנציגע עפּאָלעטען, פאָרשטייער פון די פרעמדע בעפריינדעטע: ענגלענ־דער, פראַנצויזען, יאַפּאַנער.

איך געדיינק, איך האָב פון די גאַסען נישט געקאָנט אַוועקגיין, די ערד האָט זיך אונטער מיר געהויבען, ווי אַ חלום האָט אַלץ אַרום אויס־געזעהן.

.II

שמחת תורה איז דאַן געווען, נאָר דער עולם אין מינסק האָט זיך דאַן נישט געפרייט: פון די אַרומיגע שטעטלאַך און ווייטער ביז ווילנע, פון אומעטום האָט מען געיאָגט די יודען. עס זיינען אָנגעקומען גרוסען, אַז טויזענטער מענשען גייען צו־פוס, און מינסק האָט זיך גענומען גרייטען, ווי אויפצונעמען די אַרויסגעטריבענע. אין שטאָט זיינען פאָרגעקומען אַ סך פערזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט אויסגעאַרבייט פערשידענע פּלענער, און פאַרנאַכט־צייט האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען די ערשטע פּאַרטיעס פון אָשמענע, לידע, מאָלאָדעטשנע און סמאַרגאָן און צענדלי־גער אַנדערע שטעטלאַך. מענשען אין צוריסענע קליידער, אין שטיבל, מענשען מיט פּעקלאַך שמאַטעס אין די הענט און מיט קליינע אויסגע־הונגערטע קינדער. אַנדערע זיינען געגאַנגען שטיל און געשוויגען, אַנדערע געשריען און געשאָלטען... וועמען? אַלעמען, פאָניען מיט'ן דייטש, און איינער דעם צווייטען האָט געשאָלטען.

מען האָט געעפֿענט אַלע שולען און אָנגעהויבן איינאָרדנען דעם עולם אָנגעקומענע.

און מענשען זיינען געגאַנגען אַלץ מער און מער. עס האָט אויסגעדוכט, אַז דער גאַנצער גלות האָט זיך אַ ריר געטאָן...

דער גרעסטער זאַמעל-פּונקט איז געווען אויפ'ן הויף פון תּלמוד-תּורה. דאָרטען האָבען זיך צעליינט און אויסגעזעצט אויף דר'ערד צעגרליגער אנגעקומענע פּאַרטיעס פון הײמלאָזע.

צווישען זיי זיינען געווען אַ סך געוועזענע רייכע מענשען, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צו זיך קומען פון שרעק: נעכטען געזעסען אין אַ איינענע ליכטיגע שטוב און איצטער אויסשטרעקען די האַנט, וואַרטען ביז מען וועט קריגען אַ שטיקעל ברויט! אַנדערע האָבען דערציילט, וואָס זיי זיינען אויסגעשטאַנען אויפ'ן וועג, אין מיטען פעלד. איין מחנה סאָלדאַטען האָט זיי אַראָפּגעטריבען פון שאָסיי, די צווייטע האָט זיי בכיון געיאָגט צום שאָסיי; און עמיצען פון די סאָלדאַטען האָט זיך װאָ פערגלוסט אָנשרעקען די זשידקעס און ער האָט גענומען שיסען איבער זיי. ווייבער האָבען גע'חלש'ט, קינדער האָבען געוויינט און די סאָלדאַטען מיט פערברענטע פּנים'ער זיינען געשטאַנען און געלאַכט. איינער פון די היימלאָזע האָט אויפ'ן פעלד געפונען אַ ברישקע מיט צוויי טייערע פּריצ'ישע פערד, האָט ער נישט לאַנג געקלערט און אריינגעוואָרפען אין ברישקע זיינע קינדער מיט דער ווייב און זיי געבראַכט אַהער אויפ'ן הויף פון דער תּלמוד-תּורה און די פערד שטייען דאָ טאַקי פאַר אונזערע אויגען און הירזשען: זיי זיינען הונגעריג און בייסען דעם געשפּאַן, נאָר קיין ביסעל היי פאַר די פערד האָט נישט דער נייער בעל-הבית. דער עולם לאַכט פון אים:

— גזלן, דיינע פערד וועלען פגר'ן פאַר הונגער.

און ער גייט, אַרום און גלעט זיי די פרעמדע פּריצ'ישע פערד.

.III

מען האָט געבראַכט אַ פור מיט קאַרטאָפעל און צוטיילט דעם עולם.

— נאַ דיר אַ שמחת-תּורה מיט קאַרטאָפעל, האָט עפּעס אַרומגערעדט אַן אָרימע יודענע, נאָר אַלע האָבען זיך גענומען צו דער אַר-

ביט: רייניגען די קאַרטאָפעל און קאָכען. מיך האָט מען אַוועקגעשטעלט ביי אַ זאַק צוקער, איך זאָל טיילען. און אָט זיינען פאַר מיר דורכגעגאַנגען הונדערטער מענשען רייכע און אָרימע, גרויסע און קליינע, ווער מיט אַ זיפץ, ווער מיט אַ קללה.

יעדער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און בעקומען צוויי שטיקלאַך צוקער.

— ביטער ווי גאַל איז מיר אייער צוקער, — זאָגט צו מיר אַ פרוי מיט אַ אינטעליגענט פנים און ווײנט זיך פונאַנדער. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען אָפּגענאַרט און בעקומען צוויי מאָל — דעם מענשענס כאַראַקטער ווייזט זיך אַרויס אין גלייך: אין זיין גליק און אומגליק.

דערנאָך, ווען דער עולם האָט זיך צוליגט שלאָפען: אינעווייניג אין תלמוד תורה, אויף די טרעפּ, אויפ'ן שוועל און אויף דער בלויזער ערד זיינען מיר נאָך געבליבען אַ גרופּע פון די אָרדנער. אין האַרצען האָט געדריקט אַ ווייטאָג, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט געטאָן הנאה, וואָס אַלע האָבען זיך געלייגט זאַטע.

מען האָט לאַנג געזיפצט און געקרעכצט. עטליכע פון די היימלאָזע האָבען נישט געקאָנט שלאָפען, זיינען זיי צוגעקומען צו אונז און ווידער דערציילט שרעקליכע געשיכטען, ווי מען האָט געיאָגט, געשלאָגען און געשאָסען.

און דאָרט, אויף אַלע גאַסען, האָט געקלאַפּט די אַרמיי מיט די פיס, מען איז געגאַנגען און געגאַנגען. פערד האָבען געשריען אין מיטען נאַכט, די אַרטילעריע האָט דעם ברוק איינגעלייגט.

עך, פאַרהאַן אַ וועלט מיט ליידענשאַפטען, מיט מלחמה און זיג, מיט מפּלות און נייע האָפנונגען אויף דער צוקונפט, נאָר מיר דאָ צוזאַמענגעזאַמעלטע אויף דעם הויף פון תלמוד-תורה, מיט די שלאָפענדיגע קראַנקע מענשען האָבען אויסגעזעהן אַזוי קליין און קלאָגליך. זאָל זי גיין פאָרויס די אַרמיי, זאָל זי גיין צוריק: אונז קאָן זי יעדער רגע צוטרעטען מיט אירע מיליאָנען פאַר שטיוועל, מיט די פערדישע קאָפּיטעס...

IV.

אויף מאָרגען און אין די איבריגע טעג האָט מען אַליין בעסער איינגעאָרדענט דעם עולם. עטליכע צימערן פון דער תלמוד-תורה האָט מען אָפּגעגעבען פאַר קראַנקע און פאַר פרויען. די אַרמיי איז שוין אָפּגעטרעטען ווייטער פון מינסק. אין שטאָט איז רוהיגער געוואָרען. נאָר אויף דעם הויף פון תלמוד-תורה האָט דאָס לעבען געקאָכט. מען האָט געוואַשען וועש און דאָ אויפ'ן הויף געטריקענט, מען האָט דאָ אויפ'ן פלאַץ געקאָכט און געבאַקען אויף אימפּראָוויזירטע אויוועלאַך. ווער עס האָט געקאָנט פון שטאָט, האָט מיטגעהאָלפען.

דאָקטוירים האָבען אומזיסטע הילף געגעבען. יונגע מיידלאַך האָבען געשפּייזט און געוואַשען די קינדער.

אין איין צימער, געדיינק איך, זיינען געלעגען אַ צען קינדער קראַנק אויף מאזלען. איינמאָל, אַרויפגייענדיג צו די דאָזיגע קינדער מיט אַ באַרמהאַרציגע שוועסטער, האָבען מיר געפונען צווי קינדער טויט און די... לעבעדיגע האָבען זיך גאַנץ רוהיג געשפּילט מיט די טויטע, זיי געגלעט און אַרומגענומען. די שוועסטער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. יעדע רגע האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף אַזעלכע טראַגישע סצענעס... אָט פאַלט אויף די טרעפּ אַן אַלטער, אַ גראָער יוד, שרייט אויס „שמע ישראל” און שטאַרבט פאַר אונז אין די אויגען...

אָרשע.

איצט איז שוין אָרשע ווידער אַ קליין שטעטעל מיט׳ן שמאָלען וואַסער-פּאַס פון דניעפּר, מיט ערגיץ אַן דער זייט אַ פערשימעלטער סאַזשעלקע, מיט אַן איינגעפאַלענעם בריק, מיט נידריגע הייזלאַך און מענשען, וואָס פּוזשען אַ־ום אויף די בלאָטיגע גאַסען און זוכען פּרנסה.

נאָר בעת די דייטשען זיינען געשטאַנען אויף איין זייט שטעטעל און די באָלשעוויקעס אויף דער צווייטער זייט, דעמאָלט האָט אָרשע געלעבט און נישט איינער איז דאָ רייך געוואָרען און אויך נישט איינער דערמאָנט זיך אַ סך יסורים, ווען ער דערהערט דאָס וואָרט: „אָרשע״.

אַ סך אַזעלכע גיהנם׳ס האָט די גרעניץ-ליניע בעשאַפען: קורסק, בעלעניכינא, זשעלעבאַווקאַ, ביעלגראַד און נאָך אַ סך אַנדערע נעמען פון קליינע ווינקעלאַך אויף דער ערד, וואו אַ סך מענשליכע טרערען זיינען פערגאָסען געוואָרען.

אָרשע איז געווען דער גרעסטער גיהנם — דאָ איז דורכגעגאַנגען דער גרעסטער שטראָם אַנגעשראָקענע און רואינירטע מענשען, דורך אָרשע האָבען אַ סך געראַטעוועט זייער פערמעגען. אַנדערע זיינען דורך בשלום און אַנדערע האָבען זיך דאָ וואָכען געוואַלגערט אין שמוץ, אין

שרעק און צום סוף האָט מען בײַ זײַ אַלץ צינגענומען און באַלײדיגט.

איך װעל נישט פֿאַרגעסן אַ נאַכט אויפֿ'ן אָרשער װאָקזאַל. איך האָב זיך פֿון מאָסקװע אָן געפּײַניגט אין אַ „טעפּלושקע", עטליכע טעג כמעט געשטאַנען די גאַנצע צײַט. קומענדיג קײן אָרשע בין איך אַרומגעלאָפֿען פֿון שטוב צו שטוב: „לאָזט מיך זיך אויסשלאָפֿען, אויסרוהען, איך װעל באַצאָלען װיפֿיל איר װילט". נאָר אומעטום איז שוין געװען פֿאַרנומען, בין איך געקומען צוריק אויפֿ'ן װאָקזאַל. איבער זעק און פּעק, איבער צענדלינגער און הונדערטער קערפּער פֿון שלאָפֿעדיגע מענשען בין איך געקראָכען און זיך קוים דערשלעפּט צו אַ באַלײַכטענעם װינקעל, װאָס האָט זיך אָנגערופֿען: „בופֿעט". איך האָב געװאָלט אויסטרינקען אַ גלאָז טײ, נאָר צוקומענדיג צום בופֿעט, האָב איך לאַנג געװאַרט און זיך נישט געקאָנט דערװאַרטען מען זאָל מיר עפּיס פֿאַרקויפֿען; צופֿיל מענשען זײַנען דאָרטען געװען. די כּחות זײַנען מיר אויסגעגאַנגען און איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך בין אַנטשלאָפֿען געװאָרען. איצטער זײַנען שוין אַנדערע איבער מיר געקראָכען, געהאַקט מיט די פֿיס, אומגעפֿאַלען אויף מיר און װײַטער געקראָכען, נאָר איך בין געשלאָפֿען ביז פֿאַרטאָג... איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און דער־זעהן, װי דער טאָג קוקט שוין אַרײַן דורך די גרויסע װאָקזאַל־פֿענסטער, קרײַנקליך, בלײך און שטום האָט דער טאָג אַרײַנגעקוקט און איך האָב דערזעהן בײַ זײַן בלאַסען אָפּגלאַנץ, װאו איך בין דאָ אויף דער װעלט, װי איך אַלײן זעה אויס און װי די אַנדערע אַרום מיר זעהען אויס. מײַן הוט איז ערגיץ פֿאַרשװאונדען געװאָרען אונטער די פֿרעמדע קערפּער און פּעק, מײַנע קלײדער זײַנען געװען אויסגעקנעטען אין נעץ און שמוץ. איך האָב זיך אויפֿגעהויבען מיט צעבראָכענע, צעקנײטשטע גלידער און אין קאָפּ האָט געשװינדעלט פֿון דער שלעכטער לופֿט.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: אַרום און אַרום איבער דער פּאָדלאָגע פֿון לאַנגען װאָקזאַל זײַנען געלעגען מענשען, יונג און אַלט, יוד און קריסט. אַלע זײַנען געשלאָפֿען און שװער געאָטעמט, געבלאָזען מיט די נאָזלעכער און געכראָפּעט, קינדער האָבען געקרעכצט אין שלאָף װי יונגע ציגעשטיקטע פֿויגעלאַך. עפּעס אַ יונג נפש'ל מיט אָפּגעדעקטע פיסלאַך האָט זיך אַרויסגעדרוקט פֿון אונטער דער מאַמעס בוזעם און שלאָפֿערינערהײד אויפֿגעהויבען אַ קלײן פֿיסטעלע און אַזױ אים געהאַלטען איבער אַלעמען

און געדראָט ווענען. ווייטער איז געלעגען אַ יוד, זיין טלית-קטן אָפּגעדעקט, די באָרד צושפּרייט, ווי אַ יוסטער בעל-הבית. האָט ער זיך דאָ פאַרנאַנדער-געלייגט און געשלאָפען — ווער ווייס, וועלכע גליקען עס האָבען זיך אים געחלומ'ט אין דעם קויטיגען וואָקזאַל? אַנטקעגען אים איז געלעגען אַ קריסט אין אַ שינעל מיט אַן אָפּגעדעקטע ברוסט, אויף וועלכער עס האָט געגלאַנצט אַ זילבערנער צלמ'ל — אַלע צוזאַמען, הונדערטער מענשען, איינער צום צווייטען צוגעשטיקט, איינער אויפ'ן צווייטען אויסגעצויגען. ווי אַ שווערער בליי האָט זיי דער שלאָף צוגעדריקט. אַט אין אַזאַ ענגשאַפט און שמוץ האָבען דאָ מענשען געלעבט וואָכענווייז און אָפטמאָל גאַנצע הדשים. נישט איינער איז פון דאַנען אַוועקגעפאָרען אויפ'ן בית-עולם. נאָר די צוגען פון מאָסקווע און פעטערבורג, די צוגען פון גאַנץ רוסלאַנד זיינען אהער געפלויגען און געבראַכט אַלץ מער אומגליקליכע, שפּעטער איז מען שוין געלעגען אונטער'ן פרייען הימעל. ביינאַכט פלעגט מען אָנצינדען אַ שייטער האָלץ, עס האָט בעלויכטען די אָרעמע געגענד און פון איין זייט איז געשטאַנען אַ „רויטער" מיט זיין ביקס, פון דער צווייטער זייט אַ דייטש אין זיין קאַסקע, ווי אַ פערשטיינערטער רוימישער זעלנער...

אַ וואולקאַן האָט זיך אָנגעצונדען אונטער די מענשען און זיי זיינען זיך צולאָפען מיט קינד און ווייב. איך האָב זיי די יודישע אַנטלאָפענע אָנגעקוקט איבער'ן גרויסען רוסלאַנד, אין טאַמבאָוו, פענזע און וואָלאָגדע — וואו האָב איך זיי נישט בעגעגענט. איך פלעג אַמאָל אַריינגיין צו אַזאַ יודען ערגעץ אין אַ פערוואָרפענע רוסישע שטאָט. אויף די טרעפ שמעקט דער ריח פון יודישע פיש. קומסט אַריין, עס ברענען ליכט און אויף די ווענט הייגנט דער ווילנער גאון, אָדער באַראָן הירש, מאָנטעפיאָרע אָדער אַן אַנדער יודישער גדול. האָב און גוטס האָט מען אין דער היים געלאָזען, נאָר אַזאַ בילד פון באַראָן הירש האָט זיך דאָך פערשלעפט ביז סיביר. נישט אַלע וועלען פון די וואַנדערער קומען צוריק, פיל פון זיי האָבען זיך ווי עס איז איינגעאָרדענט צווישען די רוסען. ווינטער-צייט בעגעגענט איר שוין דאָרטען אַ סמאַרגאָנער יודען מיט אַ גרויסע היטעל אויפ'ן קאָפּ, איינגעוויקעלט אין אַ פעלץ, ווי אַן זילטער פּאָניע, כאָטש די אומעטיגע שוואַרצע אויגען וועלען נאָך לאַנג-לאַנג איבערגיין פון דור צו דור.

אנדערע פון זיי האָבען געזאָגט: פון הונגער אויסגיין אָבער צוריק

אהיים, צוריק צום ניעמאַן, צוריק צום ווייכסעל! אָרשע איז געווען פאַר זיי די לעצטע שטערונג, דער לעצטער צוים. דאָ האָט פון זיי דער דייטש געלאַכט, דאָ האָט דער רויטער סאָלדאַט געיאָגט מיט'ן פריקלאַר. גאַנצע מחנות זיינען זיי געלעגען אין רעגען און קעלט, קיינער האָט פון זיי נישט געטראַכט, קיינער האָט זיך איבער זיי געזאָרגט. איך דערמאָן זיך איצטער די אָפּגעריסענע יודישע פרויען מיט די אויסגעדאַרטע קינדער. פערלאָזענע, אָנגעשראָקענע און שטענדיגען ערוואַרטען: „ווען?“ „ווען“ „ווע וועט מען שוין אָפּשיקען אַהיים“? דערמאָן איך זיך איצטער די דאָזיגע מענשען, דוכט זיך מיר, אַז זיי ליגען נאָך דאָרטען אויפן פעלד און פוילען.

און אַרום האָט געקאָכט דאָס לעבען. דער „דייטש“ האָט געמאַכט געשעפטן. ער האָט געראַטעוועט די רייכע. אַריבערגעפּעקעלט זייערע פערמעגען אונטער זיין פירמע. די רויטע האָבען אויך געהאַנדעלט. מען דערציילט, אַז סאָלדאַטען, וועלכע האָבען בעדאַרפט ביינאַכט גיין אויף קאַראַאול צום גרענעץ, פלעגען פערקויפען זייער „נאַכט“ אַ צווייטען סאָלדאַט פאַר טויזענטער און יענער פלעגט זיין געלט מיט אַ גרויס פּראָצענט אָפּנעמען ביי די, וועלכע האָבען געשמוגעלט גאָלד און ווערט-פּאַפּירען. אין דער קליינער, שטענדיג שטילער, אָרשע האָט מען גענוג געהוליעט אין די טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע. און די שמוציגע „האָטעלען“ האָט מען פערשפּילט און געוואונען גרויסע קאַפּיטאַלען אין קאָרטען.

דערנאָך, ווען אַלע פערגעניגענדען האָבען שוין דערעסען, האָט מען גענומען זוכען אַנדערע פערוויילענישען. איינמאָל, בעת פיל פּאַסאַזשירען האָבען געוואָלט אָפּפאָרען צום וואָקזאַל, איז קיין פורמאַן נישט געווען. מען איז אַרומגעלאָפען איבער'ן גאַנצען שטעטעל זוכען. נישטאָ, נישטאָ קיין איינאיינציגער פורמאַן. קיינער איז דעם טאָג נישט אַוועקגעפאָרען, ווייל יעדער האָט געהאַט זיין באַגאַזש און צום וואָקזאַל פון שטעטעל איז פיר ווערסט. דערנאָך, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס האָט איינער אַ סאָלדאַט אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל: ער האָט אָפּגעדונגען אַלע פורמאַנעס, זיי בעצאָלט צו עטליכע צענדליג רובל און איז אַוועקגעפאָרען מיט זיי אונטער'ן שטעטעל. ער איז געזעסען אויפ'ן ערשטען וועגעל און נאָך אים זיינען אַלע דראָשקעס גענזענוויז נאָכגעפאָרען, אָט אַזוי ביז פאַרנאַכט, שפּעט פאַרנאַכט זיינען געקומען די פורלייט

דערציילט די גאַנצע געשיכטע. אין קערענקי'ס פלעגען אַנדערע איינ־וויקלען טאַבאַק און רוהיג פערדויען. געלט איז געשוואומען איבער'ן גרע־נעץ אין די גרויסע מיליאָנען. אַ טייל פון דעם פלעגט בלייבען אין אר־שע און אָרשע האָט געהוליעט.

נאָר געהוליעט האָט מען ביז'ן וואָקזאַל. דאָ האָבען זיך אָנגעהוי־בען די צרות און דאָס שטיקעל פלאַץ פון דער רוסישער גרענעץ ביז'ן „דייטש" איז אויסגענעצט געוואָרען מיט טרערען.

איצט איז שוין דאָרטען שטיל, נאָר די קינדער, בעת זיי שפּילען זיך, דערמאָנען זיי דעם דייטש'ס „צוריק"! און די רוסישע לידלאַך זינגט מען, אין שטילע פארנאַכטען דערציילט מען מעשיות און לעגענדעס, ווי אַזוי מען האָט גע'גנב'עט איבער'ן גרענעץ, וועלכע פאָקיסען מען האָט דאָ אפגעטאָן, כדי אָפצונאַרען דעם „רויטען" מיט'ן דייטש אינאיינעם: אין אַ פּאַק באָלשעוויסטישע בראָשורען האָט מען אריינגעלייגט פאַר אַ מיליאָן ריבל ווערט־פּאַפּירען און אַזוי עס איבערגעפּעקעלט פון מאָסקווע קיין אָרשע און פון אָרשע איז דאָס געלט אוועק ווייטער איבער'ן גרענעץ. און נאָך און נאָך נסים דערציילט מען איצט אין דער שטילער אָרשע...

דער שמוציגער וואָקזאַל איז איצט ליידיג. די ציטווייליגע באַראַ־קען פאַר די היימלאָזע זיינען שוין האַלב־איינגעפאַלען, נאָר פון ווייטען זעהען זיך אַ ריי צלמים אויף די קברים פון די, וועלכע זיינען נישט דערפאָרען אַ היים און געלאָזען דאָ דעם לעצטען זופץ מיט דער לעצ־טער קללה אין דער קליינער אומעטיגער אָרשע...

בלוט און בלומען.

דער

איך בין געפארען פון שפיטאל דורך אנטאקאלער וואלד. עס איז געווען אנהויב פרילינג, ערגעץ איז נאך אפילו שניי געלעגען, נאר די זון האט שמייכעלדיג צעווארעמט די לעצטע וויסע בערגלאך און ערגעץ שוין ארויסגערופען די גרינגע שפראצונגען פון דער ערד.

איך בין געפארען פון שפיטאל, מיט מיר איז מיטגעפארען א שוועסטער מיט א רויטען קרייץ אויף דער ברוסט. זי האט מיך נישט געלאזען ריידען, נישט געלאזען עפענען דאס מויל.

— אבער, שוועסטער, די זון גלעט מיך ווי א מאמע. איך האב נישט געקאנט שווייגען, די הענט און פיס זיינען אראפגעהאנגען שווערע און איבריגע, אבער אין הארצען האט געוואקסען אזא גרויסע פרייד: „ווידער לעבען, ווידער שטרייט און חלום".

— שוועסטער, די זון גלעט...

ניין, זי האט מיר ארויפגעלייגט די האנט אויף די ליפען און פערשלאסען מיין פרייד.

— איר טארט נישט ריידען, עס איז פאר אייך געפערליך, איר זייט נאך שוואך.

מיר זיינען געפאָרען לאַנגזאַם, איך האָב אַלץ באַטראַכט אין וואַלד. אַ קליין סאַזעלקע וואַסער פון נאָר-וואָס צוגאַנגענעם שניי האָט גע-פריט, אַ ביסעל גרינער מאָך האָט געפריים, די שוואַרצע גלאַנציגע קראָ האָט געפרייט...

און זיי, די דאָקטוירים, האָבען מיר כמעט אָפּגעזאָגט.

— וואָס ווייסען זיי, די דאָקטוירים?—זאָגט צו מיר די שוועסטער, אַז גאָט וויל, ווערט מען געזונט.

אין דער היים ביי פרעמדע מענשען, האָט מען מיר אַזוי געטריי איינגענומען. אַ גוטער בעקאַנטער האָט בלומען געשיקט, אַ גרויסען קאָרב ווייסע בלומען. אַזעלכע בלומען שיקט מען ווען צו אַ חתונה. איך בין געלעגען אָפּגעשוואַכט פון מיין קראַנק און לאַנגזאַם איינגעזאַפּט נייע קרעפטען און לעבען. די זון האָט געשיינט דורכ'ן פענסטער, דער פרי-לינג איז לאַנגזאַם געקומען, צוזאַמען מיט אים איז אויך געקומען מיין האָפ-נונג און גלייבען אין מענש און גליק...

דערנאָך האָב איך שוין געשטעלט קליינע טריט, דערנאָך בין איך שוין אַליין צוגעגאַנגען צום פענסטער: אויף אַלע בוימער אַרום האָט זיך שוין דאָס גרינס געבליט... איך האָב זיך דערמאָנט דאָס שפּיטאָל מיט די קרעלצען, איך האָב זיך דערמאָנט דעם טויט, וועלכען איך האָב שוין אַזוי נאָענט געזעהן און איך האָב נישט אויסגעהאַלטען: איך האָב זיך פונאַנדערגעוויינט. אין דעם דאָזיגען וויינען איז געווען אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט צו גאָט און אַ גרויסע פרייד, וואָס איך לעב און זעה דעם פרילינג.

דערנאָך...

אין אַ טאָג שפּעטער האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אינמיטען דער נאַכט פון אַ שטאַרקער שיסעריי. מענשען האָבען זיך געשלאָגען.

איך בין געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיך, מיט מיין תחית-המתים, אַז איך האָב אינגאַנצען פאַרגעסען אָן אַלע מלחמות און שטרייטען.

בעגינען זיינען שוין אַלע שכנים יאָך געווען. איינער דעם צווייטען האָט איבערגעגעבען וועגען אכזריות, טויטע און פערוואונדעטע. אָט אַזוי זיינען אין שרעק און פיין אַוועק עטליכע טעג. ווען עס האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט מען גענומען ציילען די קרבנות...

איך בין געזעסען ביי מיין פענסטער און אַרויסגעקוקט: איך האָב

געזען איינצעלנע איבערגעשראָקענע פרויען, מיט אַזוי פיעל טרויער אין די אויגען, קוקענדיג אויף זיי, פלעג איך זיך בויגען פון ווייטאָג. איך האָב געזעהן, ווי מען האָט דורכגעטראָגען עטליכע פערבלוטיגטע מתים...

מיין פרייד איז געשטאָרבען.

און אַרום האָט זיך דער פרילינג פונאַנדערגעבליט. קיינער גע-דיינקט נישט אַזאַ פרילונג מיט אַזוי פיל בלומען. וואָס האָט די נאַטור געמיינט אין די דאָזיגע בלוטיגע טעג? טרייסטען האָט זי געוואָלט? טרייסטען מיט די שווערע צווייגען בעז? מיט דעם גאַנצען ים וויס-בליהעכץ, וואָס זי האָט אַריינגעוואָרפען אין די סעדער?

די אַלטע שטאָט, די אָרימע שטאָט האָט זיך פונאַנדערגעבליט ווי קיינמאָל נישט. ווילנע האָט אַ סך שמאָלע, שרעקליך ענגע געסלאַך, וואו דער דלות האָט זיין פעסטונג פערפאַנצערט, ווילנע האָט אָבער אַ סך סעדער, אַ סך בוימער.

אויף די גאַסען, אויף וועלכע עס איז נאָך געווען אַ סכנה אַרוים-צוגיין, האָבען זיך פשוט געוואַלגערט בלומען. איבער די אַלטע האַלב-איינגעפאַלענע פאַרקאַנעס האָבען זיך פיל ווייסע און ראָזע צווייגען אַריבערגעוואָרפען.

איך געדיינק, ווי איך בין דעם ערשטען מאָל פון די ט־עפ אַראָפגעגאַנגען, עס האָט שוין אַזוי דערעסען דער חדר מיינער. איך בין געגאַנגען מיט קליינע שוואַכע טריט, געסעל נאָך געסעל, נאָר אָט קום איך שוין באַלד צום ציגכער. יודישע פנים׳ער ווערען וויניגער, קריסטלי-כע קינדער שטייען מיט גרויסע קאָשען פרילינגס-בלומען:

—קויפט, קויפט...

איך וויל שוין אַרויסנעמען קליינגעלט און קויפען, נאָר עס גיט מיר אַזאַ דריק אין הארצען, עס דוכט מיר אויס, אַז איך זעה בלוט אויף די בלומען... איך בין אַזוי אָנגעפייניגט פון די אַלע שרעקען, אַזוי פער׳יאוש׳ט, איך וואָלט וועלען אין עפּעס אַ טרייסט געפינען, נאָר צו די בלומען קאָן איך זיך נישט צורירען.

III.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען בין איך אין כעם געווען אויף דער נאַטור פאַר איר גלייכגילטיגע שיינקייט. זי האָט זיך פּשוט געריצט מיט אונזער צער. אַזוי פיל בליהעכץ אין בלומען געדיינקען די מענשען נישט... זי האָט דעקאָרירט אַלע גאַסען און געסלאַך, אויף וועלכע מיר פירען יעדען טאָג נייע מתים–הרוגים.

זיי קריכען, די בלומען, דורך די שטאַכעטען פון די פּאַרקאַנעס, זיי האַלטען זיך לאַנג אויף די בוימער. דאָס איז אַלץ אומישנע.

די קריסטליכע דינכט האָט היינט אַוועקגעשטעלט אַ גרויסען בוקעט בעז אויף מיין טישעל, דאָס איז אויך אומישנע: די בלומען שמעקען און דערמאָנען יוגענט און פרייד און ביי אונז איז טויט און שרעק.

נאָך אַ וואָרט זאָל מען מיר דערציילען, נאָך אַ פאַקט פון די בלוטיגע טעג — און איך וועל נעמען וויינען, שרייען...

יעדע שעה בעגעגען איך אן אַנדער בעקאַנטען. מען קומט צו מיר, איך גיי צו זיי. יעדער איינער האָט זיינע בלוטיגע ערינערונגען פון דער שרעקליכער וואָך.

עס וואָלט גלייכער געווען נישט פרעגען, נישט דערציילען, נאָר דאָס האַרץ זוכט און פאָרשט: טאָמער וועלען זיך אין די שרעקליכע פאַקטען אויך מענשליכע פאַקטען בעווייזען.

איך קוק פון פענסטער אויף די בלומען און מיר דוכט זיך, אַז די נאַטור איז היינט ענליך צום לעבען... און דאָס לעבען איז ענליך צו אַ גאַסען-פרוי, וועמענס גוף און נשמה איז אויסגעווייקט אין זינד, נאָר די אויגען אירע לויכטען מיט אומשולד...

איך בלאָנדזשע איבער די גאַסען. אָפט מורמעלט ווער אַריין אין די אויערן:

—יונגערמאַן, גייט צוריק, מען כאַפּט דאָרטען.

איך גיי צוריק. איך איל און די בוימער שמייכלען מיט אַלע פאַרבען. זיי ווייסען גאָרנישט פון מיין חרפּה און טרויער.

אויף יעדען טריט בליט, נאָר יעדער טריט דערמאָנט פון אַ שחיטה־ געדיע, פון הפקר און אומגערעכטיגקייט.

מיין לאסט.

שוין העלבער פינף יאָר ווי מענשען פלייסען זיך מיט אלע כחות בלוט צו פערגיסען און... איך האָב נאָך קיינעם נישט גע'הרג'עט, נישט גערופען צו הרג'ענען פון אין זינען עס אפילו נישט געהאַט. איך האָב פאַר דער צייט נישט אויסגעקלערט קיין נייעם פולווער, קיין שטיקענדיגע גאזען, קיין וויטשיסענדיגע האַרמאַטען. איך האָב קיינעם נישט געשמי־סען מיט דעם שאָמפּאָל פון ביקס און קיינעם נישט געהייסען גראָבען קיין גרוב פאַר זיך... ניין, איך בין געבליבען דערזעלבער רוהיגער מענש ווי פריהער, מיט פינף יאָר צוריק, ווען א מענשענ'ס טויט האָט נאָך געווירקט.

איך בין, הייסט עס געשטאַנען ווייט פון לעבען, א מין לויידיגייער אויף דער וועלט. מיליאָנען מענשען שיסען איינער דעם צווייטען. טוי־זענטער פאָגראָם-לאַפּערס ראַבעווען און שעכטען, און מיר איז אלץ פרעמד זייער ווילדקייט און בלוט-דורשטיגקייט. נאָר אלץ ווערט בעשי־טראָפט, און אויף מיר איז אויך א שווערע לאַסט געפאַלען: דאָס לע־בען, די לופט איז מיר שווער געוואָרען ווי בליי, דאָס, וואָס פלעגט מיך פריהער אַזוי פרייליך רייצען, איז איצט קאַלט געוואָרען, בלומען האָ־

בען אַ טייל פון זייער טייערן ריח פאַר מיר אָנגעוואוירען, וועלדער, פעלדער האָבען אויפגעהערט צו צוציהען און די נאַכט־שטילקייט שרעקט מער ווי זי בערוהיגט. ביסלעכווייז, שטילערהייט איז אין מיר אַן אַנדער נשמה אַריין, אַן אָנגעשראָקענע נישט־גלויבינע נשמה, איך טראָג שוין מער צו קיינעם נישט צו ביידע הענט מיט אַ שמייכעל, ווייל איך גלויב שוין נישט, איך גלויב נישט.

.II

איך דערמאָן זיך די צייט, ווען מיין זאָרגלאָזינקייט האָט זיך נאָך נעראַנגעלט מיט די ערשטע בלוטיגע שרעקען, עס האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען זיך, אַ גוט געפיהל אין הארצען האָט נישט געוואָלט שטאַרבען, אויסגיין.

דאָס איז געווען, ווען אויף די גאַסען האָבען זיך בעוויזען די ערשטע פערוואונדעטע. מען האָט זיי געטראָגען און געפירט פון וואָקזאַל. אַ נייגעריגקייט, אַ שרעקעדיגע נייגעריגקייט האָט אויף די גאַסען געהערשט, מען האָט אָנגעקוקט די בלייכע זעלנער, זיי האָבען געשוויגען, נאָר די פערבלוטיגטע שטיקער מאַרלע האָבען געשריען — ווייט ביז אויף דער צווייטער זייט גאַס. און אַלץ נייע נייגעריגע אויפגעזאַמעלט...

— קוקט, בלוט, בלוט!

וואָס אַ טאָג שפעטער, אַלץ מער אַזעלכע צוקאַלעטשעטע מענשען האָט מען אונז פון פעלד געבראַכט. עס האָט נישט געסטייעט פאַר אַלעמען קיין טראָגערס און קיין פורען. ס'זיינען אַ סך פון זיי, די פון די לייכט־פערוואונדעטע, צופוס געגאַנגען מיט אונז אינאיינעם מיט די געזונטע און בלויז די שטיקער פעבלוטיגטע מאַרלע פלעגען אַרויסשיינען. נאָר טעמפער זיינען מיר אַלע געוואָרען. יענעמס פערגאָסענע בלוט האָט אויפגעהערט צו ווירקען. פריער, וואָס האָבען ניט געקאָנט זעהן פריהער אַ צובלוטיגטען פינגער, האָבען איצט פון דורך גרויסע רעסטאָראַן־פענסטער גאַנץ גלייכגילטיג געקוקט אויף די מחנות צוקאַליעטשעטע, אַ ביסעל שפעטער האָבען זיך בעוויזען אין די גרעסערע שטעט הונדערטער און טויזענטער איינפוסיגע מענשען, זיי פלעגען גיין און פאַרצוימען מיט די קוליעס די טראָטואַרען און בעטלען מיט כעס, מיט עפעס אַ גערעכטען

...נס. עס האָט זיך געקאָנט דולמען, אַז נאָר אין גיכען וועלען אַלע מענשען בלייבען מיט איין פּוס מיט איין האַנט.

.III

אָט אַזוי איז מיין לעצט ביסעל נשמה-פֿרייד פֿאַרטרונקען געוואָרען אין די אַרומיגע צרות, און דאָס האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו פֿיהלען דעם אונטערשייד צווישען גוטס און שלעכטס, עס זיינען ווייסע ווינטערען פֿערגאַנגען און זומערן האָבען אָפּגעבליהט, נאָר איך האָב עס נישט בעמערקט. די הנאה פֿון לעבען איז פֿערשוואונדען געוואָרען, דער פֿרייען-בליק האָט זיין חן פֿערלאָרען, דער קינדערשער שמייכעל האָט זיך אין אַ גרימאַסע פֿערוואַנדעלט.

נאָר איין געדאַנק פֿלעגט נאָך אַמאָל אַ לייכט טאָן, ווי די לעצטע האָפֿנונג. דאָס פֿלעגט פּאַסירען, ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַלד נעמט אַ סוף צו דער וועלט-מלחמה און די מענשען, איינגעוויקעלט אין פֿערבלוטיגטער מאַרלע, וועלען זיך אויפֿהערען ווייזען אויף יעדען טריט פֿון אונער לעבען.

און אין אַזאַ העלען מאָמענט, נאָך דער רוסישער רעוואָליציע מיט צוויי יאָר צוריק, האָב איך פֿערבראַכט אין מאָסקווע. אַך, דעמאָלט האָט מאָסקווע גערעדט און געזונגען: „ברידערליכקייט און גלייכהייט״, און דאָס מאַכט דאָך שוין אויס די מלחמה: צו וואָס זיך שלאָגען, אַז—„ברידערליכקייט און גלייכהייט״?

נאָר אָט האָט איינער אָנגעוויזען אויף אַ צווייטען, אַז יענער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר... איין מאָמענט —און דער המון איז שוין פּעראייניגט, אַלע וואַרפֿען זיך אויף דעם אומבעוואָפֿענטען. איך הויב אויף דעם קאָפּ, נאָר מער ווי אַ פֿערבלוטיגטען פּנים און אַ סך פּערבלוטיגטע הענט זעה איך נישט.

.IV

ערנאָך זיינען אַוועק קרבנות אין נאָמען פֿון דער פֿרייהייט. איך האָב דורכגעלעבט די מאָסקווער איבערקערעניש און וואָכענווייז דערנאָך בעגעגענט לויות. דערנאָך קיעוו מיט עטליכע איבערקערענישען, וואָס יעדע פֿון זיי האָט איר שטראָם בלוט געלאָזען. דערנאָך די אוקראַינער פּאָגראָמען, קאַלטע בלוטדורשטיגע מערדערייען, דערנאָך ווילנע...

פֿון יעדען שרעק און אומזין מוז מען זיך אַביסעל כאָטש אָפּרוהען, נאָר דאָ יאָגט איין שרעק נאָך דעם צווייטען און די לעצטע פֿונקען פֿון לעבענסווילען ווערען פֿער׳סמ׳ט.

אין די אַלע מלחמות און שרעקען שטיי איך, ווי אַ צוקוקער, ווי אַ פֿרעמדער. מיינע אייגענע הענט היינגען אַראָפּ ווי איבעריגע, און אַפילו שעלטען קען איך נישט — וואָס העלפֿען קללות?

בלייַ ליגט אויף דער נשמה, און דאָס איז ערגער, ווי ווען די הענט מיט די פֿיס וואָלטען אין קייטען געשמידט זיין. דער אינסטינקט צום לעבען שטאַרבט אָפּ.

עס דאַרפֿען מיט אַמאָל אַ שיין טאָן טויזענט זונען, עס זאָל דיר ליכטיג ווערען אין די אויגען, און דער שווערער אומעט זאָל פֿערשווינדען פֿון דיין באַלאַסטעטער נשמה.

און דער הימעל איז אַזוי פֿערוואָלקענט.

פון רוסלאנד

אפּאַטעאַז.

איך בין שוין געפאָרען צו דער פּוילישער גרענעץ. אין וואגאָן זיינען געזעסען צופיל מענשען, מען זאָל זיי קענען איבערציילען. האָסט נישט געוואוסט, וואו עס הויבט זיך אָן דער מענש, וואו ענדיגט ער זיך, קעפּ מיט פיס, שטיוועל מיט שינעלען, אַלץ איז געווען אַזוי שרעקליך צונויפגעפלאָנטערט... איינער דעם צווייטען האָט געשטיקט און געשאָלטען, געטרעטען מיט די בלאָטיגע שטיוועל, און געשפּיגען אָהן צערעמאָניע, וואו עס איז געפאלען, די בייזע אויגען, די אויפגעהויבענע פויסטען'.. אָך, ווי מענשען ווערען שלעכט, בעת דער שיקזאַל דריקט זיי צו. זיי האָבען מיר דערמאָנט אַ קאַסטען מיט הינט, וועלכע גריזשען זיך בעת דער היצעל פירט זיי שוין די פעל פון זיי אַראָפּצושינדען.

דערנאָך, ווען דער צוג האָט שוין גערירט און יעדערענס פאַר פיס האָבען זיך אָן עפּעס אָנגעשפּאַרט און יעדערס קאָפּ האָט שוין געהאַט אַ שטיקעל פרייען שטח אין וואַגאָן, האָט מען דאַן גענומען ריידען פון די פינסטערע צייטען און איבערהויפּט האָט מען גערעדט פון עסען... עסען...

אַלע זיינען הונגעריג געווען און מען האָט רערמאָנט די אמאַלי-

גע צייטען, פונקט ווי מען וואָלט זיך וועלען זעטיגען מיט דער ערני־ נערונג. איינער אין אַ שינעל האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל ברויט אין אַ שפּיקעל פלייש — פערד־פלייש, האָט ער אַ געשריי געטאָן און גע־ נומען גריזשען. איך האָב זיך אַרומגעקוקט: די איבריגע האָבען אים מקנא געווען!...

—פון פערדישען פלייש בעקומט מען פערדישען כח, — האָט זיך איינער געוויצעלט.

—און פערדישען שכל, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבען.

—אָ, ניין! איצט האָבען שוין אַלע צופיל שכל. דאָס האָט גערעדט אַ מענש מיט אַן איינגעפאַלענעם פנים, קענטיג אַ געוועזענער בעאַמטער, וועלכען די רעוואָלוציע האָט אַרויסגעוואָרפען פון לעבען.

אַן אַנדער שינעל האָט זיך אָנגערופען:

—דיר, אַלטיטשקער, מוז נאָך שמעקען יענע צייטען, ריטער, שמיץ... הע, הע, הע... פאַרביי די צייטען!

און וואַגאָן ווערט שטיל.

דאָ איז פאַראַן וועגען וואָס זיך צו פערטראַכטען און אויסער־ דעם פירט דאָ יעדערער זיין ביסעל קאָנטראַבאַנד: מעל, צוקער, מאַ־ נופאַקטור, סאכאַרין... באַלד איז אַ סטאַציע און באַלד איז אַ רעוויזיע...

איינער בעגראָבט זיינע פעקלאַך אַלץ טיפער אונטער'ן צווייטענס פעקלאַך. ער איז אַ געניטער, ער ווייס, אַז פיל מאָל סטייעט נישט ביי די בעזוכערס קיין צייט און קיין געדולד און דאָס, וואָס עס פאַלט ניט אַריין צו זיי אין די אויגען — דאָס בלייבט.

שטעלט זיך אָפּ דער צוג. אין וואַגאָן ווערט אַ שטילקייט... אַלע ווערען אַזוי גוט איינער צום צווייטען.

און באַלד קומען אַריין מענשען מיט ביקסען, דאָ און דאָרט דערהערט זיך אַ ווייבעריש געוויין. מען וויל אָפּראַטעווען די צוויי פונטלאַך צוקער...

נעבען מיר שטייט אַ פויער אין פאָסטעלעס. ער האָט נישט קיין פעקלאַך און ער איז אויסער יעדען חשד... דער רויטער אַרמייעץ גיט אים אָבער אַ טאַפּ די פיס און לאַכט זיך פונאַנדער:

—אַן אַרשין הונדערט האָסטו אויף די פיס אַרומגעוויקעלט. מען פירט דעם אורח אַרויס אויפן וואָקזאַל און מען נעמט אַראָפּ־וויקלען פון זיינע פיס די לאַנגע־לאַנגע שטיקלאַך ציץ, סאַטינקע און לייווענד. מיר

קוקען פון פענסטער און קאָנען זיך נישט איינהאַלטען פון געלעכטער. דער פויער טאַנצט אַזוי און דרייט זיך און דער שטאָף וויקעלט זיך אַראָפּ פון אים ווי אַ וויקעל-שנור.

דער פויער איז אַזוי צודולט פון זיין אומגליק, ער איז בלייך און הערט נישט קיין וואָרט, ביז דער צוג גייט אָפּ און נעמט אים מיט, דאַן ערשט וויינט ער זיך פונאַנדער.

אויף אַ סטאַציע ווייטער ענטדעקט מען ווידער ביי אַ פויערטע אין בוזעם עטליכע צענדליג אַרשין שטאָף. יענע נעמט קושען די הענט ביי די סאָלדאַטען און וויינען... עס העלפט נישט. דער צוג גייט ווייטער, די פויערטע, ביי וועלכער מען האָט די שטאָף צוגענומען, איז אין וואַגאָן נישטאָ... נאָר פלוצלינג שטעלט זיך דער צוג אָפּ און מיר דערוויסען זיך די סיבה: די פויערטע האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון וואַגאָן און אַ פערבלוטיגטע ליגט זי נישט ווייט פון אונז. פון דער נאָענטער סטאַציע שיקט מען אַרויס אַ רעזינע און מען נעמט זי צו. דאָס געשעט אַזוי גיך און אַזוי גיך ווערט עס פערגעסען אין וואַגאָן, וועלכער האָט שוין אַ נייעם ענין: איינער האָט אַ־רויסגע׳גנב׳ט אַ ביימעלע געלט ביי אַ פרוי. יענע האָט געמאַכט אַ געוואַלט, האָט דער גנב דאָס ביימעלע מיט׳ן געלט אונטערגעוואָרפען, ווייזט די פרוי אָן אויף אים. ער איז געזעסען נעבען איר. נעמט מען אים שלאָגען. מען שלאָגט רוהיג, געלאַסען, סיסטעמאַטיש: צוויי קלעפּ אין קאַרק און איין זעץ אין קאָפּ אַריין.

—זיי זיך מודה!—שרייען צו אים די סאָלדאַטען שוין מיט פערבלוטיגטע הענט.—זיי זיך מודה! וועט מען דיר גאָרנישט טאָן. איז זיך דער גנב מודה.

—ניין, ווי אַזוי האָסטו דאָס ביימעלע אַרויסגענומען?

דערציילט ער אַליץ גענוי, דער גנב.

ערשט דעמאָלט נעמט מען אים דערלאַנגען, מיט די הענט, מיט די פיס און מען מאַכט פון אים, פון זיין פנים און די ריפּען אַ קאַשע...

דערנאָך ווערט אין וואַגאָן פינסטער. ס׳קומט אָן די נאַכט. מענש אויף פּאַק און פּאַק אויף מענש. עס איז נאָך צו פאָרען לאַנג און די ביינער ברעכען און אָטעמען איז אוממעגליך. זינגען זיך פונאַנדער די סאָלדאַטען, די אַלטע רוסישע לידער פון אַ סטענקאַ ראַזין, פון אַ שלעכ־טען פּאָפּ. מען זינגט לאַנג.

—ווער עס וויל פערראָוויכערן, גרייט זיך צו...

דער סוד איז דאָס, וואָס עס איז נישטאָ קיין שוועבעלאַך ביי קיינעם און ווען איינער פערראויכערט, ציהען זיך צו אים מאַכאָרקעלאַך און אין דער פינסטערניש פון וואַגאָן נעמען פינקלען פייערלאַך דאָ און דאָרט די מאַכאָרקע פרישט אָפּ אַביסעל די לופט—דאָס איז נישט איבערגעטריבען.

איינער שפּאַרט זיך אָן נעבען צווייטען און מען דרימעלט. אַנדערע שלאָפען שטאַרק. דאָס זיינען מענשען, וואָס זיינען אין די קאַרפּאַטען געשלאָפען אונטער דעם שונא'ס קוילען, שפּילט ביי זיי א ראָל דער וואַגאָן מיט זיין ענגשאַפט.

נאָר מיר שלאָפט זיך נישט. פאַר די אויגען שוועבען די לעצטע יאָרן. גרויסע בילדער, גאַנצע קאַליידאָסקאָפּען גייען דורך אין. די געדאַנקען און מערקווירדיגו די מחשבות שטעלען זיך אָפּ אויף קליינינקייטען, בינדען זיך אין זיי אָן און רייסען זיך נישט אָפּ.

איך ווייס נישט פון וואַנען אין קאָפּ לויפט אַריין א בילד, וואָס איך האָב געזעהן מיט א יאָר צוריק אין אָדעס: סאָלדאַטען זיינען אַרויפגעקראָכען אויף יעקאַטערינאַ דער גרויסער'ס דיינקמאָל און אָנגעשריבען אויף איר קאָפּ פערשיד'ענע צינישע ווערטער. זיי זיינען געזעסען אין דער הויך און אַראָפּגעשריען מיאוס'ע רייד. זיינען דאַן געקומען אַנדערע סאָלדאַטען און מיט א גרויסען לייוואַנד פערצויגען דעם גאַנצען דיינקמאָל... די קופּערנע יעקאַטערינאַ איז אַזוי געשטאַנען מיט תכריכים איבער'ן קאָפּ און פון לייווענד האָט זיך נעריסען די האַנט מיט דער בולאַווע...

דערנעך זעה איך אַלעקסאַנדער דעם דריטענס דיינקמאָל... מען שען זיינען געקומען און אַראָפּגעשרויפט איין האַנט, דערנאָך די צווייטע האַנט, שפּעטער די קרוין מיט'ן גאַנצען קאָפּ.

עס לויפען פאַרביי טויזענטער בילדער אין קאָפּ: מאַניפעסטאַציעס דעמאָנסטראַציעס מיט הונדערטער טויזענטער מענשען, מענשען פון אַלע, קלאַסען, פרייליכע און מונטערע. דערנאָך לוויות. און א גרויסע צעטראָטענע לאַנד, בעשפּיגען און פערשאָטען מיט שאָלעכץ פון סעמעטשקעס. עס שוועבען פאַר די אויגען שמוציגע וואָקזאַלען מיט הונדערטער טיפּוס-קראַנקע, וואָס מען טראָגט אַרויס פון די וואַגאָנעס און איינער לויפט

האָסטיג פאַרבײַ מיט אַ לעבעל ברויט. הונדערטער אויגען קוקען אים נאָך מיט קנאה און ער, דער גליקליכער מיט'ן ברויט, אײַלט גיכער אַוועקצוגיין פון דאַנען.

שטיל איז וואַגאָן. איך ווײס אַליין נישט, אויף וואָס איך האָב אָנגעשפּאַרט מײַן קאָפּ, אַבי ער האַלט זיך...

אין דער הויך אויפ'ן באַנק רעדט אײנער צו זײַן שכן, אַז ערגיץ-וואו, דאַכט זיך, אין יוזעוקע זײַנען הונדערטער מענשען קראַנק געוואָרען אויף „טאַפּ" און מען האָט זיי אַלעמען צעשאָסען...

אַלט, יונג, פרוי, מאַן — אַלעמען האָט מען צושאָסען און דאָס האָט מען דאָך געמוזט, אום אָפּצוראַטעווען די לעבעדיגע, די געזונטע...

איך האָב זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט פון שרעקען און אומזיניגקײטען, נאָר אָט די עטליכע ווערטער אין פינסטערן וואַגאָן ווענען שרעקליכען „טאַפּ", מאַכען מיר אַזוי שרעקליך דאָס לעבען און דער וואַגאָן ווערט נאָך טויזענט מאָל ענגער.

אַ ביסעל ליפט! איך דערקריך צום פענסטער און לייג צו דעם קאָפּ צו דער קאַלטער שויב.

אָט פון דעם וואַגאָן, וואו איך פאָר, וועט נישט אײנער אַרויס מיט אַ טיפוס און וועט זיך אפשר אויך אָפּזעגענען מיט'ן לעבען אינגאַנצען.

אָט דערדאָזיגער שמוץ און אומרײנקײט שטעקט אָן אַ גאַנץ לאַנד, די גאַנצע וועלט, און מענשען זײַנען אַזוי שלעכט געוואָרען...

איך טראַכט אַזוי אין וואַגאָן און איך זוך אַ טרייסט פאַר זיך, פאַר אַלעמען...

אַ טרייסט איז פאַראַן: אין הונדערט אָדער אין טויזענט יאָר אַרום וועט זײַן גוט אויף דער וועלט. מענשען וועלען זײַן גלײַך און ברידערליך אײנער צום צווייטען. אַזוי זאָגען מענשען, וואָס גלויבען און איך מוז זיי גלויבען. דאָך, אײגענטליך גייען מיר די הונדערט יאָר, די שפּעטערדיגע נישט אָן. אײנער האָט דאָ מיר צוגעדריקט די פיס, דער צווייטער קוועטשט מיט זײַן קאָפּ מײַן קאָפּ, דער דריטער כראָפּעט מיר גלײַך אין פנים אַרײַן און די גאַנצע צוקונפט וואָלט איך איצט אָפּגעגעבען פאַר אַ טראָפּען לופט.

אין שיבעל.

יעפּרייטאָר שאַוטשענקאָ.

ער פירט מיך צום ערשטען מאָל אויפ'ן פּלאַץ, דאָרטען וועט מען מיך אָנהויבען לערנען אַ סאָלדאַט צו זיין. דערוויילע גייען מיר ביידע שווייגענדיג. ער, דער געשטופּעלטער נידעריגער קריסט, מיין נאָנטער נאַטשאַלניק און איך זיין אונטערטעניגסטער. עס איז אָנפאַנג הערבסט און די זון לייכט ווי קיינמאָל נישט, ווי אַ קינד וואָלט זיך פונאַנדערגעלאָפען איבער'ן גרינעם סטעפּ און לאַכען...

נאָר עס ווערט אַזוי ביטער אויף דער נשמה, ווען דו דערמאָנסט זיך, אַז דו געהערסט איצט נישט זיך צו אַליין, דו ביסט אַ ריאַדאָוואָי פון 229 פּאָלק און קלער נישט...און סמירנאָ!

— ווּ'נאָגו קאָנסטו נייןּ? — פרעגט ביי מיר גאַנץ פּאָטערליך שאַוטשענקאָ.

— ניין, ענטפער איך, — איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס.

נעמט שאַוטשענקאָ מיך לערנען, נישט דערפאַר ווייל ער דאַרף מיך לערנען, נאָר אים ווילט זיך זעהר איך זאָל שוין עפּעס וויסען, ער וויל מיר זיין אַ פריינט, און ער רעדט צו מיר:

- אָט אַזוי, צום ערשטען שטעלט מען דעם לינקען פוס, ראַז

דוואַ, ראַז דוואַ. די פויגעלאַך אַרום דערשרעקען זיך און פליהען אַוועק. שאַוטשענקאָ טאַנצט און איך טאַנץ אים נאָך, און נאָנט דאָרט אויפ׳ן פּלאַץ זעה איך טאַנצען טויזענטער סאָלדאַטען אויף רעכטס און אויף לינקס, מיט ביקסען און אָהן ביקסען.

מיר גייען צו זיי און שאַוטשענקאָ רעדט:

— דאָ אין קאַזאַרמע דאַרף מען אַלץ פערגעסען, טאַטע-מאַמע געשטאָרבען, חברים — געשטאָרבען. מען דאַרף נאָר האָבען אין זינען די „זאַניאַטיע“, דעמאָלט איז גוט און נאַטשאַלסטוואָ שאַנעוועט, נאָר די, וואָס לערנען זיך שלעכט און פירען זיך שלעכט, אַזעלכע... און שאַוטשענקאָ ערקלערט מיר מיט אַ האַנט-בעוועגונג אַז אַזעלכע שמייסט מען און מען האַלט אין קאַרצער.

איך ליג אים פאָר אַ פּאַפּיראָס, נעמט ער דריי און בעהאַלטן צוויי אין היטעל און דערביי זאָגט ער צו מיר:

— פאַר די סאָלדאַטען חייז נישט, אַז דו האָסט אַ סך פּאַפּיראָסען, זיי וועלען דיר דאָס גיך פּטר׳ן...

מיר קומען אויפ׳ן פּלאַץ, שאַוטשענקאָ פירט מיך צו צום וזוואָדנעם:

— געבראַכט אַ העלר, גאָספּאָדין וזוואָדני, און ער ווייזט אָן אויף מיר און לאַכט. נאָר דער וזוואָדני איז פערנומען, בעפעלט ער שאַוטשענקאָ׳ן מיר געבען אַביקס. עס גייט אַזעק אַ מינוט און איך שפּרייז שוין מיט אַ האַלבען מנין פויערים אינאיינעם און מיר מאַכען פערשידענע קונצען מיט׳ן ביקס.

די זון שיינט און בלענדט די אייגען און שאַוטשענקאָ קאָמאַנדעוועט אַזוי פריילין. פון מיר לאָזט ער די אויגען נישט אַראָפּ.

— דו וועסט זיין אַ גוטער סאָלדאַט, גיב פעררויכערען. די פּיס נעמען ווייטאָן. די הענט ברעכען פון זעכצען-פונטיגען פראַנצויזישען ביקס און אין די אויערן קלינגט:

„דו וועסט זיין אַ גוטער סאָלדאַט, אַ שמחה אויף דער וועלט“...

און דערנאָך ביתאַכט און אין דער פריה — שאַוטשענקאָ איז אומעטום פאַראַן, וואו איך קער זיך נאָר. פּאַפּיראָסען ווערען ביי מיר אַלץ ווייניגער, נאָר איך לאָז אים צו צו מיר: דערדאָזיגער פערבאַנד וועט מיר צוניץ קומען. אַ בייזער סאָלדאַט האָט מיך אַ שטויס געטאָן און גע-

וואַרפֿען דאָס וואָרט: „זשידו!“ פֿון וואַנען און פֿון וואו — שאַוועטשענקאָ שפּרינגט אַרויס און שרייט אָן אויף דעם סאָלדאַט: „מען טאָר זיך נישט זידלען“. ער האָט אויך אַכטונג געגעבען, מען זאָל מיר מיט'ן ברויט נישט פֿערטיילען און זעהענדיג שפּעטער, אַז איך עס דעם שוואַרצען ברויט נישט, האָט ער עס צוגענומען פֿאַר זיך...

בײנאַכט האָט ער מיר צוגעהאָלפֿען געפֿינען אַ פּלאַץ, וואו זיך צו לייגען אויף די נאַרעס. פֿאַר'ן שלאָף — ווידער אַ פּאַפּיראָס.

דערנאָך בין איך געלעגען אויף די נאַרעס און מיין שלאָף איז ערגעץ געווען דאָרטען-וויט ביים שוואַרצען ים אין קרים ביי די שוויגענדיגע קיפּאַריסען, ביי די ווייגערטנער, פֿון וואַנען דער בעפֿעל וועגען דער מאָביליזאַציע האָט מיך צוגענומען.

מיט פֿרעמדע, ווילד-פֿרעמדע מענשע בין איך דאָ געלעגען אויף די שמוציגע ברעטער און אויסגעהערט שטומע קרעכצען און זיפֿצען, די לופֿט איז געווען אַ געפֿערליכע און מיט אַ מאָל האָט זיך מיר פֿערוואָלט פֿון גרויס טרויער און פֿערביטערניש לאַכען. אַלץ האָב איך נאָך פֿאַרגעשטעלט אין מיין לעבען, נאָר אין קאַזאַרמע זיין — דאָס האָט זיך מיר קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט...

איך האָב דערזעהן, אַז מיין לאַגע איז גאָר נישט קיין פֿריילִיכע. מיין גאַנץ לעבען בין איך געלאָפֿען פֿון דיסציפּלין. פֿון חדר, וואו איך האָב געלערנט, בין איך פֿיל מאָל אַנטלאָפֿען; פֿון קאַנטאָר, וואו איך האָב געאַרבעט, בין איך אַנטלאָפֿען; פֿון מיין געליבטער אַנטלאָפֿען, שטענדיג האָב איך פֿיינט געהאַט דעם זעלביגען אָרט, די אַלטעגליכקייט און דאָ מיט אַמאָל.

ווי אויסגעמושטירטע ליגען די סאָלדאַטען אויף די נאַרעס צוגעדעקט מיט די שינעלען. די ביקסען און די קראַטקעס שטייען גלייך מיט די שטיקעס אַרויף; דאָס פֿייערל פֿון דער איקאָנע פֿאַלט אויף זיי, אַ רויט פֿייערל שפּילט זיך אויף די גלאַנציגע שטיקעס און עס זעהט אויס, ווי בלוט...

שעה'ען בין איך אַזוי געלעגען מיט אָפֿענע אויגען, ביז אַ פֿייף האָט דורכגעשניטען די געדיכטע לופֿט פֿון אונזער קאַזאַרמע:

— שטיי אויף!

עטליכע הונדערט פֿאַר העגט האָבען זיך אַ ציה געטאָן צו די

בערג שטיוועל און זיך איילענדיג גענומען אָנטאָן.

און ווי דורך א מאגנעט האָט עס מיך אויך א ריס געטאָן פון ארט און איך האָב אלץ נאָכגעטאָן מיינע חברים.

שפעטער זיינען מיר אלע שוין געשטאנען אין רייען און געקלי־בען זיך אויפ׳ן פלאַץ אויף א נייעם טאָג גיהנם.

דערוויל איז לאנגזאם צוגעקומען שאָוטשענקאָ און פאָטערליך א זאָג געטאָן:

— ביזט בליך, ביזט אודאי נישט געשלאָפען, וואס, די היים האָט זיך דיר דערמאָנט?

איך האָב אים עפעס געענטפערט.

אָבער נישט דאָס איז געווען ביי אים דער עיקר.

— דיינע פאפיראָסען זיינען גאָרנישט קיין שלעכטע.

איך בין פראָסט גליקליך געווען, וואס ער נעמט ביי מיר די פאפיראָסען.

שאָוטשענקאָ האָט אויך געשעצט מיין אנטקעגנקומען, און עט־ליכע טעג ארום האָט ער מיך מיט א גוטען וואָרט רעקאָמענדירט פאר פעטרענקען.

נאָר עס איז געווען א זאך, צוליב וועלכער איך האָב זיך שיער נישט צוקריגט מיט שאָוטשענקאָ׳ן. איך האָב געהאט א זילבערנע מאשינ־קע אנצוציינדען פאפיראָסען. עס פלעגט אים פראָסט די אויגען ארויס־קריכען, ווען ער פלעגט דערזעהן ביי מיר די מאשינקע און איך האָב זיך איינגעשפאַרט און איך האָב אלץ אפגעליינט. איך וועל אים עס שוינקען, נאָר נישט היינט — זאָל ער וואַרטען.

דערוויל פלעגט ער פירען צו מיר זיינע ים, איך זאָל אים ווייזען די מאשינקע און יעדעס מאָל פלעגט ער דערביי זאָגען:

— זי איז מיינע, די מאשינקע?

און איך פלעג מוזען בעשטעטיגען:

— אייערע, אייערע, גאָספאָדין יעפרעיטאָר!

מײַן וואָדני פעטרענקאָ.

עס קאָן זיין, אז ביי זיך אין דאָרף, צווישען זיינע איינענע, איז ער גאָרנישט קיין שלעכטער פויער. עס פלעגט טרעפען, אז איך האָב בע-מערקט אויך ביי דעם דאָזיגען מענשען אין די אויגען א מענשליכען פינק, געהערט אויך פון אים א וואָרט, וואָס האָט נישט געשראָקען. אָבער דאָס איז געווען אזוי זעלטען.

ביי אונז אין דער זיבעטער ראָטע איז ער געווען דער שלעכטסטער, אומברחמנות׳דיגער. דער גאַנצער פאָלק האָט פון אים געוואוסט. אריינ-געפאַלען אין דער זיבעטער ראָטע, האָט געהייסען ווי די וואָלסט אין גיהנם אוועק.

א געזונטער, א שטאַרקער מיט קליינינקע אויגעלאַך און מיט לאַנגע שטעכענדיגע וואָנסען. אז ער פלעגט שרייען זיין „סמירנאָ" האָט דאָס פעלד געציטערט.

נאָך פאַר דער מלחמה האָט ער פופצען יאָר אָפגעדינט אין סטראָי און ער האָט זיך גוט אויסגעלערנט די קונסט צו דרעסירען מענשען. ער האָט גוט אויסגעלערנט זיינע קרבנות און שטענדיג פערשטאַנען, וועלכער פון די „נייע" וועט לאָזען בויגען די פלייצע און צו וועלכען מען וועט מוזען צולייגען כח.

נאָך איידער מיר האָבען דערהערט זיין קאָמאַנדע, האָבען מיר שטענדיג געוואוסט, אַז אין אַ האַלבע שעה וועלען מיר אַלע זיין מיט שווים בעגאָסען און מיט האַרץ-שלאָגעריי און דאָך ווען פעטרענקאָ וואָלט הייסען אין פייער שפּרינגען — וועלכער העלד וואָלט אים נישט געפאָלגט?

—פריילִיכער, רעביאַטאַ! און מיר קלאַפּען מיט די פיס, אַז די ערד טרייסעלט זיך און פעטרענקאָ שרייט:

—שטאַרקער, די ערד ועט נישט פּלאַצען און די שטיוועל וועלען קאַזיאָנע... שטאַרקער!

עס דאַכט זיך, אַז מיר פאַלען באַלד פון מידקייט און פעטרענקאָ האָט זיך ערשט דערוואַרעמט. און אויב ער האָט בעמערקט, אַז די ראָטע איז פערמאַטערט, פּלעגט זיך דאַן אָנהייבען די אמת׳ע יאַגעניש. אַ באַלדאַט, פלעגט ער זאָגען, מוז האָבען געדולד, ביז׳ן טויט — געדולד!

ער פלעגט אָפט די ראָטע פעריאַגען אין אַ באָלאָטע און דאַן קאָמאַנדעוועט: „לעג זיך"! מיר ציהען זיך אויס אַלע און שעפּען אָן אַ פולען אַרבעל מיט שמוציג וואַסער און פעטרענקאָ נעמט דעמאָלט וויקלען אַ פּאַפּיראָס פאַר זיך. אָט אַזוי פלעגט ער אונז לערנען געדולד.

אט דער עקשן פון קאַזאַרמע וואָלט דעם אייגענעם טאַטען אוועקגעבען פאַר דער דיסציפּלין.

פעטרענקאָ האָט זיך פערנומען מיט מיינע בגדים, מיט מיין טואַלעט; ער האָט בעפעלען „סאַשקע דעם שערער" ער זאָל מיך אָפּשערען.

סאַשקע דער שערער — אַ סאָלדאַט, וואָס האָט זיך שטענדיג געוואַלגערט אין קאַזאַרמע, שטענדיג אַ באָרוויסער, האָט געהאַט גרויסע חסדים ביי נאַטשאַלסטווא צוליב זיין פאַך...

ער האָט מיך אוועקגעשטעלט אויף די קניה און מיט אַ מאַשינקע אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ אויף גלאַט.

און פעטרענקאָ איז צוגעגאַנגען, אַרויפגעלייגט זיינע אייזערנע פינף פינגער און קאָמאַנדירט:

—גלאַדקאָ!

דערנאָך האָט ער מיך געפירט צום קאַפּטינאַרמוס אַנטאָן אין די וועלנערישע קליידער און ער איז געוועזען דער אויסקלייבער. די היטעל איז מיר אַראָפּגעפאַלען איבער די אויגען, נאָר פעטרענקאָן איז עס געפעלען געוואָרען. ווען איך האָב זיך צום ערשטען מאָל דערזעהן אין שפּיגעל,

האָב איך לאַנג געלאַכט. פּעטרענקאָ איז אַלץ אַרום מיר געגאַנגען או געזאָרגט פאַר מיר. שאַווטשענקאָ האָט אים נאָכגעטאַנצט.

פּעטרענקאָ האָט מיך געוואָלט מאַכען פאַר א ליַיט. פאַר אַן-אמת'ן זעלנער.

איינמאָל איז ער צו מיר צוגעגאַנגען, אָנגענומען פאַר'ן לאַץ פון שינעל, פערריכט דעם פּאַס און פּאָטערליך מיך אויסגעפרעגט: פון וואַנען איך בין, ווער האָב איך אין דער היים און נאָך אַזעלכע זאַכען.

ער האָט מיך פּשוט אונטערגעקויפט מיט זיין פוקסיש זיסען קול. איך האָב אַן אַלץ פערגעסען און גענומען ריידען מיט אים ווי מיט מיינ'ם גלייכען.

נאָר מיט אַמאָל האָט ער עס אויסגעגלאָצט זיינע קליינע חיה'שע אויגעלאַך און דערלאַנגט אויף מיר אַ געשריי:

— ווי אַזוי שטייסטו?

—קאַק טי סטאָישׁ? איך בין אויפגעשפרונגען און די האַנט אונטערן קאָזיראָק.

ער האָט נאָך עטליכע סעקונדען אַזוי געקוקט אויף מיר, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מישב זיין, וואָס זאָל ער דא טאָן מיט מיר: הייסען באַלד צוהאַקען אויף שטיקער, אָדער נאָך לאָזען לעבען אַ ביסעל. דאָס צווייטע האָט געזיגט און פּעטרענקאָ האָט מיר דאַן אַ גאַנצען איבערלאָזען.

פון דעמאָלט אָן פלעג איך זיך פאַר — שוין אויסציהען און אויסגלייכען פאַר אַ מייל די וויַיט.

פעלדפעבעל דראָס.

דאָס איז געווען אַנ׳אמת׳ער טיראַן, אַנ׳אויסגערעכענטער מערדער. שלאָגנדיג אַ סאָלדאַט האָט ער דערביי זשאָנגלירט מיט׳ן האַנט און געקליבען נחת. וואָס שטאַרקער דער קלאַפּ איז געווען, אַלץ ברייטער זיין שמייכעל.

איך ווייס נישט פון וואַנען ער איז געקומען, וואו ער איז געבוירען געוואָרען — רוסלאַנד איז גרויס. מעגליך, אַז ער איז געווען פון באַלטישען קאַנט.

אויף זיין שלאַנקען און שטאַרקען קערפּער איז די קורטקע געלעגען, ווי אויף אַנ׳אַלטען גוואַרדיע אָפיציר שטענדיג פריש אָבגעגאָלט, די הינטערשטע גלייכע, די אויגען גראָע, רוהיגע.

ער פלעגט זיך זעלטען בעווייזען אויף יענעם פּלאַץ, וואו מען האָט אונז געלערענט. נאָר דאַן ווען ער פלעגט קומען, דאַן האָבען מיר געוואוסט אַז עמיצער פון אונז וועט געשלאָגען ווערען.

איך געדענק איינמאָל האָט ער ארויסגערופען פינף סאָלדאַטען, אויסגעמושטירט זיי אין איין רייע און זיך גענומען צו דער אויספאָרשונג איינער פון זיי האָט נישט געגעכטינט אין

קאַזאַרמע, דער צווייטער איז בײַטאָג אַוועק אויף צוויי שעה און אויך די איבעריגע האָבּען געהאַט אַזעלכע זינד.

דראָם נעמט שלאָגען: איינס, צוויי, איינס, צוויי, און דער רעכטער באַק, און דער לינקער באַק, די הענט זענען בײַ אים שוין אין בלוט און ער זשאָנגלירט איבער די פּנים׳ער...

און מיר הונדערט אין גראָע שינעלען אַלע בעוואָפֿענט מיט ביקסען מיט שאַרפֿע שטיקעס אויף זיי, — מיר שטייען און מיר קוקען און מיר שווייגען.

דראָם בעפֿעלט די פֿינף זעלנער זיך אָנטון „פּאָ פּאָכאָדנאָמו" נעמען די ביקס אויף די פּלייצע און לויפֿען.

אָבער לויפֿען! אָהן אָטעם טראָגען זיך די אומגליקליכע און דראָם יאָגט זיי נאָר — ליִיף! סוואָלאָטש... ער בלייבּט אַליין אָהן כּח, דערפֿאַר אָבער האָט ער נחת פֿון זײַן אַרבּייט.

נישט נאָר מיט מענשען בעגייט זיך אַזוי דראָם. אין פֿעלד בעוויזט זיך אַ הונט, דראָם כאַפּט אַרויס בײַם ערשטען סאָלדאַט אַ ביקס, נעמט אַ קויל פֿון קעשענע און ציט זיך אויס אויף דר׳ערד, צילט זיך פֿלייסיג, און דער הונט ליגט שוין אַ טויטער אין אַ רגע.

ער איז געווען אַ זעלטענער שיסער. דערנאָך לויפֿט ער מיט זיינע משרתים בעטראַכטען דעם קרבּן און קוועלט.

—אין קאָפּ געטראָפֿען. אין קאָפּ איז דער בעסטער אָרט.

דעם צווייטען מאָל צילט ער זיך שוין נישט אין קאָפּ, נאָר אין דער רעכטער פֿוס פֿון די הינטערשטע... אָך, עס איז אים אַזוי אָנגענעם צו זעהן, ווי דער הונט אַנטלויפֿט אויף דריי פֿיסלעך מיט אַ יאָמער...

איינער אַ סאָלדאַט, אַ דייטש פֿון די רוסישע קאָלאָניעס, טראָן, האָט ער געהייסען, איז אַנטלאָפֿען פֿון קאַזאַרמע. אין עטליכע וואָכען אַרום האָט מען אים געכאַפּט און אַרויסגעפֿירט צו אונז אויפֿן גיהנם-פּלאַץ, אין אַ ליכטיגען הערבּסט-טאָג האָט מען אים אויסגעצויגען און געשמיסען. דער דייטש איז אויך געווען אַן׳עקשן האָט ער געשריגען אונטער די שמיץ: „איך וועל ווידער אַנטלויפֿען".

דאַן האָט דראָם אַרויסגעבּאַפּט בײַ די שמייסערס די ריטער און האָט אַליין גענומען אַרבּייטען. שוים איז אים געגאַנגען פֿון מויל און ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, ווי אַ ווילדער.

דעם סאָלדאַט טראָן, האָט מען אַוועקגעטראָגען אין שפּיטאָל און

פֿון דאָרטען, דאַכט זיך: אויפֿן בית־עולם. דראָס איז אָבער נאָך אַ צייט אַרומגעגאַנגען און געסמאַקעוועט: „אָי, האָב איך אים דערלאַנגט, איך וועל אייך אַלעמען אַזוי געבען״!

טויבען לאָזען זיך אַראָפּ אויפֿ׳ן פֿעלד. דראָס האָט ווידער אַרבייט: איינמאָל האָט ער פערוואינדעט אַ ווייסע טויב אין פלינגעל. די טויב האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דר׳ערד, אַ פֿלי־געטון און באַלד אַראָפּגעפֿאַלען. אט אַזוי עטליכע מאָל. דראָס האָט זיך דאַן אַ יאָג געטון נאָכ׳ן פויגעל, ער האָט אונטערגעשפרונגען און זי צוגעשטיקט מיט׳ן פֿוס. די פֿליגעלעך האָבען זיך אַזוי אָנגעבלאָזען און אַ קרעכץ געטון אונטער זיין שטיוועל.

אַ ציטער איז מיר דורך איבער׳ן גאַנצען קערפּער, פונקט ווי ער וואָלט מיר מיט זיין שטיוועל אויפֿ׳ן האַרץ אַרויפֿגעטראָטען.

דראָס היילט די סאָלדאַטען.

אַ מאַן פֿינפֿצען אין בענליִיטונג פֿון ראָטני-דזשורני שטייען ביי דער טיר פֿון פֿעלדפֿעבעל'ס חדר און וואַרטען ער זאָל אַרייסקומען און אונטערשרייבען אין בוך. אָהן זיין ערלויבניש נעמט מען אין אַקאַלאָדאָק נישט צו.

אַלע וואַרטען, אמת קראַנקע און סימולאַנטען. איינער קרעכצט פֿון ווייטאָג, דער צווייטער מאַכט זיך שוואַך, סטאַרעט זיך הוסטען.

דראָס איז אָבער אַ טייערער דאָקטאָר. צו וואָס אין אַקאַלאָדאָק? ער וועט באַלד אַלעמען אויסהיילען.

עס עפֿענט זיך די טיר און דראָס קומט אַרויס האַלב אָנגעטון, די האָר פֿערקעמט פֿריש, נאָך אַ ביסעל נאַסליך.

— האָ האָ! אַזוי פֿיל קראַנקע, אַ גאַנצע ראָטע.

ער נעמט דאָס בוך פֿון דעזשורנעם און הייבט אָן לייענען.

— סידאָרטשוק!

— איך! שפרינגט אַרויס אַ סאָלדאַטעל.

— ביזט קראַנק? וואָס איז דיר? פֿרעגט דער פֿעלדפֿעבעל.

— אין האַרצען טוט ווי, — ענטפֿערט סידאָרטשוק.

נאָר דראָס גלייבט נישט אין האַרץ־וויטאָג און ער גיט אַ געשריי:

— אויף אַ שעה אונטערן ביקס, וועסט שוין געזונר ווערען.

— גאַווריִלענקאָ! שרייט ער ווידער — וואָס איז דיר?

— אָט־אָ־דאָ טוט ווי. — ווייזט אָן גאַווריִלענקאָ אויף דער לינקער זייט.

דראָס דערלאַנגט אים מיט'ן פויסט אין דער רעכטער זייט און פרעגט:

— און אָט־אָ־דאָ טוט ניט ווי? אויף זאַניאַטיע כוואָלאַטשו!...

ביים דריטען איז אָנגעשוואָלען די באַק.

דראָס לאָזט אים דורך, דעם פירטען לאָזט ער אַראָפּ פון די טרעפּ. דעם פינפטען גיט ער אַ זעץ מיט'ן פיס און מיט אַמאָל גייט ער אַריין אין ווילדקייט און נעמט שרייען.

אַלע, אַלע אויף „זאַניאַטיע״, נישטאָ קיין קראַנקע, מען טאָר נישט קרענקען.

דער דעזשורני יאָגט אַלעמען אויפ'ן פּלאַץ, דאָרטען וועט מען נאָך כאַפּען פון זוואָרנעם אַ יאָג.

אָט אַזוי היילט דראָס אוים די קראַנקע פון זיין ראָטע און זיי שפּרייזען אַלע ווי געלַטען, ווי אייערנעכטען...

די „באָגאַדיעלניע“.

די „באָגאַדיעלניע“ איז בעשטאַנען פון אַ גרופּע קראַנקע סאָלדאַטען, בײַ אײנעם זײַנען די פיס צעדרייט, דער צווייטער איז האַלב בלינד. צום „סטראָי“ טויגען זיי נישט, נאָר אײנגאַנצען זיי בעפרײַען האָט מען אויך נישט געוואָלט: טאָמער מאַכען זיי זיך. אַ סך פון זיי זײַנען טאַקי געווען סימולאַנטען, נאָר בײַ די אַנדערע זײַנען די פּאַפּירען געלעגען ערגעץ אין אַ קאַנצעלאַריע, אָדער אַרומגעריזט איבער'ן גרויסען רוסלאַנד.

דערווייל האָט מען זיי נישט אַפּגעלאָזען און אין קאַזאַרמע באַטאָג אויך נישט געלאָזען זײַן: „זיי זאָלען נישט באַטשקען“, האָט געזאָגט דער פּראַפּאָרטשיק.

גייט אונזער ראָטע אַוועק אין פעלד זיך לערנען און די „באָגאַדיעלניע“ גייט מיט, שלעפּט זיך פון ווייטען ווי אַ רעזערוו.

זיי פלעגען ליגען אויפ'ן גראָז אין שײַנע און מיאוס'ע טעג, אין שניי, אין פראָסט. זיי פלעגען קוקען, ווי אונז פּײַניגט מען, און מיר זײַנען זיי פיל מאָל מקנא געווען: יענע ליגען ווי די פּריצים און ווייסען נישט פון קיין ביקס, נאָר דאָך פלעגט דאָס וואָרט „באָגאַדיעלניע“ ווירקען אַזוי, אַז אַהינצו פלעגט מען זיך סטאַרען נישט אַרײַנפאַלען. קיין סך פערגעניגענס האָבען זיי דאָרטען נישט געהאַט: זיי פלעגען מוזען טון די ערגסטע אַרבייט און עסען פלעגען זיי דאָס ערגסטע און דאָס לעצטע.

ווען די סאָלדאַטען פלעגען זיך אַמאָל פריילעך מאַכען מיט טענץ און געזאַנג דאַן האָט ווער פון דער „באָגאַדיעלניע“ נישט געטאָרט צו גיין נאָענט:

—„קודאַ?“ באָגאַדיעלנאָ!

בעקלאָגען האָבען זיי זיך נישט געטאָרט עס האָט נישט געהאָלפען, אַלע האָבען געהאַט פאַר זיי איין ענטפער:

—באָגאַדיעלנאָ!

ליז רוסלאנד

איך פארטראכט זיך.

עס איז שוין שפעט אין הערבסט, נאר די דרום-ווין ווארעמט, די סטעפ ארום איז גרין, עס קאן זיין, אז מענשען טרוימען פון א בעסערן לעבען, עס קאן זיין זיי ווארטען דעם גן-עדן, דאך איך וואלט צופרידען געווען, ווען מען לאזט מיך זיך אויסציען דא אויפן גראז און ליגען פארטראכטערהייט.

אין די ביינער נאגט פון נאכאנאנדיגען שפרינגען און טאנצען.
דער קאפ איז נאך שווער פון באנאכטיגער לופט אין קאזארמע.

אך! וואס ווילען זיי פון מיר, די שלעכטע, פרעמדע מענשען?

. העכער ווי דרייסיג יאר האב איך אבגעלעבט אויף דער וועלט — איך האב זיי קיינמאל נישט געקענט, נישט איך, און נישט מיין עלטער זיידע.

מיין זיידע פלעגט רויכערן א לולקע און דערציילען פון דער טערקישער מלחמה, נאר ער אליין איז אויף דער מלחמה נישט געווען, די מעשיות האט ער געהערט פון אנדערע. מיין טאטע ווייסט אויך נישט, וואס דאס איז אזוינס א ביקס. און מיר האט מען דא אריינגעשטופט אין דער האנד א זעכצען-פונטיגען פראנצויזישע ביקס און מען

לערנט מיך גאַנצע טעג ווי צו הרגיענען עפּעס אַ דייטש, אַבולגאַר, צי אַ טערק.

ווי די קײַלט פֿון ביקסען־שטאָל, איז קאַלט מײַן נשמה צו דעם אַלעם, און דער שונא אויף וועלכען מיין ווזװאָרני פּעטרענקאָ יאָגט מיך איז מיר גאָר קיין שונא נישט... גיכער האַס איך די, וועלכע לאָזען מיך זיך נישט אויסציען אויפֿן גראָז, קוקען אין דער ווייטקייט און פֿון גאָרנישט טראַכטען.

און דאָרטען ווייט אין דעם קלאָרען דרום־הימעל זעה איך פֿלי־ען אַ סטאַיע פֿויגלען. זי פֿליען אויך אויסגעמושטירט, דאָך נישט אין רייען ווי אונזערע ראָטעס, נאָר אין דער פֿאָרם ווי אַ דוגע, און די דוגע איז ערטערווייז שיטערער, געדיכטער.

מיט אַ טיפֿער קנאה און טרויער קוק איך זיי נאָך די פֿויגלען...

פּלוצלינג בעקום איך אַ זעץ אין ברוסט: — דו הערסט די „קאָ־מאַנדאָ" נישט, זשידו! איך פֿיל אַ שווערען ווייטאָג, נאָר מיין שרעק איז נאָך גרעסער. פּעטרענקאָ מיט זיינע געהילפֿען קוקען אויף מיר בייזע, אויפֿגערעגט. איך פֿיל אַ קעלט אין פּנים, נאָר מיין בלייכקייט ראַטעוועט מיך, זיי לאָזען מיך צורוה און איך שפּריז שוין פֿלייסיגער, — נאַפּראַווּאָ, נאַלעוואָ... סטאָי!

דער שינעל.

דער גראָער שינעל, געבענטשט זאָל ער זיין! מיין קאָלדרע, מיין לײַלעך, מיין קישען — אַלץ איז דער שינעל, מיין נאָז-טיכעל, מיין האַנדטוך, צו אַלץ, צו אַלץ דינט מיר דער שינעל. און אויב איך וויל, איז ער כמין שפּייז-שראַנק. אַ שטיקעל ברויט, אַ שטיקעל צוקער אין די קעשענעס און בעת מען רוהט זיך אָפּ פֿון לערנען, כאַפּט מען אַ ביסען...

און ווער רײדט אין די רוהיגער שעה'ן בעת קיין „זאַניאַטיע" איז גאָרנישטאָ, דאַמאָלסט קויפֿסטו פֿאַר פֿינף האַרטע קאָפּיקעס אַ קענדעל יאָנדרעס און מיר שפּרייזען זיך אַרום אין קאַזאַרמע און אַרום דער קאַזאַרמע און מען קנאַקט די סעמעטשקעס — אַ מחיה.

— אמת, אַ טייערער לעבען, פֿריי פֿון אַלע זאָרג. עסען גיט מען, שלאָפֿען איז דאָ וואו... אַ טייערער לעבען און מיר טילען זיך מיט די סעמעטשקעס.

און אפשר קלאַפּט נאָך פֿאָרט אונטער די קליידער אַ לעבעדיגעס האַרץ, אָ, די גראָבער, די טייערער שינעל, די פֿאַרדעקסט עס שוין, אַז קיינער זאָל וועגען דעם נישט וויסען און צייטענווייז האָט מיך פּשוט אויסגעדאַכט, אַז מיין האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּען. מיין האַרץ

איז פֿאַרגליווערט, פֿאַרשטיינערט געוואָרען און דער שינעל האָט עס צונעדעקט, ווי אַ דעקעל פֿון אַ טרומנע, נישטאָ קיין האַרץ, מען טאָר אין קאַזאַרמע קיין האַרץ נישט האָבען.

גליקליכער טרייסט אונזערער, גראָער שינעל...

זעה נאָר, צנ׳אַלטער פויער, אַ מאָבילזירטער האָט אַ פּאָר קלעפּ באַקומען פֿון פעטרעקאָן און ער האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט...

און ער ווישט אָפּ די אויגען מיט׳ן טויזענט מאָל געבענשטען שינעל און ווערט רוהיגער.

איינמאָל האָב איך אויף מיין שינעל עטליכע אַלטע בלוט־פֿלעקען דערקענט. ווער איז ער געווען מיין חבר? דער וואָס האָט דעם שינעל פֿריער געטראָגען און אונטער אים געשטאָרבען אין פֿעלד?

צוליב אַ שנייעלע.

אַן אומגליק האָט מיט מיר פּאַסירט שפּעטער אין ווינטער, אַ קליין שנייעלע, אַ בריליאַנטענער פראָסט-טראָפּען, האָט מין פערשאַפט אַ סך שמערצען און צוליב דעם דאָזיגען שנייעלע האָב איך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען.

די געשיכטע איז אַזאַ: אין אַ קלאָרען פראָסט-טאָג האָט זיך אונזער ראָטע גאַנץ פלייסיג געלערנט. דער צוגעפרוירענער שניי האָט געשפּילט אונטער אונזערע פיס. עס האָט אויסגעדוכט, אַז הונדערטער פּאָר שטיוועל האָבען איין ציל פאַר זיך: אויספּרעסען, אויסגלייכען דעם שניי.

די ביקסען הייבען זיך אויף און פאַלען אַראָפּ און בליצען אויף דער זון.

איבער אַ גרויסען פעלד האָבען זיך אונזערע זעכצען ראָטעס פונאַנדערגעוואָרפען. איין נאַטשאַלניק גיט איבער די „קאָמאַנדאָ“ דעם צווייטען, ביי אַלעמען זיינען די אויגען אָנגעשטריינגט, קיינער וויל קיין פעלער נישט מאַכען, מיר לערנען זיך פלייסיג, ווייל דער טאָג איז אַזאַ מונטערער און געזונטער. אין יענעם טאָג האָב איך פערגעסען די שווערקייט פון דער קאַזאַרמע. אַ מענש געוויינט זיך צו אַלץ.

נאָר צום אומגליק קומט אַ שנייעלע,

אויפ'ן קלאָרען הימעל חייזט זיך איינאיינציגער וואָלקען, ווי איינ-איינציגע פֿור אויף אַ לאַנגען שאָסיי...

און געשוואומען איז זיך דער יואָלקען, געשוואומען איבער אונזע-רע קעפּ. און קומענדיג פּונקט איבער אונזער ראָטע האָט דער וואָלקען אַראָפּגעבלאָזען עטליכע הויפֿענס ווייכען קאָנפֿעטי-שנייעלעך, איין שנייעלע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן שפּיץ פֿון מיין נאָז און מיר גענומען בייסען ווי אַ קאָמאַר, אָהן רחמנות.

אין דער זעלבער רגע האָט זיך דערהערט די קאָמאַנדאָ: „סמירנאָ" און מיר האָבען זיך אַלע אויסגעצויגען ווי פֿערגליווערטע. זאָל דיר גאָט אויסהיטען זאָלסט זיך דערביי אַ שאָקעל טון. „סמירנאָ", דאָס איז די הייליגסטע „קאָמאַנדאָ".

איך האָב זיך אָבער נישט געקענט איינהאַלטען און אין דער סעקונדע ווען פּעטרענקאָ האָט זיך אָבגעקערט, האָב איך זיך אָנגעריבט אָן יענעם אָרט וואו דאָס שנייעלע האָט געביסען.

פּעטרייקאָ האָט מיין בעוועגונג נישט בעמערקט, נאָר אַ צווייטער „נאַטשאַלניק" האָט עס יאָ בעמערקט. ער איז צוגעגאַנגען צום זאַוואָרנעם מיט אַ ראַפּאָרט:

— גאָספּאַדין וואָרני! ער האָט זיך אַ ריר געטון.

פּעטרענקאָ האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַזעלכע חיה'שע אויגען, אַז ביי מיר האָט זיך דער אָטעם אָבגעשטעלט.

אַ יונגער סאָלדאַטיק, אַ שכן מיינער, האָט מיר שטיל אַ זאָג געטון:

— ער וועט זיך שוין מיט דיר דערפֿאַר אָפּרעכנען.

דער טאָג איז אָבער אַוועק רוהיג.

ביינאַכט, די קאַזאַרמע איז שטיל געוואָרען, ערגעץ כראָפּעט מען שוין, איך האָב זיך איינגעט איינגעאָרדענט צווישען מיינע צוויי חברים. איינער פֿון זיי איז געוועזן אַ דאָרפֿס-לערער, איוואַלגין, מיט אַן אָפּענעם בוטהערציגען געזיכט און מיט אַ זעלטען ריינע נשמה. דער צווייטער אַ דייטש, קאַלטאַן. קאַלמאַנ'ס געלעגער אין קאַזאַרמע איז געווען ווער ריינסטער, ער האָט דער איינציגער געהאַט אַ ליילעך, וועלכער האָט געבליצט מיט זיין ווייסקייט און האָט אונז דערמאָנט דעם היימישען

לעבען.

די אייגען מיינע האָבען זיך שוין גענומען פֿערקלעפּען, דערהער איך ווי עמיצער פּגלט אויפֿ'ן בארג שטיוועל, וואָס זענען געלעגען צווישען די נאַרעס. איך גיב א קוק: פּעטרענקאָ מיט זיינע משרתים גייען.

ער איז צוגעקומען צו מיין געלעגער און קלאַפּט מיר אָן מיט'ן פֿוס.

— דאָס ביסטו?

— יאָ, ענטפֿער איך, דאָס בין איך.

— שוויג, זשידאָווסקע... שריט ער, וואו איז דיין טאַק מאַטשנאָ?

פֿערליר איך זיך א ביסעל און ענטפֿער: — טאַק מאַהשנאָ, גאָספּאָדין זוואָדני, דאָס בין איך.

— שטעל זיך!

שפּרינג איך אויף אַנ'אויסגעמוטשעטער און איך שטיי אויף די נאַרעס.

בעפֿעלט מיר דאַן פּעטרענקאָ:

— שריי דריי מאָל טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין זוואָדני.

שריי איך אינמיטען דער נאַכט און איך וועק-אויף די פֿערשלאָפֿענע סאָלדאַטען. זיי גלאָצען מיט די אויגען און חייסען נישט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. נאָכ'ן שרייען יזענדעט זיך צו מיר פּעטרענקאָ מיט אַזאַ מין רעזאָלוציע:

— דו האָסט היינט, בעת די „זאַניאַטיע“ זיך א ריר געטון, ווען מען האָט געדאַרפֿט שטעהן סמירנאָ. אויפֿהענגען בעדאַרף מען דיך, שמייסען... נאָר דערווייל טו זיך אָן! וועסט זיין א „טאָטשנאָ“.

איך זאָל הייסט עס אַרומגיין א גאַנצע נאַכט איבער'ן קאָרידאָר פֿון קאַזאַרמע און ברעכען דעם קאָפּ פֿון לאַנגוויליגקייט און מידקייט.

און עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿען: איך בין א גאַנצע נאַכט אַרומגעגאַנגען אויף די טרעפּ און אין קאָרידאָר און אויפֿ'ן פעלד, אַרויסגעגאַנגען אינמיטען נאַכט און געקוקט אויפֿ'ן פֿערפֿרוירענעם קאַלטען הימעל, וואָס קוקט זיך צו אַזוי גלייכגילטיג צו אַלע נאַרישע ווילדעקייטען.

די קאַזאַרמע האָט געשלאָפֿען... אָ, ווי איך דאַן זיי מקנא געווען. די נאַכט האָט זיך אַזוי לאַנג געצויגען. דער שטעדטישער זייגער האָט ערשט „צוויי“ געקלאַפּט.

דערנאָך האָב איך א בעזעם געפֿינען און די טרעפּ פֿערקערט, יעדעס שטויבעלע אַרויפֿגעשאַרט און געבליבען בין איך שטעהן מיט'ן בעזעם אין האַנט.

און פֿון שלאָף האָט ווער געשריגען — סמירנאָ. ניע שעוועליס! ריר זיך ניט! דאַכט זיך, אַז דאָס איז געווען פּעטרענקאָ'ס קול.

פּאַפּקאַ.

איינמאָל פאַרנאַכט, די סאָלדאַטען זיינען האַלב געזעסען, האַלב געלעגען אויף די נאַרעס, עפּעס זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ נפש מיט אַפּגעריסענע קליידער, מיט טראַכאָמען-אויגען און מיט אַ מאָדנעם קאָנטיג קוואַדראַטישער נאָז. אים אינגאַנצען האָלט מען נאָך נישט אַזוי בעמערקט, נאָר די נאָז, די נאָז! דאָס איז געווען אַ וועלטע-נער נאָז-עקזעמפּלאַר אין דער נעזער-וועלט. ער איז געווען פאַרבויגען אַ ביסעל אויף רעכטס און אַ ביסעל אויף לינקס און נאָך אַ ביסעל אויף רעכטס... הכלל — אַ נאָז!

פון די נאַרעס האָט זיך ווער אַ־אָפּגערוקט נענטער צו אים צו און אים באַטראַכט און ער איז אויך געשטאַנען און אַלץ אָנגעקוקט. פּלוצ-לינג האָט זיך אַ סאָלדאַט אויף די נאַרעס פונאַנדערגעלאַכט, דערנאָך אַ צווייטער, ביז דער גאַנצער וואַך איז אוועק אין אַ קאַסקאַרען-געלעכ-טער. אַלע האָבען געטייטעלט מיט די פינגער אויף דעם ניי-געקומענעם און געקײַכט פון געלעכטער און אין דעם לאַכען האָט זיך געהערט איין וואָרט:

—„פּאַפּקאַ!“

דאס האט מען געקריינט מיט א נאמען דעם נייעם „פאפקא", איז א פערקירצונג פון פאפוגאי. דאס איז געווען זייער א געטראפענער צונעמעניש. און פון דעמאלסט איז אין קאזארמע צוגעקומען א פערוויילונג: פון בעגינען ביז ביינאכט האט מען געהאט צו טון מיט פאפקען.

די קאזארמע האט שטיינדיג געמוזט האבען מיט וועמען זיך צו פארנעמען, מיט וועמען זיך צו ווילען, דאס האט געמעגט זיין א קאטוליקע—א סאלדאט דאס האט געמעגט זיין א קאץ, וועלכע די חברה האט געבאפט לעם קאזארמע—מען האט עס גיפיינגט און דערעקידט ביז׳ן טויט אריין.

איינמאל איז אין קאזארמע געקומען א נייער סאלדאט, א ציגיינער, א בארוויסער א שווארצער, ווי א קרו, ביי יעדער קלאפ, ביי יעדער געשריי פלעגט ער אויפציטערן ריכטיג, ווי א פויגעלע. דאס איז געווען אנ׳אמת׳ע קינד פון סטעפ, און דא אין קאזארמע האט מען זיך מיט אים געווארפען, ווי מיט א פילקע, האט ער עס נישט אויסגעהאלטען, זיך א ווארף געטון אויף א סאלדאט און אים צעביסען, ווי א וואלף, ווי א הונט א בייזער.

איצט האט מען זיך פערנומען מיט פאפקען:

ער איז אליין געווען פון דרום, א משרת אין א קאלאניאל־שעפט. אין קאזארמע איז ער געקומען מיט תפילין נור מען האט נישט געלאזען דאווענען. ווען? עס איז פראסט קיין צייט נישט געווען.

א פאמיליע־נאמען האט ער געהאט א גאנץ קלינגענדיגען פאר׳ן דרום: בראדסקי, האט ער געהייסען, נאר דער זווארקי פלעגט אים אויסרופען בעת דער „פערעקליטשקע" מיט׳ן נייעם נאמען:

—„פאפקאו" פלעגט דער זווארדני דערלאנגען א געשריי און ער האט זיך שוין צוגעוויינט צו ענטפערן:

—יאו!

די גאנצע ראטע שיסט־אויס מיט א געלעכטער. דער פראפארטשיק האט געהאלטען פאר זיין חוב נישט צו פארבייגיין אהן דער פראגע:

—קאק פאזשיוואיעש, פאפקא?

נאר פאפקא איז געווען זייער א שלעכטער סאלדאט. ער האט אלץ געקוקט צום שטעדטעל און נאכגעפרעגט וועגען אקאלארעק, ווע־

גען די ־אקטווירים.

ער איז שלעכט בעגאנגען „וונאגו" און שטענדיג זיך באקלאגט, אז פון ביקס טיען אים וועה די הענט. אזעלכע אורחים האט מען אין קאזארמע נישט ליב און מען פייניגט זיי נאך מער.

פאפקא האט געהאט נאך א פעלער: ער פלעגט האלטען אראפגעלאזען דעם קאפ, פינקט ווי א קראנקער קורטשאק. ווי קומט עס צו א סאלדאט? א סאלדאט דארף שטאלץ האלטען דעם קאפ. אויפגעהויבען, דרייסט! און ווער עס האט נאר געהאט א בענדעל אויף די שליפעס און ווער עס האט נאר געהאט א פאר הענט, יענער האט זיך גענומען אויסגלייכען פאפקען זיין קאפ.

יעדער רגע האט מען געקענט זעהן, ווי עמיצער שטייט נעבען אים און גלייכט אים. ער ציט זיך אויס און גלאצט מיט די טראכאמען-אויגען, דער לערער האלט אים אונטער מיט'ן פויסט דעם קאפ און די אנדערע שווייגען זיי און קוקען זיך אן. ענדיגען פלעגט זיך עס שטענדיג מיט דריי זאכען: מיט א פיק אין נאז, מיט א אויסגעשריי: „פאפקא!" און צום סוף מיט א שפיי...

נאר פאפקא'ס קאפ פלעגט זיך נישט אונטערגעבען, ער פלעגט עס אלץ האבען אראפגעלאזען אראפגעבויגען, ווי א לעדיגע זאנג.

פאניע קאן אזעלכע זאכען נישט מוחל זיין, האט מען שפעטער געבען פאפקע'ן אוועקגעשטעלט א סאלדאט און אנגעזאגט, ער זאל אים האלטען דעם קאפ, דער סאלדאט איז מיד געווארען האט מען אוועקגעשטעלט א צווייטען, דערנאך א דריטען, איצטער שטעלט זיך פאר דאס בילד: מיר אלע לערנען זיך און לויפען מיט די ביקסען ביז שוויס און דא נישט ווייט פון אונז שטייען צוויי זעלנער: איינער האלט אונטער'ן צווייטענס מארדע דעם פויסט און לאזט אים נישט איינגעבויגען דעם קאפ. אמת, עס האט געמאכט א קאמישען איינדרוק, עס האט אויסגעדוכט, אז ער שרייט צו אלעמען:

—זעהט, איך טראג מיין קאפ, פינקט, ווי ער וואלט שטענדיג געגאנגען אויף א פאראד. נור אזוי צו אזוי: די קאזארמע דאט אים דעם קאפ אויסגעגלייכט.

אלע שפילען און שפאסען אין קאזארמע פלעגען געמאכט ווערען אויף פאפקא'ס חשבון.

וועמען קראַצט מען ביינאַכט די פּיאַטעס? פּאַפּקאַ'ן. וועמען ניסט מען אַריין בעת'ן וואַשען זיך אין פראָסט קאַלטע וואַסער אין קאַלנער? פּאַפּקאַ'ן.

אויפ'ן פעלד ליגט א טיפער שניי. די סאָלדאַטען רוען זיך אָפּ. מיט=אַמאָל-דערהערט מען א חילדען לאַכען. אַלע לויפען צום געוועמעל. וואָס איז געשען? מען דערשלאָגט זיך קוים אין מיטען און פאַר די אויגען ווערט זיך אַזאַ בילד: אויפ'ן שניי ליגט פּאַפּקאַ, עטליכע סאָלדאַטען האַלטען אים די הענט מיט די פיס, איינער דריקט אים צו מיט זיין לאַפּע דאָס מויל—ער זאָל נישט שרייען. און די איבריגע רייבען אים מיט שניי אויף דעם נאַקעטען בויך. מען טוט עס מיט אַזאַ התמדה, מיט אַזאַ פלייסיגקייט... און די איבריגע צוויי פיסיגע בהמות שטייען און לאַכען, ווי די גליקליכסטע. דערנאָך לאָזט מען אים אָפּ:

—„פּאַפּקאַ; ווסטאַן!"

ליגט פּאַפּקאַ און רירט זיך נישט פון אָרט, ווי א געשטאָרבענער. זאָגט אָבער א סאָלדאַטעל, אַז מען דאַרף אים ווידער רייבען... שפּרינגט ער אויף מיט פונאַנדערגעשפּילטע הויזען און נעמט לויפען. מען יאָגט אים נאָך. נאָר דאָ דערהערט זיך א פייף און מען גייט זיך ווידער לערנען.

צו ערשט האָט ער געוויינט. זיך געבעטען מען זאָל אים לאָזען צו רוה, זשפּעטער איז ער פערהאַרטעוועט געוואָרען און די צרות און וואָסמען אָל מיט אים נישט טון, האָט ער געשוויגען. צוגענומען יעדען טאָג זיין פּאָרציע קלעפּ און בעליידיגונגען און געגאַנגען שלאָפען אין זיין ווינקעל.

פּאַפּקאַ איז סוף-כל-סוף אַוועק אויף דער פּאָזיציע. אין דער אמת'ען איז ער געווען א שוואַכער סאָלדאַט, א קראַנקער יודעל, אַן'אַנדערער וואָלט זיך אודאי אַרויסגעדרייט. נאָר פּאַפּקאַ איז אַוועק אויף דער פּאָזיציע צוליב אַן'אַנדער זאַך. מען האָט אים מיטגענומען.

יאָ, מען האָט אים מיטגענומען, ווי מען נעמט מיט א הונט, אָדער א מאַלפּע.

די סאָלדאַטען האָבען שטענדיג גערעדט אין ראָטע, אַז אָהן פּאַפּקאַ'ן גייען זיי נישט אויף דער פּאָזיציע, דער וואָרני האָט אויך געזאָגט צו אים:

—פּאָפּקאָ! דו וועסט גיין מיט אונז.

און צום סוף דער פּראָפּאָרטשיק האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט, אַז פּאָפּקאָ מוז גיין, מיט אים וועט זיין פריילעכער.

מען האָט אים אָנגעטון אין אַלע קלאָפּער-געציינג און מיטגענומען ערגיץ דאָרטען אויפ'ן סטאַבּאָר. וואָס איז געוואָרן מיט אים? וועלכע צרות איז ער נאָך דורכגעגאַנגען?

אונזערע אידעליעס.

היינט איז מען צוליב'ן גוואלדיגען פראסט פריער געקומען פון פלאץ. אין דער גרויסער קאזארמע ברענען אלע אויוועלעך. עס רייבערט פון אלע זייטען, נאר וועמען גייט עס אן? מיר און אונזערע אייגען האבען זיך שוין צו דעם צוגעוואוינט. איף איין אויוועלע פרעגעלט דער זהאר־ני קארטאפעל אין חזיר־שמאלץ. דעם חזיר־שמאלץ ברענגען אים די סאלדאטען, די וואס האבען פאמיליעס אין די נאנטע דערפער. קארגט ער נישט קיין שמאלץ, שפריצט און שפרינגט זיין פוטעלנע און עס שמעקט דער קארטאפעל, אוש די נעזער פלאצען... א מחיה!

וואויל און גוט צו זיין א זהארני. אט זעצט ער זיך ברייטליך אוועק אויף די נארעס און פאפקע דער שלים־מזל בעדינט אים. פאפקע איז זיין קעלנער, דער יודעל ברענט אפ די פינגער, בעת ער דער־לאנגט אים די קארטאפעל. דער זהארני עסט און פאפקע בלאזט אויף דעם אפגעברענטען ארט.

—ווילסט א קארטאפעל? פרעגט אים דער זהארני.

—ניין ענטפערט, מיט שרעק פאפקע.

הויבט זיך אן א גאנצער יריד.

פאפקע מוז עסען. מען שטופט אים מיט גוואלד צריין אין מויל א קארטאפעל און פעטרענקא ווערט רויט פון לאכען.

—האט געשמאק, א חזיר'ל, געשמאק?

נישט אלע האבען דא געפרעגעלטע קארטאפעל, ווילט מען אויף א שטיקעל ברויט, מען קאכט אפ „קיפיאטאק" און מען עסט. אפעטיט איז דא - אויף אלע קראנקע געזאגט געווארען!

נאכ'ן עסען, אין קאזארמע איז ווארעם ווי אין א באד. רויך, שווייס און שמאלץ־ריח פון ווארעמ'ס קארטאפעל.

א מידקייט פאלט אן, דער עולם צעלייגט זיך אויף די נארעס. מען צווינגט זיך. רבונו־של־עולם! סאר א ברומעריי, סאר א קלאנגען און טענער! דא זינגט פאר אייך און ברומט קאווקאז און קרים, ארכאנגעלסק און אסטראכאן, מאסקווע און קיעוו.

איינער כאפט זיך ארויס פון די נארעס און לאזט זיך אוועק אין א טענצעל. אפילו דעם וואכנעם געפעלט עס. ער שטייט און קוועלט און ווישט די פארפעצטע וואנסעס די גאנצע צייט.

מיט אמאל לאזט מען זיך זינגען „פא קאמאנדע" דער וואכני גיט א שפרונג אויף דער נארע און נעמט דיריזשירען. מען מוז זינגען, מען מוז... אלע צוזאמען, מען שרייט.. אז וויט אין פעלד גייט אוועק דער געשריי... און פרובט ווער נישט זינגען, בעקומט אין זייט א זעץ — אז אלע זינגען — זינג אויך!

ערגיץ אין א ווינקעל פון קאזארמע האט א סאלדאטעל זיך אויסגעטון אינגאנצען נאקעט און ער זוכט אין די וועש. באלד ט[illegible] אים נאך א צווייטער. ביי א האלבע קאזארמע טון זיך אויס נאקעט.

דורכ'ן שלייער פון רויך לייכטען די נאקעטע קערפער. מען ארבייט און מען זינגט זיך צו דערביי:

—פאימאלו! ניט איינער א געשריי און א געזונטער געלעכטער הילכט אפ פון דער שווערער אקוסטיק.

די פייערלעך וואס ברענען אין קאזארמער זיינען פארנעפעלט און פארוויכערט. אין א ווינקעל ביים סאמע טיר זיצט עפיס א נייער סאלדאט מיט אנ'אינטעליגענטען געזיכט. ער זיצט ביים טיר, כדי ער זאל כאפען א ביסעל פרישע לופט. נעביך, זיך נאך נישט צוגעוויינט צו אזא לעבען.

איך גיי צו און פערפיר א שמוס.

—איך וועל דאָ נישט אויסהאַלטען, בעקלאָגט ער זיך.

—עט! גיב איך אים א קלאפּ אין פּלייצע, איך האָב אויך אַזוי געטראַכט זיך צוגעווינט... וואָס אַ שר א שלעכט לעבען?

איך גיב א קוק: מיין יונגערמאַן וויינט. וויינט מיט אמת'ע טרערען.

— שטילער הערט אויף! בערוהיג איך אים. א גליק וואָס דאָ איז פינסטער. די חיות קאָנען נישט זעהן קיין טרערען.

צוקער.

געווען טעג, וואָס פלעגן פערויסען דעם סאָלדאַט'ס לעבען מיט א שטראַל. דאָס זיינען די טעג, ווען מען האָט בעקומען „זשאַלאָוואַניע". עפּיס א רובל מיט קאָפּיקעס א חודש. אויך דאַן ווען מען פלעגט גיין אין באָד און דער בעסטער טאָג איז געווען, ווען מיר האָבען בעקומען צוקער.

זיבען שטיקלעך אויף א נפש. בעקומען פלעגט מען עס יעדע צען טעג. הייסט עס צוואַנטען א שטיקלעך זיבעציג.

שוין אויפ'ן פעלד ריידען זיך דורך די סאָלדאַטען:

—היינט וועט מען טיילען צוקער. און א זיסער שמייכעל צעגיסט זיך אויף די ליפּען, מען שפּרייזט דאָ אַנדערש היינט, די לערע איז היינט נישט שווער: פאַרנאַכט וועט מען בעקומען צוקער.

מיר קומען צוריק אין קאַזאַרמע, נעבען וואָרנעמ'ס נטלענער שטייט א פערזיגעלטער זאַק, אויף וועלכען מיר אַלע וואַרפען נייגעריגע בליקען.

שפּעטער קומט דער פעלדפעבעל, דער וואָדני מיט די קלענערע נאַטשאַלניקעס. יעדערער קלויבט אוים זיין פּאָרציע. ניט אַלע צינגעלעך

צוקער זײַנען פֿון אײַן גרויס. קלײַבט זיך אויס דער פֿעלדפֿעבעל זיבעציג שטיקלעך, רערנאָך דער וואָרני, דערנאָך די איבריגע נאַטשאַלניקעס. יעדער טאַפּט און ווענט און מעסט יעדעס שטיקעל צוקער באַזונדער, אַזוי אַז די שטיקלעך ווערען ווײַס גראָליך, פֿון גראָ שוואַרצליך...

אײנער פֿון די „דיאַרקעס" רופֿט אויס און יעדער סאָלדאַט קומט צו נאָנט צום זאַק נאָך זײַן פּאָרציע. אַנדערע דינגען זיך, אַנדערע ציילען און קאָנען פֿאַר קײן פֿאַל נישט איבערציילען.

שפּעטער הייבט זיך אָן אַ בעהעלטעניש: יעדערער פֿון די סאָלדאַטען בעהאַלט זײַן ביסעל צוקער, ווײַל אײנער בײם צווײטען גנב'עט. מען פֿערבינט, מען פֿערוויקעלט אײַן דאָס ביסעל זיסקייט אין שמוציגע שמאַטקעס, מען בעגראָבט עס ערגיץ אין קעסטלעך אונטער די נאַרעס.

שפּעטער, בײַ דער מאָליטווא, פֿרעגט דער וואָרני פּעטרענקאָ, צי אַלע האָבען בעקומען צוקער?

—וסיעו! דערלאַנגט אַ דונער די קאַזאַרמע און מען פֿילט זיך אַזוי גוט דערבײַ, ס'איז אַזוי „זיס" אויף דער נשמה,

אויף פּעטרענקאָ'ן געזאָגט געוואָרען.

א טלית.

אין דער הושכ'דיגער קאַזאַרמע, אויף די גראָע טרעפּ לויפען די גראָע שינעלען, יעדערער פון די טיט א ביקס אין דער האַנט, מיט א גלאַנציגען שטיק, מען גייט איף „זאַניאַטיע" זיך לערנען, הייסט עס.

פאַרטאָג, פינסטער, אלע זיינען בייז און אין כעס אויף דער וועלט. מען לויפט פון די טרעפּ. די עלטסטע שרייען און יאָגען: „גיכער!"

עס וואַנדערט, ווי אזוי מענשען צעשטערען איינער דעם צווייטען מיט די שאַרפע שטיקעס, איינער דעם צווייטען טרייסעלט און יאָגט און שעלט...

פּלוצלינג אין הינטערשטען קאָרידאָר, וואו די פינסטע ראָטע שטייט וויגט-זיך א ווייסער טלית.

עס שטייט א מענש, איינגאַנצען איינגעוויקעלט אין א טלית און דאַוונט. דעם קאָפּ פערדעקט און פערשטעלט. ער שטייט און שאָקעלט זיך, שאָקעלט זיך.

די זעלנער לויפען פאַרביי. א סך פון דער ראָטע וויסען שוין ווער דאָס איז. די נייע שטעלען זיך אָפּ און וואונדערן זיך:—סמאָטרי, קטאָ עטאָט?

נאָר דער צווייטער גיט אים א ציה פאַר'ן האַנט:

— לאָז אים צורוה, לאָז אים דאַוונען.

אין דערדאָזיגער ענגשאַפט און שמוץ, אין דער פערשאָלטענער קאַזאַרמע מיט די בייזע מענשען, בין איך גוואַלדיג מקנא אָט דעמדאָזיגען יודען, וואָס שטייט און דאַוונט און ריידט אוים די האַרץ פאַר'ן הימעל.

פאַר'ן הימעל, ווייל מענשען זיינען דאָ נאָך שטומער...

שמיץ.

אויף יענער זייט פֿון דער מענשליכער נשמה, אין די טונקעלע נאכט־שפּאַלטען, וואו עס קליינגט זיך צונויף דאָס שלעכטסטע און בייזטע, וואָס דער מענש פֿערמאָגט, דאָרט וואו דער געדאַנק פֿון פֿערברעכען ווערט געבוירען — אויך דאָרט וויזט אויס, האָט דער קערענדעל פֿון דער מיאוס'ער שטראָף אַרויסגעפּלאַנצט:

שמיץ...

נאָר איך וועל עס דערציילען: אין אַ קאַלטען יאַנואַר טאָג האָט מען אונז פֿריער פֿון אַלעמען אַוועקגעטריבען אין קאַזאַרמע. ס'איז דאָן געווען אַ שרעקליכע פֿראָסט און מיר האָבען געטראַכט, אַז נאַטשאַלסטוואָ האָט רחמנות אויף אונז געקריגען, ווייל עס איז פֿראָסט אונמעגליך געווען צו שטיין אויפ'ן פֿעלד און שרייפֿען דעם ביקס. אין די פֿינגער האָבען טויזענט שפּילקעלעך געשטאָכען און די פֿיס זיינען ווי קלעצער. טעמפּ געוואָרען פֿון קעלט.

נאָר אָט פֿייפֿט מען: „אהיים“ און אַלע אָפּ, מען שטעלט זיך אויף גיך אויס און „איירא!“

אין קאַזאַרמע קומען מיר אַלע אַריין אויפֿגעמונטערטע, אויף די

ברעמסן ליגען נאָך די פראָסט-שניעלעך, ווי עמיצער וואָלט אונז אָפּ-ואַלצען מיט דינינקע שטיקעלעך זאַלץ, מען בלאָזט, מען קלאַפּט זיך האַנט בײַ האַנט ביז מען דערוואַרעמט זיך.

און אין האַרצען איז מען באמת דאַנקבאַר נאַטשאַלסטווא, וואָס האָט אונז אַרויסגעראַטעוועט פון קעלט...

אינדעם עפענט זיך אויף די טיר און עס קומט אַרײַן: דער פּראַפּאָרשטשיק, פּעטרענקאָ מיט דעם קאַנצעלאַריע-בוך און אַ גאַנצע מחנה בענרעלדינגע.

„סמירנאָ!" דערלאַנגט פּעטרענקאָ אַ דונער, מיר שפּרונגען אַלע אויף און ציען זיך אויס.

דעמאָלט עפענט דער פּעלדפעבעל זײַן מײַליכעל און הייבט אָן מיט אַ פּיקפּיש קול: בראַטצי! איך האָב אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון קאַזאַרמע כאָר מען אָהן ערלויבניש נישט אַוועקגיין. אײַערנעכטען איז גאַווריליוק אַוועק אויף אַ גאַנצען טאָג. ס'איז אַ חרפּה צו קריגען שמיץ. ס'איז נישט שוין פאַר דער גאַנצער ראָטע, אָבער „נאַטשאַלסטוואָ"...

ער רופט אַרויס גאַווריליוק'ען, יענער גייט צו אַ בלייכער אָנגע-שראָקענער, אַ פּערציג יעריגער-כאָכאָל. ער שטייט און ריידט נישט קיין וואָרט.

אינדעם טראָגען עטליכע סאָלדאַטען אַרײַן אַ שטרויענעם מאַט-ראַצעל, זיי עפענען די טיר און גייען ווידער אַוועק. אַלע שווייגען און וואַרטען.

באַלד קומט אַרײַן אַ סאָלדאַטעל מיט לאַנגע רויטע הושענות-רוטער. מיר קוקען שווייגענדיגע. דאָס שווייגען איז שרעקליך. שקלאַפערײַ, צאָרן און מאַכטלאָזיגקייט, אַלץ מישט זיך צונויף אין אונז.

פּעטרענקאָ רופט אָן צוויי נעמען. זיי גייען אַרויס. צוויי יונגע שקצים, געזונטע תּלינים, זיי מאַכען זיך, אַז זיי ווילען נישט, נאָר דער עולם קאָן שוין די אורחים. דאָס זײַנען צוויי סאָלדאַטען, וואָס רייבען זיך אויף אונטער-אָפיצירען.

דער פער'משפּט'ער לייגט זיך ווי אַ שעפּסעלע און די סאָלדאַטען דעקען אים אָפּ.

די ריטער נעמען פּייפען, אַזעלכע רויטע ריטער, לאַנגע ווי שלאַנגען.

שוין בײַ דעם דריטען שמיץ נעמט דער סאָלדאַט שרײַען:

—אוי, מער װעל איך נישט, מער װעל איך נישט", פּונקט, װי אַ קלײן יונגעל אין חדר אַמאָל.

עס װערט מיר שרעקליך צו קוקען איך דרײ אָפּ דעם קאָפּ, נאָט אָט כאַפּט מיר פּעטרענקאָ פאַר'ן קאַרג:

—קוק, זשידו!

און איך קוק, איך זעה אַ צעקאַטעװעטען מענשען ליגענדיג אויף דר'ערד. אַלץ װאָס איז הײליג געװען און טײער װערט אין דער רגע מיאוס און איך שילט אינערליך די גאַנצע װעלט.

נאַטשאַלסטװאָ האָט ערפילט איר חוב און זײ טראָגען זיך אָפּ. פּעט-רענקאָ מיט'ן פּראָפּאָרטשיק, די סאָלדאַטען צעקריכען אין די װינקעלעך, פון דר'ערד הײבט זיך אויף דער קרבן, פאַרשפּילעט זיך און פון די אויגען פאַלען גרויסע טרערען.

איך קוק אים אָן, איך װאָלט װעלען צולויפען אים זאָגען אַ טרײסט-װאָרט, נאָר די מויל מײנע איז װי פערגלימערט געװאָרען. איך בין אין דעם שטום געװאָרען, נישט געקענט אַ װאָרט אויסרײדען, נאָר אינװײניג האָט אײן קללה געשאָלטען דער צװײטער.

שפּעטער אַבּיסעל האָב איך געזעהן דעם קרבן שטײענדיג מיט אַ געװעמעל װעלנער אין קאָרידאָר. זײ האָבען גערײדט מיט אים װעגען עפּיס. איך האָב נישט געהערט װאָס, װײל איך אין דעם דאָזיגען טאָג בין טויב געװען צו אַלץ און צו אַלעמען, נאָר אײנס האָב איך געזעהן: די סאָלדאַטען האָבען געטײלט פּאַפּיראָסען דעם געשמיסענעם.

און אַבּיסעל נאָך שפּעטער זײנען זײ שוין אַלע געזעסען אויף די נאַרעס און געזונגען. זײ האָבען אַלע פערגעסען אי די שמיץ, אי דעם בײזען זװאָרנעם. יעדער פון די מענשען האָט געבראַכט פון זײן הײם, װײב און קינדער. דער געשמיסענער איז ערגיץ פערקראָכען אין אַ װינ-קעל. איך האָב אים געזוכט מיט די אויגען און נישט געזעהן מער, װאַרנאָך איז ער מיר אינגאַנצען פערשװוּנדען געװאָרען אין דעם גראָען מיש-מאַש פון אונזער קאַזאַרמע.

מען האָט נאָך אַ סך מאָל געשמיסען, נאָר איך בין שוין דערבײַ מער נישט געװען: איך פלעג עס זיך פריער דערװיסען בײַם קאַנצעלאַריע-שרײַבער און שטענדיג זיך סטאַרען אַרויסצודרײען פון דער שרעקלי-

בער פֿאָרשטעלונג.

די מערדער ווייסען די ווירקונג פֿון אַזאַ שטראָף. עס האָט אַלע־מען אָנגעשראָקען. די קאַזאַרמע איז געוואָרען געהאָרכזאַם ווי אַ קינד. קיינער פֿלעגט שוין איצטער נישט אַנטלויפֿען אָהן אַ ערלויבניש אין שטעדטעל אַריין. נאָר דערפֿאַר האָט אין יעדער ווינקעלע געלויערט די בייזקייט, דער שווייגענדיגער האַס, צוין פֿלעגען קריצען, נאָר אין דער שטיל, אין דער שטיל.

פון רוסלאַנד

„זשידי, מאָליסו!"

דעם ערב ראש-השנה האָבען מיר אַלע געוואַרט מיט'ן גרעסטען אומגעדולד, עס האָט זיך געוואָלט זיין אַביסעל אין שטעדטעל. מיר האָבען געהאַט האָפנונג, אַז מען וועט אונז אָפּבלאָזען, נאָר עס איז אַוועק דער ערשטער טאָג פון יום טוב, עס איז אַוועק דער צווייטער טאָג און מיר זיינען געבליבען אין קאַזאַרמע. מען האָט אונז געיאָגט ווי אַלע טאָג, די זון אַרום האָט העל געלויכטען, די סטעפּ איז נאָך גרין געווען, פון ווייטען האָבען מיר געזעהן דאָס שטעדטעל, געזעהן האָבען מיר פיל רויכעלעך איבער די הייזער און עס האָט געקלעמט די נשמה און אין כעס איז מען געווען אויף דער גאַנצער וועלט און מער פאַר אַלעמען אויף דעם וואָדנעם, דעם אכת'ען מושל פון דער וועלט. נאָך מער עגמות-נפש האָבען מיר געהאַט, ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז פון אַנדערע ראָטעס האָט מען די יודישע סאָלדאַטען יאָ אָפּגעלאָזען. בלויז אונזער „קאָמאַרישנע נאַטשאַלסטוואָ", דער פּראַפּאָרטשיק טוואַרדאַכליעבאָוו מיטן מערדער פּעלדפעבעל דראָם האָבען בעשלאָסען, אַז מען קאָן לעבען אָהן דער „זשיראָווסקע מאָליטווע".

נאָכ'ן ראש-השנה האָבען מיר גענומען וואַרטען און לייגען האָפנונג

אויף יום-כפור. אויף יום-כפור וועט מען אונז דאָך געוויס אָפּלאָזען אין אויף דעם טאָג האָבען מיר טאַקי געוואַרט ווי אויף אַ שמחת-תורה.

ערב יום-כפור, נאָך מיטאָג, די ראָטע טאַנצט אויפ'ן פעלד, איינציגווייז לויפען די סאָלדאַטען צו דער „טשוטשעלע" און שטעכען דורך מיט'ן באַגנעט דעם שטרויענעם גולם. די תורה גייט מיט'ן גאַנצען אימפעט, דער זוואָר פאַלט אויף דר'ערד און שיסט, דער צווייטער זוואָר לויפט אָהן אָטעם, פונקט ווי דער שונא וואָלט דאָ טאַקי נאָנט געווען. מיר, די יודישע סאָלדאַטען, טאַנצען מיט אַלעמען צוגלייך, נאָר אויפ'ן הארצען איז היינט עפּעס אַנדערש חי אַ מאָל... מיר קוקען אַלץ צו דער זייט פון שטעדטעל, יעדער סאָלדאַט וואָס קומט פון דאָרטען אָן, בעטראַכטען מיר מיט גרויס נייגעריגקייט: טאָמער האָט ער געבראַכט פון דער קאַנצעלאַריע דאָס שטיקעל פּאַפּיר, אַז מען זאָל אונז שוין בעפרייען אויף דעם מעת-לעת... נאָר אַ נעכטיגער טאָג! עס איז שוין גוט פינסטער געוואָרען און מען טרייבט צוריק אין קאַזאַרמע און דאָרטען נאָך וועטשערע די „מאָליטווע" מיט'ן „באָזשיע צאַריאַ כראַני", אַזוי ווי אַלע מאָל אין שלאָפען געגאַנגען. עס איז אונז געווען יודישע סאָלדאַטען, גענוג, יום-כפור'דיג אויפ'ן הארצען אין דער דאָזיגער נאַכט. אויף מאָרגען זיינען מיר ווידער געגאַנגען אויפ'ן פּלאַץ זיך לערנען, מיר האָבען זיך שוין מיאש געווען, מען זאָל אונז אויפ'ן היינטיגען טאָג פריי-לאָזען, מיט-אַ-מאָל נעמט פעטרענקאָ שרייען, אַז אַלע יודען זאָלען צו גיין צו אים... מיר האָבען זיך צונויפגעקליבען ער האָט אונז געזאָגט אַ שטיקעל מוסר און אונז אָנגעזאָגט סוף-כל-סוף די שמחה, אַז מיר גייען דאַווענען נאָר פריער מוז אים איינער פון אינז עפּעס זינגען פון דער „זשיראָוואָקע מאָליטווע". אַלע האָבען זיך ענטזאָגט: קיינער קאָן נישט זינגען פון אונז. מיט-אַ-מאָל שפּרינגט אַרויס עפּעס אַ סאָלדאַטעל און נעמט זינגען פון כל נדרי פאַר'ן וואָרנעם... די איבעריגע כלבים האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום אונז. דער נפש זינגט און נאַטשאַלסטוואָ לאַכט.

דערנאָך גיט אונז פעטרענקאָ אַ בעגלייטער, איינער פון די ערגסטע יעפרעיטערס און געלויבט איז גאָט מיר האָבען שוין דערהערט דעם געוואונטשענעם „מאַרש!".

דער המן, וואָס האָט אונז געפירט אין שול אַריין דאַווענען האָט דעם גאַנצען וועג פון אונז געלאַכט און חוזק געמאַכט. אָט בעגעגענט אים

סאָלדאַטיק און שרייט צו אים פון טראָטואַר:

— וואוהין פירסטו זיי, די זשידעס?...

— דאַוונען האָט זיך זיי פערוואָלט. ענפערט אונזער בעגלייטער... דאַוונען, און לערנען ווילט זיך זיי נישט. נאָר ווער הערט אים? מיר האָבען זיך אַרויסגעריסען אויף עטליכע שעה פון קאַזאַרמע און דאָס איז דאָס גרעסטע גליק. מיר קוקען זיך אָן, בעת דער יעפרעיטאָר לאַכט פון אונז און ביי איינעם פון אונז רייסט זיך שנעל נאָר פעסט אַרויס: „פאָניע קוואָס."

„פאָניע קוואָס", אין דער פראַזע פלעגען מיר שטענדיג געפונען אַ שטיקעל טרייסט. עס פלעגט טרעפען דער שוויים גיסט זיך פון אונז, שוין נישטאָ קיין כח צו לויפען און פעטרענקאָ צי אַ צווייטער כלב יאָגט אָהן אַנ׳אויפהער, נאָר גלייך ווי מען פלעגט זיך אָפּרוען, גלייך ווי צווייי יודישע פנים׳ער בעגעגנען זיך, האָט זיך גענומט ביי איינעם פון זיי אַרויסרייסען: „פאָניע קוואָס" „אוי פאָניע קוואָס". עס פלעגט ווערען לייכטער אויפן האַרצען פון אָט דער איינציגער פראַזע.

מיר שפּרייזען דורך די יודישע געסלעך פון דער דרום-שטאָדט. ליידיגע הייזלעך און פריזבעס: אַלע זיינען אוועק דאַוונען. ערגעץ גייט דורך אַ יודעל מיט בלייכע ליפען און איינגעפאַלענע אויגען. מיר גייען צו דער שול.

און אונזער קאָמאַנדיר שרייט אַלץ:

— די רעכטע פלייצע פאָראויס, שאַגאָם מאַרש! מיר זיינען שוין אין שול-געסעל, מיר זיינען שוין ביי דער שול און יענער שרייט אַלץ: „ראַז דוואַ... ראַז דוואַ!

קינדער מיט מחזורים׳לעך, לויפען אַרויס פון שול און קוקען אונז אָן. פאַרוואָס בעפעלט ער אונז ניט זיך אָפּצושטעלען? מיר זיינען דאָך שוין אויף דער שוועל פון שול. עטליכע פון אונז זיינען שוין אַריין אינע-ווייניג און ער הערט נישט אויף:

— ראַז, דוואַ, ראַז, דוואַ!

מיר האָבען שוין דערזעהן, די גרויסע וועקסענע ליכט, די יודען אין די קיטלען און טלתים, אַזוי פיל עראַינערונגען זיינען אָנגעלאָפען, און אין די אויערען קלינגט נאָך אַלץ די קאָמאַנדע פון דעם גראָבען כאַם.

נאָר מיר זענען שוין כמעט אינעווייניג אין שול, מיר שטויסען

זיך אָן אָן די סטענדערס, ערשט דעמאָלט דערהערט זיך זיין בעפעל:
— זהאַד, סטאָי!
מיר גיבען אַ קלאַפּ מיט די פיס אין שול, די יודען רייסען זיך אָפּ פון די מחזורים און קוקען אויף אונז אין באַלד עדריגט, ער דער יעפרעיטאָר, די קאָמאַנדע מיט אַ...
— זשידי, מאָלים!
דעם „זשידי" ציט ער זייער לאַנג, ווי אַ תקיעה און דעם „מאָלים" זאָגט ער אַרוים זייער געשווינד.
מיר צעשיטען זיך איבער'ן שול, בעלי־הבתּים האָבען רחמנות און רופען צו, מען דערלאַנגט אונז מחזורים פון אַלע זייטען.
מיר דאַווענען...
און אונזער אויפזעהער קומט פון צייט צו צייט, רוקט אַריין דעם קאָפּ אין שול און קוקט, צי מיר ערפילען אונזער חיב — עס גייט אים אין לעבען.

„קריטשי אוראַ!"

איינמאָל ביינאַכט, שוין נאָך דער „פּראָווירקע", בעת אַלע סאָלדאַטען זיינען שוין געלעגען אויף די נאַרעס און עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען די כראָפּעריי, אָ, מען האָט בעדאַרפט וויסען אונזערע נאַכט־סימפאָניעס. אַלע טענער באַסען און אַלטען, אַ בין־זשושעריי, אַ ברומעריי, אַז גאָט זאָל אָפּהיטען.

און מיט־אַ־מאָל אַ קרעכץ, אַ קללה אינמיטען נאַכט פון אַנ׳אויסגעפייניגטע נשמה.

און אין קאָרידאָר קלאַפּען די טריט פון „נאָטשנאָי" איינס צוויי, איינס צוויי... גליקליך זיינען די, וואָס שלאָפען, אָבער דער, וואָס קאָן נישט שלאָפען! סאַר אַ בענקשאַפט עס וועקט זיך אויף אין אַזאַ נאַכט.

ס׳איז שוין געווען נאָך דער „פּראָווירקע", נאָכ׳ן לעצטען פיין פון טאָג.

מיט אַ שעה צוריק זיינען מיר אַלע געשטאַנען, אויסגעשטעלט אין צוויי און געזונגען. דערנאָך האָט פעטרענקאָ אונז געגומען זאָגען מוסר, לייענען מאָראַל:

— דו האָסט היינט ביטאָג צופיל געפינטעלט מיט׳ן אויג.

— דו האָסט שלעכט אָפּגעגעבן משעסט.
— דו האָסט אינמיטען „סמירנאָ" אַ הוסט געטון.
— דו ביסט שלעכט געגאַנגען „ווגאָנו"

און נאָך און נאָך אַזעלכע זינד.

און צו איינעם פון אונזערע, וועלכער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ און אַ בלייכען פּנים, האָט ער אַ געשריי געטון:

— וואָס שטייסטו, ווי אַ פּגר? אַ סאָלדאַט ביסטו! אַ באַבע...

— איך בין קראַנק, האָט דער סאָלדאַטעל זיך אָפּגערופען.

— קראַנק? און אַ פּאָר ווילדע אויגען האָבען ווי צוויי בייזע פייערען זיך אָנגעצונדען אויף דעם קראַנקען. — קראַנק? איך וועל אייך אַלעמען מאַכען געזונט. ביי מיר איז נישטאָ קיין „קראַנק זיין". מען האָט מיר געגעבען אַ פּאָר הענט מיט אַ פּאָר פיס און איך וועל פון דיר אַ סאָלדאַט מאַכען... האָז ווערסט נישט קענען דערהרג'ענען, אָבער דערהרג'ט ווערען ווערסטו קענען און דאָס איז אויך גענוג...

און עס איז אַוועק אַ ליטער מיט קללות. אַט אַזוי יעדע נאַכט. פּעטרענקאָ האָט גאָר אַנדערש שלאָפען נישט געקאָנט גיין.

עס איז געווען נאָך אַ נאַטשאַלניק ביי אונז: מלאָדשי אונטער אָפיציר פּילין. נישט קיין שלעכטער מענש, נאָר אַ גרויסער שכור, אויף אמת'ען בראָנפען האָט ער קיין געלט נישט געהאַט, פלעגט ער זופען דעניאַטוראַט. וואָס מער ער האָט געטרונקען אַלץ ווילדער איז ער גע־וואָרען, דער מארך האָט זיך ביי אים ביסלעכווייז געדירט.

אין דער דאָזיגער נאַכט זיינען אַלע נאַטשאַלניקעס ערגיץ אַוועק טרינקען און צוריק איז געקומען בלויז איין פּילין, דער אונטער אָפיציר. ער איז אַריין אין קאַזאַרמע און גענומען שרייען:

— וסטאַן, סוואָלאַטש, וסטאַן!

ער האָט אויפגעוועקט די גאַנצע ראָטע. נאַקעטע האָבען זיך די סאָלדאַטען אויפגעשטעלט אויף די נאַרעס און אָנגעקוקט דעם צעווילדעטען פּילין.

און ער איז אַוועק זידלען און שילטען:

— דער דייטש האָט בעפאַלען אונזער קאַזאַרמע און איר שלאָפט גאָר, ראָזבאָיניקעס, צו די ביקסען, צום געווער.

ווער דייטש? וואו דייטש? מיר זיינען צוויי טויזענט וויאָרסט פון

דייטש. עטליכע סאָלדאַטען האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט, האָט זיך פּי־לין אויף זיי געוואָרפען שלאָגען.

דערנאָך איז אים אין זיין צעהיצטען מוח איינגעפאַלען אַ נייער געדאַנק: דער דייטש איז שוין נישטאָ, מען האָט אים שוין בעזיגט, דעריבער שרייט „הורא" שרייט אַלע: „הורא".

נישט אַלע סאָלדאַטען האָבען געוואָלט פאָלגען דעם שכור'ען פּילין, נאָר אַ סך האָבען דאָך גענומען שרייען: „אורא". מיט שרעקעדיגע פאַר־שלאָפענע שטימען: „אורא" „אורא".

און ווער וויס, ווי לאַנג די נאַכט־משוגעת וואָלט געדויערט, ווען נישט פּעטרענקאָ מיט זיינע חברים וואָלטען נישט אָנגעקומען. יענע זיינען אויך געוועזן שכור, נאָר אין קאַזאַרמע איז פּעטרענקאָ באַלד ניכטער געוואָרען און ער האָט געמאַכט אָרדנונג אויגענבליק...

מיין קישען.

דער רב פון שטעדטעל האָט מיר געשיקט אַ קישען מיט אַ ווייסען ציכעל און עטליכע טעג האָט עס געלויכטען אויף די נאַרעס, ווי אַ בערגעלע פערבליבענע שניי אויף דער שוואַרצער ערד.

נאָר ווייניג נחת האָב איך געהאַט פון רב׳ס מתנה. די קישען איז געוואָרען אַ קהל׳שע, ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט אָנגעשפּאַרט אויף איר זיין קאָפּ. יעדען טאָג פלעגט זי פערפאַלען ווערען און איך פלעג זיך לאָזען עס זוכען איבער די נאַרעס. כּל זמן די קישען איז ווייס געווען, האָב איך עס לייכט געקענט געפינען, און עטליכע טעג אַרום און שפּעטער איז זי געוואָרען גראָ-ברודיג, שוואַרץ, ווי די קאַזאַרמע, ווי אונזער לעבען און איך האָב געהאַט אַנ׳אַרבייט: אונטער יעדענס קאָפּ צו זוכען מיין קישען.

אין ברוד און שמוץ איז זי אַרומגעשוואומען.

די שמוץ ביי אונז איז געווען אַ שרעקליכע. קומענדיג אין קאַזאַרמע, האָב איך זיך צום ערשטען נאָך געפּרובט אַרומוואַשען, אויסרייניגען די נעגעל, שפּעטער איז עס אַלץ שווערער געוואָרען און די בלאָטע האָט גענומען וואַקסען פּלאַסטענווייז.

וואַשען...

אויפ׳ן [illegible] הויף פון קאַזאַרמע זיינען געשטאַנען פעסער מיט וואַסער, נאָר אָנשטאָט אָנצושעפּען וואַסער מיט אַ קענדעל, פלעגט יעדער פון די סאָלדאַטען אַריינרוקען דעם קאָפּ אין פאַס און שווינקען, שווינקען איך פלעג פון אַזאַ וואַסער אַנטלויפען...

מען האָט עס געפּרובט פערווערען, דער זוואָדני האָט אָנגעזאָגט, אַז מען וועט כאַפּען וואַשענדיג זיך אין פאַס, וועט מען אַריינגיסען אַ קענדעל וואַסער אין קאַרג אַריין, אויפ׳ן פראָסט...

נאָר דאָס האָט אויך נישט געהאָלפען...

יאָ, וועגען מיין קישען; שפּעטער ווען די פריהייט איז געקומען, פלעג איך שוין גיין שלאָפען אין שטעדטעל אין אַ האָטעל און דאָס קישען האָב איך אָפּגעגעבען צוריק דעם רב, נאָר דאָרט האָט מען עס אַרויסגעוואָרפען אין פאָרהויז און עס האָט זיך אַזוי געוואַלגערט אַ שטיק שוואַרצער ברוד...

ביים רב האָבען זיי געזאָגט, אַז פריער, ווי אַ יאָר וועלען זיי זיך צו דעם נישט צו רירען.

עס לעבע די בינע.

קוקענדיג אויף מײן געגאַלטע װאָנסען, האָט אײנמאָל דער פּראָ־פּאַרטשיק איסיראָװ בײ מיר אַ פרעג געטאָן:

— דו ביזט אַנ׳אַקטיאָר?

איך האָב געװאוסט די שװאַכקײט פון די אָפיצירען צו אַלע מיני אַקטיאָרען, האָב איך געענטפערט:

— יאָ!

— אויף װעלכער בינע האָסטו געשפּילט?

— אויף דער פּױלישער. אין װאַרשע, האָב איך כּסדר געזאָגט ליגען.

האָט מיר פּראַפּאָרטשיק, איסיראָװ, אויפגעהערט צו זאָגען „דו" און ער האָט מיר אויפגעגעבען אַזאַ פּלאַן:

אין פּאָלק, אָדער אַרום פּאָלק האָט זיך געגרינדעט אַ ליבהאָבער־טרופּע, זײ װעלען אינגיכען פאָרשטעלען אַ דראַמע, זאָל איך אויך אָנ־טײל נעמען.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אָפיציעל צוגעשריבען געװאָ־רען צו דער דראַמאַטישער־גרופּע בײ אונזער פּאָלק.

איך האָב גענומען אויף רעפּעטיציעס... און סוף־כּל־סוף דאַכט זיך מיר, אַז יעדער מענש קאָן שפּילען אין לעבען. אַ בעװײז בין איך אַלײן געװען...

איך פלעג געבען עצות בײם רעפּעטירען און נישט אָנהײבענדיג נאָך מײן ראָל, האָב איך זײ אַ צײט געפּרײערט. אפשר װאָלט איך שפּעטער דורכגעפאַלען, נאָר דערװײל האָט זיך אָנגערוקט אַ בײזער באַ־טאַליאָן־קאָמאַנדיר און דערזעהענדיג אַזױ פיל אַקטיאָרען, האָט ער אונז אַלעמען צעיאָגט צוריק אין קאַזאַרמע...

— אויפ׳ן פראָנט װעט איר בײ מיר שפּילען, אַזױ האָט ער גע־שריגען און די סאָלדאַטען, האָבען זיך אַ צײט גערײצט מיט מיר, גענער־גערט מיך מיט דעם טיטול:

— „אַקטיאָר!"

איז נישט באַשערט געװען.

ברויט.

שוואַרצע לאַבּענס ברויט, ווי ציגעל קאַנטיגע, ווי שטיינער פון אַנ׳אַלטע קאַבּאַקאָמבע, שווערע הייסע לאַבּענס ברויט. יעדע דריי טעג פלעגט מען אונז טרייבּען אין בעקעריי און אַריינגייענדיג פלעגט דער ריח פון פריש-געבּאַקענעם ברויט אונז דעם אָטעם פערכאַפּען און טויזענטער שוואַרצע גרילען-פּרוסאַקעס האָבּען געגרילט און געענבערט די לופט...

— וויין די הענט! שרייט דער טיילער.

איך שטעל אָן ביידע הענט און בעקום פיר שווערע ציגעל. דאָס איז להם פּאַר מיין אָבטיילונג אויף דריי טעג.

איך לויף מיט׳ן ברויט אין קאַזאַרמע. אויפ׳ן וועג באַגעגענט מיך אַ גרופּע, וואָס בעדאַרף נאָך בעקומען ברויט, נאָר זיי קאָנען זיך נישט איינהאַלטען, עס ווילט זיך פרעסען, רייסט מען שטיקער פון מיין ברויט און מען לויפט וויטער.

און אַ גאַנצען טאָג פרעסט מען דעם שוואַרצען ברויט. עס איז געשמאַק פרישערהייט. אַ ביסעל קיפּיאַטאָק מיט אַ שטיק ברויט און דו פערגעסט אָן דער גאַנצער וועלט.

גראָב און פּראָסט און איינפאַך, ווי די ערד אַליין, ווי די הונדערטער לעבּענס, וואָס ליגען דאָ אויף די נאַרעס און שלאָפען און פאַלגען יעדער וואונק פון ווילדען זוואָרנעס.

שוואַרצער ברויט...

עמיצער ליגט דאָרט אין אַ ווינקעל, אויפגעקאָרטשעט אין פרייען, די האַנט אונטער׳ן קאָפּ און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ שטיק ברויט און זשועט, און זשועט ווי אַ חיה, ווי אַ פערד זיין האָבער, ווי אַ קוה — גראָז...

און מיט אַמאָל דערמאָנט מען זיך: היים, פריינד, ליכט, ריינקייט און דער שוואַרצער, געשמאַקער ביסען ברויט שטעלט זיך דיר אין האַלז און טרערען לויפען אָן אין די אויגען...

די „באַסע קאָמאַנדע".

גיין אויפ'ן פּלאַץ האָט קיינער נישט געוואָלט און מען האָט געמוזט מיטלען, ווי פּטור צו ווערען פון דעם. נישט אָנזען אַ טאָג פּעטרענקאָן, אַ שעה און אַפילו צען מינוט איז געווען אַ גרויסער געווינס.

ווען עמיצער פלעגט קראַנק ווערען אויף אַ שווערערע קרענק און מען פלעגט אים אין שפּיטאָל אַוועקפירען, האָבען די איבעריגע געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ גליקליכען, מען האָט אים נישט פערגונען.

פּונקט, ווי חיות אַנטלויפען פון זייערע פּייניגער, בעת מען דרעסירט זיי, אַזוי האָבען מיר זיך געסטאַרעט בעהאַלטען פון אונזערע דרעסירער.

פאַר אַ סך סאָלדאַטען האָט דאָן קיין שטיוועל נישט געסטייעט און וואָס איז אַ סאָלדאַט אָהן שטיוועל? אַלץ איינס, ווי אַ מענש אָהן אַ קאָפּ. עס איז געווען ווינטער... גיין אויפ'ן פּלאַץ מיט צעריסענע שטיוועל איז געוואָרען אונמעגליך, האָט נאַטשאַלסטוואָ ערלויבט, די וואָס האָבען נישט קיין שטיוועל זאָלען בלייבען אין קאַזאַרמע.

האָבען חברה־סאָלדאַטען גענומען רייסען די שטיוועל, די פּאָרעשוועס און עס האָט געהאַלטען, אַז די גאַנצע ראָטע זאָל ווערן אַ „באָסע קאָמאַנדע".

האָט פּעטרענקאָ געשריגען און דראָם האָט געפּאַטשט און די בארוויסע האָט מען גענומען געבען ווייניגער צו עסען.

און אַלע האָבען זיי געזידעלט מיט'ן „באָסע קאָמאַנדע". דאָן האָבען זיי אַליין גענומען פערנייען, פערליכטען די שטיוועל זייערע, אַבי צו בעקומען דעם „פּרעס"...

נישט לערנען זיך אויפ'ן פּלאַץ, אויסמיידען פּעטרענקאָן איז טאַקי אַ גוטע זאַך, אָבער עסען...

אַ סאָלדאַט אָהן עסען, דאָס איז דאָך, ווי אַ ביקס אָהן קוילען...

„סלאָוועסנאָסט"

„סלאָוועסנאָסט" איז די טעאָריע פֿון זעלנעריי. דעם טאָג, וואָס מען פֿלעגט זיך פֿערנעמען בײַ אונז מיט דער טעאָריע, אַזאַ טאָג איז געווען אַ גיהנם. אַ צענדליג סאָלדאַטען פֿלעגען דאַן גיין שלאָפֿען מיט אונטערגעקלאַפּטע אויגען, מיט געשוואָלענע באַקען, שוין נישט רעכענענ־דיג אַנדערע טרוקענע קלעפּ.

עס הייבט זיך אָן:

— שעוטשוק!

שעוטשוק גיט אַ שפּרינג אויף, ציט זיך אויס, הייבט אויף די האַנט אונטערן קאָזירעק און גלאָצט און פּינטעלט מיט די אייגען.

— זאָג מיר, קראַסאָווטשיק מיינער, — טשאָ טאַקאָיע דיסציפּלינאַ?

בײַ שעוטשוק'ן נעמט די אונטערשטע ליפּ טאַנצען איבער דער אויבערשטער און די אויבערשטע ליפּ טאַנצט איבער דער אונטערשטער און עס קומט אַרויס בײַ אים, איין קלאַנג, אַנדערטהאַלבען קלאַנגען, נישט מער:

— פּלינאַ, פּלינאַ... פּלי...

ער בעקומט מיט א פויסט אונטער די ציין און די ליפען זיינע שטעלען זיך אפ, בלויז די אויגען פינטלען דערשראקען.

הייבט זיך אן די זעלבע סצענע מיט א צווייטען, מיט א דריטען און עס ענדיגט זיך מיט'ן זעלבען פויסט.

אלע ווארטען אין איין שרעק: טאמער וועט דעם זוואָרנעמס אויגען פאלען אויף אים און דאן וועט ער אויך פערזוכען זיין קולאק.

— באנדורא.

— יא...

— זאג, מיר טייערער באנדורא, ווי הייסט דיין גאסודאר אימפעראטאר?

— מיין גאסודאר אימפעראטאר, חור'ט מיט גרויס פרישקייט אויבער באנדורא, מיין גאסודאר אימפעראטאר? מיין גאסודאר אימפער...

שטעלט ער זיך אפ אויף א רגע, כאפט אטעם און נעמט ווייטער מאלען: „מיין גאסודאר אימפעראטאר"...

פלוצלונג ווערען ביי אים די אויגען פול מיט פרייד: ער האט געפאקט:

— מיין גאסודאר אימפעראטאר הייסט אלעקסאנדרא פיאדראווגא... ווערט א געלעכטער.

— סמירנא, שטיל... גיט דער זוואָדני א געשריי. — מען טאר נישט לאכען ביי די ווערטער אלעקסאנדרא פיאדראווגא.

און דער עקזאטען הייבט זיך אן אויף א נייעם אופן:

— נו, גוט באנדורא! איב דיין גאסודאר אימפעראטאר הייסט אלעקסאנדרא פיאדראווגא, טא ווי רופט מען דיין גאסודאריניע אימפעראטריצע?

פערשטייט שוין דאך באנדורא זיין טעות און ער פעריכט אים. טקאטשענקא!

— יא! גיט א קוויטש א דינער קול.

— צע שטשא טאקע, פרעגט ער ביי אים און ווייזט אים אן אויף א ביקס.

— צע מאיא זשינא, דאס איז מיין ווייב ענטפערט טקאטשענקא...

און דא לאזט מען זיך שוין לאכען, און דער זוואָרני פירט ארום

טקאַטשענקאָן איבער אַלע זוואָרען און דער חכם חור׳ט אַלץ:

— צע מאָיאַ זשינאַ...

עס איז אים אַזוי אַריין אין קאָפּ, ער מיינט, אַז דאָס איז זעהר קלוג:

— מאָיאַ זשינאַ און מאָיאַ זשינאַ...

די ראָטע לאַכט און פרייט זיך, וואָס צוליב טקאַטשענקאָן פרעגט מען דערווייל אַ צווייטע נישט.

פעברואר 1917.

דאָס איז געװען אַ שװערער חודש אין קאַזאַרמע. די „גאַטשאַל־סטװאָ" איז בײז געװען און פערדעלטיג, אין דער לופט האָט זיך שױן געטראָגען דער עכאָ פון װײטען דונער, װעלכער איז אַלץ נענטער און נענטער געװאָרען.

ליגענדיג אין די פרײען שעה'ען אױף די נאַרעס האָבען די סאָל־דאַטען אײנער דעם צװײטען איבערגעגעבען מאָדנע נײעסען:

— אין פעטערבורג...

— עפּעס אַ ראַספּוטין...

— עפּעס די גאָסודאַרסטװענאַיאַ דומאַ...

און מיכאַילאָװ, אַן'עלטערער סאָלדאַט מיט אַ גרױסע פּערװאָק־סענע באָרד, אַ סטאַראָװער־ראַדעץ, אַ פּאָליטיקער איז אַרײנגעגאַנגען און געװאָרפען געהײמע פראַזען:

— ער װעט נישט אױסהאַלטען, ער װעט אַראָפּפאַליען פון טראָן און דאַן װעט נעמען אַ סוף צו אַלע צרות.

און אַז מיכאַילאָװ רעדט, הערט מען זיך אײן.

מיכאַילאָװ איז ערגיץ פון װײט רוסלאַנד, שטענדיג פאַסט ער,

עסט קיין פלייש נישט, זיצט שעה'ען און שווייגט און רעדט אַפּט צו זיך אַליין, אַ פרומער אַ געהיימער מענש, לעבט מיט אַלעמען שלום, העלפט די יונגע סאָלדאַטען.

— זיי האָבען אַלע פערזינדיגט, דער קייזער, די גרויספירסטעז, אַלע, אַלע האָבען געזינדיגט און איצט וועלען זיי פאַר אַלץ בעצאָלען.

מען פלעגט זיך פאַרזיכטיג אַרומקוקען, ווען דער באָרדיגער מי-כאַילאָוו פלעגט ריידען: דער וואָדני זאָל נישט הערען, אַ מסור זאָל נישט אַרויסגעבען.

און מען איז געגאַנגען אויפ'ן פּלאַץ זיך לערנען, ווי אַלע מאָל און נאָך מיט מער שטריינגקייט פלעגט מען אונז יאָגען און האַלטען אויפ'ן אויג.

פאַר יעדע קליינע זינד האָט מען געשמיסען און אונטערן ביקס געשטעלט, די סאָלדאַטען האָבען געשוויגען און געפּאָלגט און אַלץ גע-קוקט אין דער ווייט צום וואָקזאַל צו, צו דער ווייטער וועלט...

מען האָט זיך אויף עפּעס געריכט... צוזאַמען מיט'ן וואַרעמען סוף-ווינטער ווינטעל איז עפּעס אָנגעקומען אַ קליינע, קוים פילענדע האָ-פענונג און מען האָט געוואַרט און נאָכגעפרעגט בײַ יעדער נײַ-אָנגעקומענעם:

— וואָס הערט זיך אין פעטערבורג?

— וואָס הערט זיך אין קיעוו? אין כאַרקאָוו?

— וואָס זאָגט דער פראָנט?

עס איז געקומען דער סוף חורש. די אָפיצירען האָבען זיך ווייני-גער געוויזען אין קאַזאַרמע, בײַ פעטרענקאָן אין קיל האָבען זיך דערהערט נײַע טענער. ער האָט נאָך אַלץ געיאָגט און געשריגען, נאָר ער האָט שוין אויך געקוקט צו דער זייט פון וואָקזאַל און אָפט מאָל פלעגט ער אינמיטען שרייען ווייכער ווערען.

שוין אַוועק פעברואַר, שוין דער ערשטער מערץ.

האַ!...

אַלע אויערען האָבען זיך אָנגעשטעלט. וואָס דערציילען די נײַ-אָנגעקומענע. אין פעטערבורג איז אַ רעוואָלוציע...

„ראַספּוטין דערהר'געט"... „די סאָלדאַטען גייען צוזאַמען מיט'ן פאָלק". „ניקאָלאַי לויפט אַרום פון איין אָרט צום צווייטען"...

— סמירנאָ! פעטרענקאָ האָט בעמערקט, אז די סאָלדאַטען שושקען זיך עפּעס גרופּענוויז און זיין אַלטע מאַכט האָט זיך אים דערמאַנט.

— סמירנאָ!

און מיר אַלע האָבען זיך אויסגעצויגען, ווי סטרונעס, מיר פאָלגען די קאָמאַנדע, מיר גייען נאָך היינט בעסער, ווי אלע מאָל, מיר טאַנצען, מיר שפּרינגען — אַלץ וואָס פעטרענקאָ הייסט, אַלץ פאָלגען מיר.

נאָר אונטער'ן שינעל האָט די האַרץ עפּעס אַזוינס דערפילט, וואָס לאָזט נישט מער זאָרגען און עס קלאַפּט, ווי א ווילדע דאָס האַרץ...

מען זיך דער וואָרט שרייען — מיר'ן פאָלגען, נאָר דאָס קלאַפּען פון האַרץ, וועט ער נישט אָפּשטעלען.

דעם צווייטען מערץ ביינאַכט, האָבען מיר זיך איינגעשטעלט, ווי אַלע מאָל פאַר'ן שלאָף אין רייען און גענומען זינגען די „מאָליטוואַ" און נאָך דער „מאָליטוואַ" „באָזשע צאַריאַ כראַני".

נאָר בעת מען האָט שוין געענדיגט די „מאָליטוואַ" און אויף די ליפּען איז שוין געלעגען דער „באָזשע", האָבען זיך צו אונז אריינגעריסען א מחנה שינעלען פון אַנדערע ראָטעס און אַ געשריי געטון:

— זינגט נישט...

— נישטאָ קיין צאַר, אורא!

דער פעטרענקאָ מיט זיינע אַלע געהילפען זיינען בלייך געוואָרען, אין קאַזאַרמע איז געוואָרען אַ גוואַלדיגער טומעל, די רייען זיינען צעפאַלען געוואָרען.

איינער דעם צווייטען האָט איבערגעגעבען מאָדנע זאַכען.

— אוים, אוים, נישטאָ מער קיין נאַגאַיקע...

אַנדערע האָבען זיך געקושט, אַנדערע האָבען גענומען זינגען און איך בין געשטאַנען פון ווייטען און געקוקט, איך בין אויך געווען איבערראַשט, נאָר אין דער האַלב פינסטערע קאַזאַרמע האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועט זיך דערהערען אַ ווילדער בעס'ינער „סמירנאָ"!

און צו נעכטיגע שקלאַפען וועלען זיך אויסציען, ווי סטרונעס און שווייגען, ווי די בוימער אין וואַלד.

נאָר קיינער האָט נישט געשריגען. פעטרענקאָ אַליין האָט זיך אריינגעמישט אין די גרופּעס סאָלדאַטען און אויסגעהערט און איינגעהערט אַלץ.

דערנאָך זיינען די סאָלדאַטען אַרויסגעלאָפֿען אויפֿ'ן גאַס, אויפֿ'ן פֿעלד און זיך געלאָזען זינגען און שרייען „הוראַ!" „הוראַ!".

שפּעטער האָבען עטליכע סאָלדאַטען בעקומען ביקסען מיט קוילען און גענומען שיסען אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין, פּונקט, ווי זיי וואָלטען וועלען דורכשיסען די פינסטערניש און יעדער זאַלפּ איז בעגלייט געוואָרען מיט אַ נייעם „הוראַ".

שלאָפֿען האָט מען די גאַנצע נאַכט נישט געקענט, די גאַנצע וועלט, גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך פֿאַר די אויגען געדרייט, ווי אַ גרויסע פֿולפֿאַרביגע קאַרוסעל...

אַהיים! איצטער וועט מען פֿאָרען אַהיים. אַזוי האָבען די סאָלדאַטען געטראַכט. די רעוואָלוציע וועט דאָך מאַכען אַ סוף צו זייערע צרות און יעדערער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען אויף ס'ניי צו דערציילען.

— איך האָב אַ ווייב מיט דריי קינדער.

— איך האָב אַ ווייב אַ יונגיטשקע, מיט פֿינף דעסיאַטין ערד.

— איך האָב דאָרט אַ כלה אין דאָרף, זי בענקט...

און אין דער פֿינסטערער נאַכט איז געבוירען געוואָרען אַ גרויסע, גרויסע פֿרייד, אַנ'אַלגעמיינע פֿרייד, גרעסער פֿאַר דער נאַכט מיט די גרויסע קאַזאַרמעס, גרעסער פֿאַר די הימלען מיט די וועלדער אַרום...

הוראַ!

נאָכאַמאָל האָט ערגעץ אַ דונער געטון דער געשריי, נאָכאַמאָל אַ שאָס.

איך בין שפּעט איינגעשלאָפֿען, קיינער האָט מיך נישט געוועקט אויף „זאַניאַטיע".

אינדערפֿרי, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען אויף דעם הויף פֿון קאַזאַרמע, האָט די אויגען געבלענדט דאָס רויטע פֿאַרב אַרום, פֿון וואַנען האָבען זיי אַזוי פֿיל רויט געוואַנט גענומען די סאָלדאַטען?

לערנען אויפֿ'ן פּלאַץ איז דאָן מער קיינער נישט געגאַנגען, נאָר יעדערער איז געשטאַנען מיט אַ קעשענע סעמעטשקעס און געקנאַקט און געשצירעט מיט די ציין.

עס האָט זיך אָנגעהויבען די פֿרייהייט:

צום ערשטען האָבען זיי אַרויסגעשלעפּט דעם קוכאַר, אים אויס-

געשמירט מיט בלאָטע דעם פּנים און געפירט איבער'ן שטעדטעל מיט
אַן אויפגעשריפט אויפ'ן ברוסט: „גנב".

ער איז געגאַנגען און געוויינט און אַ גאַנצע מחנה האָט געלאַכט
און געהוליעט אַרום אים...

— פאַרוואָס האָסטו גענעבען קאַשע און קרויט מיט ווערעם?!
ער האָט זיך געבעטען, אַז ער איז נישט שולדיג.
און דיין פעטער קאַרק איז שולדיג?
די גאַנצע פלייש האָסטו אויפגעפרעסען...
און מען האָט אים גענימען שלאָגען.
דאָס זיינען געווען די ערשטע „פרייע" קלעפּ, וואָס די רעוואָלוציע
האָט געשאָנקען אַ פרייען בירגער.
מיר איז דעמאָלט אומעטיג געוואָרען.

קאַפּיטאַן וועדעסינאָוו.

אַ מענש מיט העכערע בילדונג, מיט צוויי אוניווערסיטעט-צייכענס אויף דער ברוסט, העלפט ער פּאַטשען די סאָלדאַטען נישט ווייניגער, ווי דער פעלדפעבעל דראָס.

דאָס איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר'ן משוגעים-הויז. אין די יונגע יאָרען האָט ער געהוליעט אין פּעטערבורג, געבראָכען שפּיגלען און פער-ברענגט די נעכט אין די שיינקען און ביים קאָרטען-טיש. מען פלעגט וואונדער דערציילען פון זיינע פריערדיגע סקאַנדאַלען און פאַר זיינע נוטע מעשים האָט מען אים, אַ געוועזענעם שטאַב-אָפיציר, אַראָפּגעשיקט אין אַ פּיעכאָטנע פּאָלק אלס אַ געוויינליכען מאַרשיר-אָפיציר.

אָנהויב מלחמה איז ער אוועק אויף דער פּאָזיציע און איז פער-וואונדערט געוואָרען אין אַ פוס, איז ער שטענדיג געגאַנגען מיט אַ שטעקען און אלס אַ האַלבען אינוואַליד, האָט מען אים געגעבען די נישט פעראַנטוואָרטליכע קאָמאַנדע פון אַ ראָטע.

אין שטעדטעל, וואו אונזער פּאָלק איז געשטאַנען האָט מען אים גוט געקענט. ווי אַ משוגענער הונט פלעגט מען אים אויסמיידען. וויל ריידען מיט אים נאָכאַמאָל האָט מען נישט געקענט. ער פלעגט שטענ-

דיג, שרייען, זידלען און לאפען זיך צום רעוואָלווער.

ער פלעגט גיין איבערן קאזארמע און בעגעגנען די סאָלדאַטען. ביי איינעם איז די היטעל געווען אויף א זייט:

— העי דו, פיינער יונג! צען שמיץ...

ביי א צווייטען איז דער פאס אויפ׳ן שינעל נישט געווען גוט אנגעצויגען:

— העי, מערזאַוועטץ, צען שמיץ...

ער איז געגאַנגען און געהאָרפען די ליבע פראַוע זיינע און די סאָלדאַטען פלעגען ציטערן פאר אים, ווי פאר א טייוועל, מען פלעגט זיך פאר אים בעהאַלטען, אויסמיידען אריינצופאַלען פאר אים אין די אויגען.

צו איינעם א סאָלדאַט, א סטאָליער, האָט ער זיך צוגעטשעפעט, אז יענער זאָל אים מאַכען מעבעל און דער סאָלדאַט האָט געאַרבייט הרשים ביי אים און לויט וועדעטינאָוו׳ס משוגענעם פּלאַן א גאַנצע שטוב מעבעל אים בעשאַפען, צום סוף האָט ער אים נאָך אָפּגעשמיסען, ווייל ער האָט שלעכט פּאָליטירט א שאַפע.

אלע האָבען געדעכענט אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע, אז וועדעטינאָוו וועט איצט ביי דער פרייהייט שלעכט אָפּשניידען, נאָר ער האָט געהאַט גליק; די סאָלדאַטען האָבען אים געהאַלטען פאר א משוגענעם און אלס אַזעלכען האָבען זיי אים אַלץ מוחל געווען.

אין ראַטע פלעגט ער שוין די לעצטע צייט נישט קומען, ער האָט מורא געהאַט, ווי אלע אָפיצירען.

און אַרום, אויף די קאזארמעס האָבען געפלאַטערט רויטע, גרויסע, משוגה׳דיגע פאָנען, אויף אלע טירען, אויף אלע פענסטער.

וואו מען האָט נאָר בעקומען א שטיקעל רויטע שטאָף, האָט מען עס באלד אַרויסגעהאָנגען אויף די גרויסע, פערכמורעטע מויערן פון אונזער קאזארמע.

און אויף זיך אליין האָט מען אויך גענוג רויטס אַרויסגעשלעפּט, האָס מער רויטע פארב, אלץ גרעסער בעדאַרף אויסזעהען דער רעוואָלוציאָנער.

וואו „זאַניאַטיע"? וואו דיסציפּלין? אזא גרויסע און מעכטיגע אָר-גאַניזאַציע דאָס איז געווען די קאזארמע מיט אירע נאטשאַלניקעס און

איצטער...

סעמעטשקעס, לידער און ליגען אויפ'ן שוועל און זיך ווארעמען אויף דער פרילינגס זון...

ליגען זיי אזוי די סאָלדאַטען און פלוצלונג, ווערעטינאָוו גייט. ער האָט זיך איינגעשטעלט און איז געקומען.

די סאָלדאַטען האָבען אים דערזעהן און גענומען זיך וויצלען אויף זיין רעכנונג:

האַ! ווערעטינאָוו גייט, לאַ, כאַ, ווערעטינאָוו...

און אַ צווייטער סאָלדאַטעל האָט אים גענומען נאָכמאַכען:

— צען שמיץ, סוואָלאַטש.

ווערעטינאָוו איז געגאַנגען ווייטער און ער וואָלט אזוי געווים דורכ-געגאַנגען בשלום, האָט אָבער איינער בעמערקט, אַז ער טראָגט אויף זיך גוטע שטיוועל און דאָ האָבען די סאָלדאַטען נישט אויסגעהאַלטען, אויף גיך איז געוואָרען בעשלאָסען צו צונעמען ביי ווערעטינאָוו'ען די שטיוועל.

און מען האָט אים אויסגעטון.

באָרוועס איז ער געבליבען שטיין נעבען קאַזאַרמע. און אַ גאַנצע מחנה פרייליכע סאָלדאַטען מיט פענאַנדערגעשפּילעטע שינעלען שטייען דערביי און לאַכען.

ער איז אַריינגעלאָפען אין קאַזאַרמע און זיך בעהאַלטען, אַ לאַנ-גע צייט איז ער אַזוי געזעסען אין קאַזאַרמע, סוף-כל-סוף האָט ער זיך איינגעבעטען ביי א סאָלדאַט ער זאָל אים ברענגען פון זיין היים אַ צווייטע פּאָר שטיוועל.

פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען אזוי רוהיג, אזוי שווייגענדיג, פּונקט, ווי די אויגען וואָלטען זיך אים איצטער עפענען און ער האָט ערשט איצט דערזעהן, אַז זיין קראַפט איז שוין געשטאָרבען, ער וועט שוין מער נישט רעגירען.

ער האָט אַליין אָנגעגעבען א פּאַפּיר, אז ער וויל גיין אויף דער פּאָזיציע, נאָר דער סאָלדאַטסקער קאָמיטעט, האָט אים נאָך אַלץ גע-האַלטען פאַר משוגע און מען האָט אים ענטזאָגט אין זיין בקשה.

אין גיכען איז ער ערגעץ פערפאַלען געוואָרען אינגאַנצען, דער העלד פון די „צען שמיץ".

מיר פאָרען צום פראָנט.

די גרויסע דיסציפלינירטע אַרמעע איז צעפאַלען געוואָרען. אַהיים זיינען נאָך נישט אַלע אַנטלאָפען, אין קאַזאַרמע זיינען נאָך געבליבען געגוג סאָלדאַטען און די אַגיטאַציע פאַר און געגען מלחמה איז געווען אין פולען ברען...

עס זיינען אָנגעפאָרען אַגיטאַטאָרם פון פעטערבורג און מאָסקווע. א גאַנצען טאָג האָט מען זיך געאַמפערט.

— מיר מוזען שטרייטען, שרייט איינער. עס לעבע די אַרמעע, עס לעבע קערענסקי. –

און די טויזענטער מיילער פון די גראָע שינעלען שרייען:

— עס לעבע קערענסקי, עס לעבע די אַרמעע.

— מיר טאָרען נישט שטרייטען, שרייט א צווייטער, גענוג בלוט, גענוג קאַליקעס, נידער מיט דער מלחמה!

— נידער מיט דער מלחמה! שרייט שוין די גראָע מאַסע אין שינעלען.

מען האָט באמת נישט געקאָנט דערגיין, וואָס זי וויל די דאָזיגע מאַסע, וועלכע איז נאָרוואָס געווען אַזוי אונטערטעניג און מיט אַמאָל

קומט מען גאָר צו איר פרעגן עצות.

שפעטער האָט זיך אָרגאַניזירט אַ באַטאַליאָן, וועלכער האָט זיך געקליבען צו גיין אויפ׳ן פראָנט. אַלע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען נאָך אויפ׳ן פראָנט נישט געווען, האָבען איצט געמוזט גיין. איך בין אויך געווען אין דעם צאָל פון די לעצטע.

מען האָט אונז באַגלייט מיט מוזיק און נאַצאַמאָל מיט מחיק, מיט רויטע פאָנען און לידער, מען האָט אונז אַריינגעשטופט אין די אומהיימליכע וואַגאָנעס און מיר האָבען זיך געריכט אין וועג אַריין.

ערשט אין וועג, האָב איך דערזעהן, וואָס דאָ טוט זיך מיט דער אַרמעע.

עס זיינען געפלויגען צוגען מיט זעלנער אהער און אהין, פון פראָנט און צום פראָנט. אָנגעשטיקט און אָנגעפאַקט אויף די טרעפלעך פון די וואַגאָנעס, אויף די דעכער. עס לויפט אזוי אַ צוג מיט׳ן גאַנצען אומפעט און פון די פענסטער שטעקען סאָלדאַטסקע שטיוועל, דער סאָל-דאַט אַליין איז אַריין, אָבער די פיס זיינע, זיינען געבליבען הייגען אין דרויסען און נישט אַהין און נישט אַהער.

אויף אַלע סטאַנציעס זיינען געלעגען סאָלדאַטען: שינעלען, שינע-לען, שינעלען... סעמעטשקעס און סעמעטשקעס.

דאָרט רויטע פאָנען און דאָ רויטע פאָנען.

ערגעץ-וואו האָבען סאָלדאַטען אַליין פערכאַפט אַ צוג און געלאָ-זען זיך לויפען... איז אָנגעקומען אַ צווייטער צוג אַנטקעגען און עס זיינען געפאַלען קרבנות. ליגען אויף ביידע זייטען רעלסען צעבראָכענע וואַגאָנעס, רעדער און שטיקער אייזען...

דער צוג לויפט און דעקט אויף אַלץ נייע בילדער פון אַנאַרכיע און אָרדנונג.

אויף איין סטאַנציע ליגט אַ דער׳הרג׳עטער מאַשיניסט, ער האָט נישט געוואָלט פאָרען, בעת די סאָלדאַטען האָבען אים יאָ געהייסען פאָרען האָט ער דערפאַר מיט׳ן לעבען בעצאָלט.

און מיט מיר אין וואַגאָן זיצט מיכאַילאָוו און האַלט די האַנט אין זיין גרויסער באָרד און זיפצט כסדר.

— די פרייהייט, זאָגט ער צו מיר, איז אויך אַ נישקשה׳דיגע חיה... אויך זי דערהרג׳עט.

ער פערדוקט זיך טיפער אין „טעפלושקע" און גייט נישט ארויס אויף קיין סטאנציע און עסט נישט.

און ביי אונז אין די וואגאנען ווערט אלץ ווייניגער מענשען.

פון טויזענט מענשען זיינען געבליבען עטליכע הונדערט. וואס נענטער צום פראנט אלץ ווייניגער אנשי-חיל.

אויף דער סטאנציע בירזולע, כאפען זיך אריין צו אונז אין די וואגאנען א סך ציווילע מענשען, מענער און פרויען מיט פעק און קוישען. אלערליי ספעקוליאנטען פארען מיט אונז.

און די זעלנער צעלויפען, מיט וועמען וועלען מיר עס קעמפען.

קומענדיג קיין בענדערי, האט מיך דער פראפארטשיק איבערגעגעבען איך זאל מאכען א „פראווערקע": איך האב גערופען און געציילט די סאלדאטען.

מער, ווי עטליכע צענדליג זיינען נישט געווען, און די עטליכע צענדליג האבען זיך איינער פאר דעם צווייטען געשעמט: צו וואס זיינען זיי דא געבליבען, בעת אלע זיינען זיך צעלאפען.

אויף די גאסען האבען זיך ארומגעשלעפט הונדערטער אפגעריסענע, בייזע זעלנער, זיי האבען מיט קנאה געקוקט אויף די וועלכע עס האט זיך איינגעגעבען צו כאפען אנ'ארט אין א וואגאן.

און צו אונז די ניי-אנגעקומענע האבען זיי זיך געווענדעט מיט כעס:

— צו וואס זענט איר דא געקומען? פאר אונז איז אויך נישטא קיין ברויט...

און ווער קעמפען? וואס רוסלאנד? בייזע פויסטען האבען זיך געהויבען אויף די אגיטאטארס, וועלכע האבען געפרובט ריידען, אז מען מוז מלחמה פירען.

אויסגעפייניגטע, איינגעפאלענע אויגען האבען געבלאנזשעט אין דער קויטיגער בענדערי און ביי דער גאנצער ליניע פון פראנט:

זיי האבען זיך געריסען אהין צום גרויסען רוסלאנד, וואו די רעוואלוציע האט פערניכטעט און צעשטערט פיל מער, ווי זי האט אליין געוואלט.

אינהאלט:

I. צעבראכענע זיילען:

זייט

די גלייכגילטיגע — 5
מאָסקווע רעדט — 6
מען קניט — 10
מען טיילט — 12
העי, גענעראַל — 14
ביינאַכט — 16
דער סטאַטסקי סאָוועטניק — 17
פושקין אָהן א קאָפ — 19
די לעצטע — 24
אין די מתים-שטיבלעך — 26
לויות — 28
א העלד — 30
א קרבן פון דער פרייהייט — 32
א כאַסקאַראַד — 33
בלאָנדע לאָקען — 36
צוויי וועלטען — 38
אויף דער ארבעט! — 40
שליטעלעך — 43

זייט

סוכאָרעווקע — 44
אין די וועלט — 46
העלפאַנט־ביין — 47
פון מיין פענסטער — 52
אין די אומרוהיגע טעג — 58
בלומען — 59
די קרומע רעוואָלוציע — 60
אַ פרימאָרגען אין קיעוו — 61
בלענקעט־געל — 66
אין ליוואַדיע — 67
דער רויטער זעגעל — 71
אויף אַי־פּעטרי — 77

II. די גלאָקען.

די גלאָקען — 81
אויפ'ן הויף פון תלמוד־תורה — 87
אָרשע — 92
בלוט און בלומען — 97
מיין לאַסט — 101
אַזאַטעאָז — 105

III. אין שינעל.

יעפרייטאָר שאַווטשענקאָ — 110
מיין זוואָדני פעטרענקאָ — 114
פעלדפעבעל דראָס — 117
דראָס היילט די סאָלדאַטען — 120
די באַגאָדיעלנע — 122
איך פאַרטראַכט זיך — 123

	זייט
דער שינעל	125
צוליעב אַ שנייעלע	127
פּאָפּקאַ	130
אונזערע אידיליעס	135
צוקער	138
אַ טלית	140
שמיץ	141
„זשידי, מאָליס"	145
„קריטשי, אוראַ!"	149
מיין קיטען	152
עס לעבע די בינע!	153
ברויט	154
די באָסע קאָמאַנדע	155
סלאָוועכטנאָסט	156
פעברואַר 1917	159
קאַפּיטאַן ווערעשטשאָוו	164
מיר פאָרען צום פראָנט	167